STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04107

# DI ELTSTE YIDISHE YISHUVIM IN MIZREH-EYROPE

B. Nadel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. נאדעל

# די עלטסטע יידישע ישובים
# אין מזרח-אייראָפּע

ב. נאַדעל

# די עלטסטע יידישע ישובים אין מזרח-אייראָפּע

פארלאג יידיש בוך ווארשע

1961

B. NADEL

# NAJSTARSZE OSIEDLA ŻYDOWSKIE W EUROPIE WSCHODNIEJ

Redaktor: B. MARK

רעדאַקטאָר: ב. מאַרק

WYDAWNICTWO „IDISZ BUCH" WARSZAWA, NOWOGRODZKA 5

Nr zam. 274. Nakład 2700 egz. Druk ukończono w marcu 1961 r.
Ark. druk. 8,25, wydawniczych 6. Papier druk sat. kl. V 61 × 86, 70 g.
Druk. RSW „Prasa", Warszawa, Tarczyńska 8. C-71

דעם אָנדענק פון מיין פאָטער
**יצחק באַדעל**, אינסטרוקטאָר
פון ווילנער יידישן טעכניקום
(1942—1883) און פון מיין מוטער
**אסתר באַדעל־טרו־**
**באָטשיסט** (1943־1885).

# הקדמה

דער באַגין פון דעם יידישן קיבוץ אין פוילן און רוסלאַנד איז נישט אויסגעוואַקסן אויף קיין פוסטן באָדן. נאָך איידער עס זענען אויפגעקומען די ערשטע יידישע ישובים אין אוקראַינע און פוילן זענען שוין יידן געווען אין מזרח אייראָפּע. נאָך אין אַלטערטום האָבן עקזיסטירט יידישע קהילות אין דרום־רוסלאַנד (קרים, צפון־קאַווקאַז), און די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג פון דעם קאַפּיטל פון דער עלטסטער יידישער געשיכטע אין אָט די געביטן איז אַ וויכטיקער צושטייער צו דער וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק. ליידער זענען די מקורים זייער קנאַפּע און באַלייכטן נאָר געוויסע מאָמענטן פון דעם פּילזייטיקן לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין יענער תקופה, ווי למשל — שקלאַפן־באַפרייונג, אָרגאַניזאַציע פון רעליגיעזן לעבן צווישן האַלבע גרים, געאָגראַפישע פאַרשפּרייטונג פון די יידישע קהילות, ידיעות וועגן בתי־תפילה און בית־עלמינס אאַ״וו. אַזעלכע וויכטיקע פּרטים ווי די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע לאַגע פון די דאָזיקע יידן, זייער אָפּשטאַם און באַציונגען מיט די אַנדערע יידישע קיבוצים זענען כמעט נישט באַוווסט. געוויסע השערות קאָנען דאָ געמאַכט ווערן מיט דער הילף פון אומדירעקטע קוועלן, וואָס זענען נוגע די יידן אין טראַנסקאַווקאַז און אין דער העלעניסטישער דיאַספּאָרע (פון גריכיש־צעשפּרייטונג, גלות). מיט דעם דערקלערט זיך אויך דער בוי פון דעם דאָזיקן בוך, אין וועלכן עס ווערן באַלויכטן **נאָר די פּראָבלעמען, וואָס זענען דאָקומענטאַל באַקאַנט און האָבן אַן אָנשפּאַר אין מקורים.**

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער קנאַפּהייט און פראַגמענטאַרישקייט פון די קוועלן שפּילט דאָ ווייטער אַ ספּעציעל גרויסע ראָל זייער **פילאָגישע אינטערפּרעטאַציע** און **דאָס אויסנוצן פון פּאַראַלעלע מאַטעריאַלן** פון לעבן פון די יעניקע יידישע קהילות אין אַלטערטום, וועלכע זענען פאַרהעלטנישמעסיק אַ סך בע־

סער באַקאַנט, ווי, למשל, ר ו י ם און אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר י ע. איך בין טיף איבערצייגט, אַז נאָר אַ רייכער און באַדייטנדיקער פּאַראַלעלער מאַטעריאַל קאָן דינען אַלס פעסטער יסוד פאַר היסטאָרישע אויספירן דאָרטן, וווּ עס פעלן דירעקטע אָנווייזונגען. מיט דעם דערקלערט זיך, וואָס אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען ווערט געלייגט די געהעריקע אויפמערקזאַמקייט אויף אַזעלכע מין פאַרגלייכן און פּאַראַלעלן.

היות ווי די מקורים גופא זענען אויפגעשריבן אין דער גריכישער שפּראַך, וועלכע שטאַמען אָפּ פון די אַרכעאָלאָגישע פאָרשונגען, האָב איך ספּעציעל שטודירט זיי אין די סאָוויעטישע מוזייען און אויך באַזוכט אין די יאָרן 1941, 1955 און 1957 די שטעט ביים שוואַרצן ים, וווּ זיי זענען אָפּגעפונען געוואָרן. די רעזולטאַטן פון די אייגענע פאָרשונגען זענען דורך מיר פאַרגעלייגט געוואָרן אין דער פאָרם פון אַ דיסערטאַציע־שריפט אין 1947. אין דעם דאָזיקן בוך זענען אין אַ פּאָפּולערער פאָרם פאָרגעשטעלט די הויפּט־אויספירן פון די פאָרשונגען. אַ באַוואָרעניש דאַרף געמאַכט ווערן בנוגע קאַווקאַזישע מקורים, וווּ דער מחבר איז אָפּהענגיק פון די עקזיסטירנדיקע סינטעטישע באַאַרבעטונגען, היות ער גופא איז נישט קיין ספּעציאַליסט אויפן געביט פון קאַווקאַזישער פילאָלאָגיע.

דער מחבר.

וואַרשע, אַפּריל 1958 יאָר.

קאַפּיטל I

# מקורים און היסטאָריאָגראַפיע

נאָך אין אָנהייב פון פאַריקן י״ה האָט מען וועגן דער געשיכטע פון די ייִדן אין מזרח=אייראָפּע אין אַלטערטום בכלל נישט געהאַט קיין שום א נ ו נ ג, היות נישט נאָר די תנ״כישע, נאָר אויך די תלמודישע טראַדיציע ווייס כמעט גאָרנישט וועגן דעם. דאָס זעלבע איז צו זאָגן וועגן די גריכישע און רוימישע שרייבער, וועמענס ווערק זענען צו אונדז דערגאַנגען. ערשט אין 1825 יאָר איז געפונען געוואָרן אין קרים די ערשטע אויפשריפט אין דער גריכישער שפּראַך, וואָס האָט א שייכות צו ייִדן *), און מען איז געוויר געוואָרן, אז שוין אין ערשטן יאָרהונדערט האָבן דאָ געלעבט און געשאַפן ייִדישע מענטשן.

דאָס ביסל, וואָס מיר ווייסן וועגן ייִדישן קיבוץ אין קרים און אויף צפון=קאַווקאַז אין יענע צייטן, שטיצט זיך אויף עפּיגראַפישע מקורים (אויפשריפטן), געפונענע ביי ארכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אויפן אָרט פון די אַמאָליקע ישובים וווּ ייִדן האָבן געלעבט. עס איז נויטיק צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דער באַדייטונג, אָפּשטאַם און היינטיקן צושטאַנד פון די אויפשריפטן. די אויפשריפטן (פאַרשטייט זיך, אָריגינעלע און נישט קיין געפעלשטע) אויף שטיינער שטעלן מיט זיך פאָר זייער וויכטיקע היסטאָרישע דאָקומענטן, וועלכע שטאַמען דירעקט פון דער צייט, ווען מען האָט זיי אויסגעקריצט. יעדעס וואָרט און אויסדרוק אין אַן אַנטיקער אויפשריפט איז אַן אויטענטישער באַווייז, אז דעמאָלט האָבן מענטשן אַזוי געשריבן, אַזוי גערעדט און געטראַכט. אין דעם זין איז דער אָביעקטיווער

---

* אמת, שוין אין אָנהייב XIX י״ה איז געווען באַקאַנט די אויפשריפט וועגן דעם בית=תפילה אין אָ ל ב י ע (אין לימאַן פון טייך בוג ביים שוואַרצן ים), נאָר מען האָט זי לאַנג נישט געהאַלטן פאַר קיין ייִדישע (זע ווייטער ז׳ 43, 77).

היסטאָרישער ווערט פון אויפשריפטן א סך וויכטיקער, ווי פון כתבים, וועלכע מען פלעגט איבערשרייבן פון דור צו דור, אַזוי אַז איצט איז אָפטמאָל אַפילו שווער פעסטצושטעלן, וויפל ענדערונגען, פעלערן און פאַרקריפּלונגען פון טעקסט מען האָט דערביי געמאַכט.

אמת, שטיינערנע דאָקומענטן האָבן אויך אין געוויסע פאַלן חסרונות אַלס היסטאָרישער מקור, אָבער דאָס איז פאַרבונדן נישט מיט זייער עצם אינהאַלט, נאָר מיט די באַדינגונגען, אין וועלכע זיי זענען צו אונדז דערגאַנגען.

עס איז באַקאַנט, אַז דער גרעסטער טייל זאַכן, וועלכע מען געפינט ביי אַרכעאָלאָגישע פאָרשונגען פון אַמאָליקע ישובים, איז נישט געוואָרן ספּעציעל באַגראָבן אין דער ערד. צוליב אַטמאָספערישע דערשיינונגען, אונטער דער ווירקונג פון וואסער און ווינט, אָדער אין רעזולטאַט פון מענטשלעכער טעטיקייט, ווערן חרוב געוואָרענע איינצלנע געביידעס און גאַנצע קיבוצים באַדעקט מיט אַ שיכט ערד, אויף וועלכער ס'באַזעצן זיך אין די שפּעטערדיקע היסטאָרישע עפּאָכעס נייע איינוווינער. די מעשה חזרט זיך איבער, ווייל ישובים ווערן פאַרלאָזן דורך מענטשן צוליב פאַרשיידענע סיבות, צוממערסטן אָבער אין רעזולטאַט פון מלחמות און שׂרפות, און אַזוי אין משך פון דורות וואַקסט אויס אַ דיקער ערד־שיכט פול מיט סימנים פון דער אַמאָליקער מאַטעריעלער קולטור (געשיר, כלי־זין, געביידעס אא״וו). אַזוי ווי די קולטור־רעשטן פון פאַרשיידענע ציטן אונטערשיידן זיך צווישן זיך, איז דאָ אַ מעגלעכקייט גאַנץ גענוי צו אונטערשיידן אין דעם ערד־שיכט, וואָס מען דעקט אויף ביי אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען, אַ ריי פלאַסטן, וואָס שטאַמען פון פאַרשיידענע תקופות (אַלטגריכישע, העלעניסטישע, רוימישע, ביזאַנטינישע); דאָס איז זייער אַ וויכטיקער מאָמענט. אַדאַנק אים קאָן מען מער אָדער ווייניקער וויסן, פון וואָס פאַר אַ צייט און פון וואָס פאַר אַן אומגעבונג עס שטאַמען די געפונענע זאַכן און במילא אויך די אויפשריפטן. ספּעציעל וויכטיק איז דאָס פאַר אויפשריפטן, וואָס זענען נישט דאַטירט. ערגער איז, ווען די אויפשריפטן זענען געפונען געוואָרן צופעליק (דאָס הייסט — ביים לייגן אַ פונדאַמענט, גראָבן אַ ברונעם אא״וו) אָדער דורך דילעטאַנטן־ליבהאָבער אין פאָריקן יאָרהונדערט, ווען די אַרכעאָלאָגישע וויסנשאַפט איז בכלל געלעגן אין די ווינדעלעך.

אַזוי אַרום, אויב אויפן שטיין איז נישטאָ קיין גענויע דאַטע (אין די פּריוואַטרעכטלעכע אויפשריפטן, וועלכע מיר אַנאַליזירן דאָ ווייטער,

טרעפט עס זיך נאָר דאַן, ווען דער שטיין האָט זיך בלויז טיילווייז דערהאַל־טן) און קיין „אַרכעאָלאָגישן פּאַספּאָרט" האָט דער שטיין אויך נישט, קאָן מען די דאַטע פעסטשטעלן אָדער מיט דער הילף פון טעקסט גופא אָדער לויט דער שריפט, היות די גריכן האָבן אין פאַרשיידענע קאַנטן און פאַרלויף פון דער אַנטיקער תקופה אָנגעווענדעט פאַרשיידענע שריפט־וואַריאַנטן.

ווייטער, ווען מען געפינט א מצבה, איז קלאָר, אַז אין דעם אָרט האָט זיך געפונען א יידישער בית־עולם, אָבער וואָס טוט מען, ווען מען געפינט אויף א שטיין, א רעכטלעכן דאָקומענט און מען ווייסט נישט, אין וואָס פאַר אַן אַרכעאָלאָגישער סביבה ער איז געפונען געוואָרן? מען קאָן גלייבן, אַז דער שטיין איז געשטאַנען אין דער רעזידענץ פון גאָטאַריום (אין אַלטערטום זענען דאָס געווען אָפט טעמפּלען, בתי־תפילה). אָדער אפשר ביי די פאַראינטערעסירטע צדדים גופא און אַזוי ווייטער. דאָס אַלץ באַשווערט נישט אַזוי די אינטערפּרעטאַציע פון דאָקומענט אַליין, ווי דאָס אויסנוצן אים אַלס היסטאָרישן מקור אין זין פון טאָפּאָגראַפיע (פּלאַנירונג פון אַלטן ישוב, ווו ס'האָבן זיך געפונען זיינע וויכטיקסטע עפנטלעכע און פריוואַטע בנינים וכדומה).

וואָס שייך דעם טעקסט אויפן שטיין, דאַרף מען נעמען אין אַכט, אַז די שטיינער זענען געלעגן אין דער ערד אַרום צוויי טויזנט יאָר און אין א סך פאַלן זענען אָפּגעמעקט געוואָרן אותיות, ווערטער און גאַנצע שורות. אחוץ דעם איז א טייל שטיינער צעבראָכן געוואָרן צוליב בוי־טיצמים. אַזוי ווי קרים און טאַמאַן * זענען זייער אָרעם אין גוטע מינים שטיינער, פלעגט מען די שטיינער מיט גריכישע אויפשריפטן אויסנוצן אין די קאַנטן אין די שפּעטערדיקע צייטן אַלס שוועלן און מילשטיינער אָדער איינמויערן אַלס בוי־פּלימעס אין די ווענט פון פעסטונגען און קלויסטערס. אמת, אין א ריי פאַלן איז די אויפשריפט פאַרבליבן מער אָדער ווייניקער אומבאַשעדיקט ביזן XIX אָדער XX יאָרהונדערט, ווען זי איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון געלערנטע, אָבער אין פיל אַנדערע פאַלן האָט זי זייער שטאַרק געליטן: עס טרעפט, אַז עס איז אָפּגעבראָכן געוואָרן דער אָנהייב אָדער דער סוף, עס איז אָפּגעזעגט געוואָרן א ווינקל אָדער א העלפט שטיין אא"וו. דאָס אַלץ שאַפט, פאַרשטענדלעך, א גאַנצע ריי שוועריקייטן ביים לייענען ווידערגעפונענע פראַגמענטאַרע אויפשריפטן. ערשטנס, איז נייטיק פעסטצו־

* זע ווייטער ז' 15.

שטעלן דעם אַלגעמיינעם זין פון דעם טעקסט, אין וועלכן עס זיינען פון גאַנצע ווערטער אָדער שורות געבליבן פוסטע ערטער, צווייטנס, שטיצנדיק זיך אויף עלעכע אויפשריפטן אין הסכם מיטן אינהאַלט און סטיל פון גאַנצן טעקסט, האָרף מען ד ע ר ג ע נ צ ן די פוסטע ערטער פון טעקסט, דאָס הייסט, אז מען דאַרף זיך פֿערטראַכטן, וואָס פאַר א ווערטער און אויסדרוקן זיינען באמת געווען אויסגעקריצט אינעם שטיין. דערביי מוז מען זיך שטאַרק רעכענען מיט דעם, וויפל אותיות וואָלטן זיך געקאָנט געפינען אויפן אָפגעמעקטן אָרט, וואָס מען וויל דערגענצן. מיר וועלן דאָ ברענגען איין ביישפיל. אין דער אויפשריפט געפונען אַרום 1825 יאָר אין קערטש אויפן אָרט פון אַנטיקן פאַנטיקאַפאיאָן (זע ווייטער, געמעל נומ 2) איז דער טעקסט אַזוי פראַגמענטאַריש, אז די ערשטע אַרויסגעבער האָבן געהאַלטן, אז דאָס איז א דאָקומענט וועגן א ירושה. ערשט ווען מען האָט געפונען אין 1832 יאָר אין קערטש א צווייטע אויפשריפט, אין וועלכער עס רעדט זיך וועגן דער באַפרייונג פון א שקלאַף, און מען האָט זי פאַרגליכן מיט דער ערשטער, איז מען געקומען צום אויספיר, אַז דער ערשטער דאָקומענט איז אויך א שקלאַפן=באַפרייונג, היות ווי די אותיות י ע מ י, וועלכע ליגען זיך אין דער דאָזיקער אויפשריפט, זיינען א טייל פון גריכישן וואָרט א פ י ע מ י — „איך באַפריי“. דריטנס, דאַרף מען אויסטײַטשן דעם טעקסט, דערקלערן דעם זין פון ווערטער און טערמינען, וועלכע זיינען גאָרנישט באַקאַנט געווען ביז איצט, אָדער וועלכע זיינען געווען באַקאַנט, נאָר גאָר אין אַן אַנדער באַדייטונג. אַזוי, למשל, אין דער דערמאָנטער אויפשריפט פון קערטש ליינט זיך הייטלעך אַ וואָרט „טהאַפעיאַ“,* וועלכעס באַדייט אויף גריכיש — חניפה. אַזוי ווי אָבער פון דער גאַנצער פראַזע איז קלאָר, אַז אין דער דאָזיקער אויפשריפט קאָן דאָס וואָרט נישט האָבן אַזאַ מין באַדייטונג (דאָרט רעדט זיך וועגן „טהאַפעיאַ“ לגבי דעם בית=התפילה). איז מען על פי שכל געקומען צום אויספיר, אַז „טהאַפעיאַ“ האָט גאָר האָ אַן אַנדער באַדייט — פאַרערונג. אין א געוויסער צייט שפעטער האָט מען אָנגעוויזן אויף אַן אינטערעסאַנטער פאַראַלעל פון די

* די געאָגראַפישע און עטנישע נעמען ווערן געגעבן אין אַ גרעציזירטער טראַנסקריפציע (למשל, סקיטן אָנשטאָט סציטן), דערביי ווערן נישט איבערגעגעבן בדרך כלל די געמינירטע (דאָפלטע) קאָנסאָנאַנטן, דער אונטערשייד צווישן קורצע און לאַנגע וואָקאַלן און די קאָנסאָנאַנטן, וואָס האָבן געהאַט אַ ה=אַרטיקע באַפאַרבונג מיטן אויסנאַם פון טה אין די פאַלן, ווו עס ווערט געגעבן אַ פילאָלאָגישער אַנאַליז.

סעמיטישע שפּראַכן. דאָס העברעישע חונף (אונטערלעקער) באַדייט אויף אַראַביש — פרומער. אויב אַזוי, איז פאַרשטענדלעך געוואָרן, אַז אזא מין איבערגאַנג פון דער באַדייטונג פון דעם וואָרט „מהאָפּיאַ“ (חניפה — פאַרערונג) איז פאַרבונדן מיט געוויסע ספּעציפישע שטריכן פון דעם גריכיש, אויף וועלכן די דעמלטיקע יידן האָבן גערעדט.

מיט איין וואָרט: די ווידערגעפונענע אַנטיקע אויפשריפטן נייטיקן זיך אין א פילאָלאָגישן און זאכלעכן קאָמענטאַר, וועלכער דערמעגלעכט דעם מאָדערנעם מענטשן צו פאַרשטיין דעם אַמאָליקן טעקסט. אַזוי ארום, כדי צו זיין באַהאַוונט אין דער געשיכטע פון די יידן אין מזרח־אייראָפּע אין אַלטערטום, דאַרף מען גלייכצייטיק האָבן ידיעות פון אַ גאַנצער ריי וויסנשאַפטן: אַרכעאָלאָגיע, עפּיגראַפיק, פילאָלאָגיע, און געשיכטע. פאַקטיש אָבער האָט די לאַגע אין דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג פון דעם געביט אין XIX י״ה אויסגעזען אַזוי, אז די, וואָס האָבן די שטיינער געפונען, זענען מערסטנטייל געווען אַרכעאָלאָגן־ליבהאָבער אָדער סתם צופעליקע מענטשן. די עפּיגראַפיקער (א. בעק אין בערלין אין די פערציקער יאָרן און ו. לאַטישעוו אין פעטערבורג אין סוף XIX אָנהייב XX י״ה) זענען געווען גוטע פילאָלאָגן, אָבער זיי זענען נישט געווען קיין היסטאָריקער און אוודאי זיך נישט געגריבלט אויפן געביט פון יידישער געשיכטע. די יידישע היסטאָריקער (א. הרכבי אין רוסלאַנד, י. דערענבורג אין פראַנקרייך אין XIX י״ה און ש. קראוס אין דייטשלאַנד אין XX י״ה) האָבן זיך ספּעציעל נישט פאַרנומען מיט גריכישער פילאָלאָגיע, כאָטש זיי האָבן א סך אויפגעטאָן אין הלכות פון אויסטייטשן די געפונענע אויפשריפטן אין ליכט פון תנ״ך און תלמוד. ערשט אין סוף XIX י״ה האָט ע. שירער אין בערלין געמאַכט דעם ערשטן פרווו סינטעמיש אויסצוטייטשן דעם ווערט פון די אָפּגעפונענע אויפשריפטן פאַר דער יידישער געשיכטע אין דער אנטיקער תקופה *). נאָך אים זענען קיין ווייטערדיקע פרוון כמעט נישט געמאַכט געוואָרן **). די ניי־אַנטדעקטע אויפשריפטן זענען צוליב פאַרשיידענע סיבות בכלל נישט באַקאַנט געוואָרן דעם ברייטערן עולם. אַזוי ארום איז ביים היינטיקן טאָג דער גורל פון די יידישע קיבוצים אין מזרח־אייראָפּע אין די אַנטיקע צייטן נישט באַלויכטן, ווי עס באַדאַרף צו זיין.

---

* די ווערק פון די אויבנדערמאָנטע מחברים ווערן ציטירט אין דער ביבליאָגראַפישער רשימה אויף ז׳ 107־109.

** וועגן גודענאפס אַרבעט זע ווייטער ביילאַגע נומ. 4.

דעריבער מאַקע ליגן מיר פאָר דעם יידישן לייענער דאָס דאָזיקע בוך, וואָס שטעלט פאַר זיך די אויפגאַבע אויפסניי צו באַלייכטן דעם אַ נ ט י ק ן פ ע ר י אָ ד פון יידישער געשיכטע אין מזרח־אייראָפּע, ד. ה. — די פריסטע תקופה אין דער געשיכטע פון די יידן אין דעם דאָזיקן טייל פון אייראָפּעישן קאָנטינענט.

## קאַפּיטל II

# מזרח־אייראָפּע אין אַלטערטום

די געשיכטע פון די עלטסטע יידישע ישובים אין מזרח־אייראָפּע הייבט זיך אָן מער ווי מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק און איז פאַרבונדן נישט נאָר מיטן גורל פון יידישן פאָלק אין אַלטערטום, נאָר אין אַ געוויסער מאָס אויך מיט דער געשיכטע פון די מזרח־אייראָפּעישע לענדער אין דער אַנטיקער תקופה.

אין אַלטערטום האָט זיך אַ גרויסער טייל פון אייראָפּע געפונען אין דער איינפלוס־ספערע פון דער גריכיש־רוימישער קולטור. גריכנלאַנד אויף די באַלקאַנען און רוים אין איטאַליע זענען געווען די צוויי צענטערס, פון וואַנען די פּאָליטישע און קולטורעלע השפעה פון די גריכן און הערנאָך פון די רוימער האָט זיך פאַרשפרייט אויף דער דעמאָלטיקער „אָיקומענע" (פון גריכיש־באַוווינטע וועלט), וואָס האָט אַרומגענומען די לענדער אַרום מיטללענדישן ים אין אייראָפּע, קליין־אַזיע און צפון־אַפריקע. צפון־ און צענטראַל־אייראָפּע האָבן דעמאָלט נישט געהערט צו דער קולטורעלער וועלט. די גריכן, אָנהייבנדיק פון VII—VI י"ה פ. נ. ע. (פאַר דער נייער ערע) האָבן געשאַפן אַ גאַנצע ריי קאָלאָניעס אין פאַרשידענע פונקטן ביי די ברעגן פון מיטללענדישן און שוואַרצן ים. אויפן צפון־ברעג פון שוואַרצן ים זענען די וויכטיקסטע גריכישע קאָלאָניעס געווען: אָ ל ב י ע אין ליטמאַן פון טייך בוג (אויף צפון־מזרח פון היינטיקן אָטשאַקאָוו), כ ע ר ס אָ נ ע ס אין דרום־מזרח קרים (נישט ווייט פון היינטיקן סעוואַסטאָפּאָל), וועלכע איז אויפגעקומען אגב ערשט אין סוף פון V י"ה פ. נ. ע. ט ע אָ ד אָ ס י ע, פּ אַ נ ט י ק אַ פּ אַ י אָ ן (היינט קערטש) אויפן קערטשער האַלבאינדזל אין קרים, פ אַ נ אַ ג אָ ר י ע (נישט ווייט פון דער איצטיקער סטאַציע ס י ע נ אַ י אַ) אויפן טאַמאַנער האַלבאינדזל (דער מערבדיקסטער טייל פון צפון־קאַווקאַזער ברעג צווישן אַזאָ־

וועד און שוואַרצן ים) און ג אָ ר ג י פּ י ע (הײַנט אַנאַפּע), אַ ביסל דרום־מיזרחדיקער אויפֿן קאַווקאַזער ים־ברעג. אין דער רוימישער תּקופֿה האָט אַ באַדײַטנדיקע ראָלע געשפּילט אויך ט אַ נ אַ י ס אין דער לעפֿצונג פֿון טײַך דאָן (נישט ווײַט פֿון הײַנטיקן ראָסטאָוו).

אין V י״ה פֿאַראײניקן זיך די גריכישע שטעט אין מזרח־קרים און אויף טאַמאַן אין איין מלוכה, וואָס קריגט דעם נאָמען ב אָ ס פּ אָ ר (פֿון גריכיש דורכפֿאָר) פֿון דעם קערטשער ים־פּאַס, וועלכער האָט דאַן געהייסן דער קימערישער באָספּאָר. די הויפּטשטאָט פֿון דער מדינה איז געווען פּאַנטיקאַפּאַיאָן. מיט דער צײַט ווערן אַרײַנגעגלידערט אין דער מלוכה אויך די שבטים צווישן קובאַן און דאָן בײַם אַזאָווער ים און דאָס באָספּאָראַנישע קעניגרײַך ווערט גאָר פֿרי אַ מין העלעניסטישער מלוכה־אָרגאַניזם, וווּ גריכן הערשן איבער „באַרבאַרן“ (בוכשטעבלעך אויף גריכיש: „די וואָס רעדן אויף אַ נישט פֿאַרשטענדלעכן לשון“). אין קעגנזאַץ צו דער באָספּאָראַנישער מלוכה בלײַבן כערסאָנעס און אָלביע דעמאָקראַטישע רעפּובליקן, ווי דאָס איז באַקאַנט פֿון דער גריכישער געשיכטע. פֿון I י״ה פּ. נ. ע. שטעלט רוים איין איר הערשאַפֿט איבער אָלביע און כערסאָנעס און איר פּאָליטישע קאָנטראָל איבער דער באָספּאָראַנישער מדינה, וועלכע פֿאַרוואַנדלט זיך אין אַן אונטערטעניקער מלוכה פֿון דער רוימישער אימפּעריע.

אין עקאָנאָמישן זין האָבן די גריכישע שטעט בײַם צפֿון־ברעג פֿון שוואַרצן ים פֿאַרגעשטעלט מיט זיך זעלבשטענדיקע פּאָליסן (שטאָט־מלוכות), וווּ עס האָבן געבליט ערד־אַרבעט, מלאכה און האַנדל. דער עקספּאָרט פֿון תּבֿואה האָט פֿאַרנומען איינעם פֿון די ערשטע ערטער ביז III י״ה פּ. נ. ע. אַ באַדײַטנדיקע ראָלע האָט אויך געשפּילט דער האַנדל מיט שקלאַפֿן און דער פֿיש־עקספּאָרט.

אַנדערש האָבן אויסגעזען די עטנישע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַציונגען אין הינטערלאַנד. די פֿרוכטבאַרע שוואַרצימיקע סטעפּעס זענען געווען דער אָביעקט פֿון קאַמף צווישן פֿאַרשיידענע וואַנדער־פֿעלקער. די איראַנישע סקיטן האָבן אין VIII י״ה פּ. נ. ע. אַרויסגעשטויסן קיין קליין־אַזיע די ק י מ ע ר י ע ר (אַ פֿאָלק, מסתּמא, פֿון טראַקישן שורש, ווי די אורבאַפֿעלקערונג פֿון באַלקאַנישן האַלב־אינדזל) און באַהערשט די טעריטאָריע בײַם שוואַרצן ים פֿון צפֿון־קאַווקאַז ביז דניעסטר. פֿון V י״ה פּ. נ. ע. באַזעצן זיך אין די האָזיקע געביטן די סאַוראָמאַטן

אָדער ס א ר מ א ט ן (אויך אַ פֿאָלק פֿון איראַניש שורש) און אין I—II י״ה די א ל א נ ע ן (לויטן אָפּשטאַם קרובים פֿון די סאַרמאַטן).

אין עקאָנאָמישן זין האָבן די שבֿטים אין די סטעפּעס בײַם שוואַרצן ים פֿאָרגעשטעלט מיט זיך פֿאַרשיידענע שטופֿן פֿון אַנטוויקלונג: וואַנדערנדיקע שטאַמען (נאָמאַדן), האַלב־באַזעסענע פֿי־צוכטלער, באַזעסענע לאַנדווירטן א.אַז.וו. אין אָנהייב פֿון דער נייער צייט־רעכענונג הייבן אָן אַרײַנדרינגען אין די גריכישע שטעט אין קרים און אויף צפֿון־קאַווקאַז אַלץ מער און מער פֿאָרשטייער פֿון די אַרומיקע שבֿטים (סקיטן — סאַרמאַטן — אַלאַנען), פֿון די קאַווקאַזישע שטאַמען (אַדיגע אָדער קאַבאַרדינער־טשערקעסן, אַרמענער, גרוזינער) און מזרחדיקע פֿעלקער (ייִדן, סיריער, מצרים), וועלכע ברענגען מיט זיך נייע קולטורעלע השפּעות. די באַדייטנדיקסטע צווישן זיי איז געווען די השפּעה פֿון די איראַנישע לויט דער שפּראַך סאַרמאַטן, וועלכע זענען געווען אויך פֿאַרבונדן מיט דער פּערסישער (איראַנישער) קולטור. נישט געקוקט אויף דעם, איז דער לעבנס־שטייגער און דאָס קולטור־לעבן אין די שטעט בײַם שוואַרצן ים אין עצם געבליבן העלעניסטיש ביזן סוף פֿון דער אַנטיקער תּקופֿה.

אָט אין אַזעלכע מין היסטאָרישע באַדינגונגען איז אויסגעקומען צו עקזיסטירן דעם ייִדישן קיבוץ אין דרום־רוסלאַנד אין אַלטערטום.

## קאַפּיטל III

# דער אָפּשטאַם פון דער יידישער באַפעלקערונג אין מזרח־אייראָפּע

דער אָנהויב פון יידישן קיבוץ אין מזרח־אייראָפּע איז ענג פאַרבונדן מיטן פּראָצעס פון צעשפּרייטונג פון יידישן פאָלק צווישן די אומות העולם. דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון א ריי היסטאָרישע דערשיינונגען: א) *צוואַנגס־איבערזידלונג* (פאַרטרייבונג אין גלות) נאָכן פאַלן פון מלכות ישראל (722 פ. ג. ע.), וואָס איז באַזיגט געוואָרן דורך די אשורים, און מלכות יהודה, וואָס איז העראָבערט געוואָרן דורך די בבלים (586 פ. ג. ע.) און נאָכן אונטערדריקן דעם גרויסן אויפשטאַנד קעגן רוים אין די יאָרן 66—73 און דעם אויפשטאַנד פון בר־כוכבא (אין 135 יאָר), ב) *פּריווילִיקע עמיגראַציע*, אָנהויבנדיק פון די העלעניסטישע צייטן, און ג) *פּראָזעליטיזם*, ד. ה. די באַקערונג פון נישט־יידן צום יהדות. די האָזיקע דריי מאָמענטן האָבן געשפּילט אַלעמאָל א גרויסע ראָלע אין פּראָצעס פון פאַרמערן יידישע ישובים אין די אַנטיקע צייטן, כאָטש אין פאַרשיידענע פּעריאָדן איז דער באַדייט פון יעדן פון די דריי פאַקטאָרן געווען א באַזונדערער.

אַריבערגייענדיק צום פּראָבלעם פון אויפקום און אָפּשטאַם פון די ערשטע יידישע ישובים אין דרום־רוסלאַנד, מוז מען נעמען אין אַכט דריי מעגלעכקייטן, וועלכע אַנטשפּרעכן די היסטאָריש־געאָגראַפישע באַדינגונגען פון דעם יידישן ישוב אויפן צפון־ברעג פון שוואַרצן ים אין אַלטערטום: 1) די יידן אין דרום־רוסלאַנד זענען געקומען פון קאַווקאַז דורך יבשה און דורכן ים, 2) די ערשטע יידן אין קרים שטאַמען פון קליין־אַזיע, 3) די ערשטע יידן אין קרים זענען געקומען פון גריכנלאַנד.

לאָמיר גענויער אַנאַליזירן די דריי מעגלעכקייטן, אָנהייבנדיק פון טראַנסקאַווקאַז און מעזאָפּאָטאַמיע (בבל). עס איז באַקאַנט, אַז שוין אין דער פּערסישער תקופה (V י״ה פ. ג. ע.) זענען אין בבל און בשכנות געווען גרויסע יידישע קיבוצים, וועלכע האָבן געשטאַמט פון די פאַרטרי-

בענע איינוווינער פון ארץ־ישראל, הויפטזעכלעך פון יהודה (יודעא).

וואס שייך די פארטריבענע עשרת השבטים, איז איצט שווער פעסטצושטעלן, וווּ זיי האבן זיך גענוי צעזייט און צעשפרייט. עס איז כדאי צו דערמאנען, אז די יידן אין טראנסקאווקאז האט מען געהאלטן פאר א רעשט פון די פארטריבענע אין גלות עשרת השבטים. אויף דעם ווייזן אן א גאנצע ריי לעגענדארע מאטעריאלן. אזוי, למשל, לויט דער גרוזינישער טראדיציע זאל דאס פאלק פון די גוריער אין גרוזיע שטאמען פון יידן; לויט דער ארמענישער טראדיציע זאלן זיין פון יידישן אפשטאם די דינאסטיעס באגראטוני און אמאטוני. זיי זאלן אפנים זיין יורשים פון יענע יידן, וועלכע נבוכדנצר אדער דער ארמענישער מלך טיגראנעס (זע ווייטער ז׳ 24) האבן גענומען געפאנגען און אוועקגעפירט אין גלות. אין דער „געשיכטע פון ארמעניע" פון משה כארענאצי (V י״ה) ווערט דערציילט, אז די באגראטונים שטאמען אפ פון א געוויסן שאמבאט, איינעם פון די וויכטיקסטע יידישע געפאנגענע, וועלכן נבוכדנצר זאל האבן פארשיקט קיין ארמעניע.

ווייטער ווערן געבראכט אזעלכע פרטים: ארום II י״ה פ. ג. ע., ווען דער ארמענישער מלך האט איינגעשטעלט ארדענונג אין לאנד, האט ער באלוינט קודם־כל שאמבאטן — „דעם מעכטיקן און קלוגן מאן פון די יידן" און געגעבן זיין שטאם דאס רעכט ארויפצולייגן די קרוין אויפן קאפ פון די ארמענישע מלכים. עס איז פארשטענדלעך, אז מיר האבן דא צו טאן מיט א לעגענדארער געשיכטע, געשאפן אין דינאסטישע צוועקן, כדי אונטערצושטרייכן די אלטערטימלעכע אפשטאמונג פון די באגראטונים. אלנפאלס אונטערליגט אבער נישט קיין צווייפל, אז יידן אין ארמעניע האבן געשפילט א באדייטנדיקע ראלע שוין אין II י״ה פ. ג. ע. דאס דרינגט ארויס פון דעם אביעקטיוון אנאליז פון די דערמאנטע האלב־לעגענדארע פרטים. אבער דאס, פארשטייט זיך, גיט נאך אונדז נישט קיין רעכט צו רעדן וועגן יידן אין נבוכדנצרס צייטן אין ארמעניע. נאך וויכטיקער באדייט פארמאגט די „געאגראפיע פון גרוזיע" פון פרינץ וואכושטי (1746 יאר), כאטש זי איז אנגעשריבן אויפן סמך פון אלטע מקורים, וועלכע זענען פארלוירן געגאנגען. דארט ווערט דערציילט, אז ווען נבוכדנצר האט איינגענומען ירושלים, איז א טייל פארטריבענע יידן געקומען קיין גרוזיע און געבעטן דעם הערשער פון מצכעטא געבן זיי אן ארט, וווּ זיך צו באזעצן; דער מלך האט מסכים געווען און באשטימט זיי אן ארט אויפן טייך זאנאווו. צוליב די יידן האט דאס ארט

באַקומען דעם נאָמען ק ע ר ק, וואָס אפשר לאָזט זיך פאַרגלייכן מיטן אראַמישן כ ר ך (פעסטונג).

אַ סך וויכטיקער איז אַ לעגענדאַרע טראַדיציע, וועגן וועלכער עס דערמאָנט דער קירך-פאָטער ה י ע ר אָ נ י מ ו ס (געשט. 420). אינטערפּרעטירנדיק דעם ספר ז כ ר י ה שרייבט ער, אַז לויט דער יידישער טראַדיציע איז דאָס פאַרטריבענע אין גלות יידישע פאָלק פאַרשיקט געוואָרן דורך די אשורים און בבלים נישט נאָר אין מדי און פּרס, נאָר אויך קיין באָספאָר און אין צ פ ו ן-ל אַ נ ד („פּלאַגא סעפּטענטריאָנאַליס" אויף לייטיין).

וועגן וואָס פאַר אַ באָספאָר רעדט זיך דאָ?

ווי באַקאַנט זענען אין אַלטערטום געווען צוויי ים-דורכגוסן מיטן נאָמען באָספאָר: דער ט ר א ק י ש ע ר (איצט אויך באָספאָר ביי קאָנסטאַנטינאָפּאָל) און דער ק י מ ע ר י ש ע ר אין קרים. מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז אין טעקסט ביי היעראָנימוסן ווערט דער דאָזיקער באָספאָר דערמאָנט צוגלייך מיטן צפונדיקן גאַרטל. לויט די אַנטיקע געאָגראַפישע פאָרשטעלונגען האָט די צפון-זאָנע אַרומגענומען ס ק י ט י ע אָדער ס א ר מ א ט י ע, ווי מען האָט גערופן מזרח-אייראָפּע אין יענע צייטן לויט די עטנישע נעמען פון די פעלקער, וועלכע האָבן דאָ געוווינט. אויב אַזוי דאַרף מען פאַרשטיין אונטער דעם באָספאָר, וועגן וועלכן היעראָנימוס רעדט, טאַקע דעם קערטשער ים-דורכגוס. פון דעם דרינגט אַרויס אַזאַ וויכטיקער אויספיר: נ אָ ך א י ן ס ו ף פ ו ן IV י"ה ה אָ ב ן ד י יי ד ן א י ן א ר ץ-י ש ר א ל געהאַלטן זייערע ברידער ביים באָספאָר פ י ל וו יי ז פ אַ ר ק י נ ד ס-ק י נ ד ע ר פ ו ן ד י ע ש ר ת ה ש ב ט י ם.

צי קאָן מען באַשטעטיקן די דאָזיקע לעגענדאַרע טראַדיציע מיט געגעבענע פון יידישע מקורים?

מען מוז זאָגן, אַז די געביטן ביים שוואַרצן ים זענען שוין פרי געוואָרן באַקאַנט די יידן אין ארץ-ישראל. אויף אַ פאַרלאָרן געגאַנגענער פעניקיש-העברעישער וועלט-מאַפּע פון סוף VII י"ה, וועלכע איז באַקאַנט לויט דער עטיאָפישער (אַביסינישער) איבערזעצונג פון אַ גריכישער ווערסיע פון דעם ספר היובלים * — אַ ביבלישע אַפּאָקריפן-שריפט — פון

* פראַגמענטן פון העברעישן אָריגינאַל האָט מען נישט לאַנג אָפּגעפונען צווישן די כתב-ידן פון קומראַן ביים ים המלח.

אַרום 100 פ. ג. ע., לייענען מיר: „דער טייך ט י נ א גיסט אַריין זיינע וואַסערן אין ים מ ע א ט און דער ווידער פֿאַלט אַריין אין גרויסן ים". געלערנטע האַלטן, אַז לויט דער גאַנצער באַשרייבונג איז דאָ אונטערן נאָמען טינא געמיינט דער טייך ה א ל י ס אין קליין=אַזיע. מען מוז אָבער צוגעבן, אַז דער נאָמען טינאָ דערמאָנט אויסערגעוויינלעך דעם קאַווקאַזישן נאָמען פֿון טייך דאָן, וועלכער איז אין מיטלאַלטער געווען דאָס רוב באַקאַנט אונטערן נאָמען ט א נ א.

ווייטער אונטערן נאָמען „גרויסער ים" אויף דער אויבנדערמאָנטער וועלט=מאַפּע איז געמיינט דער מיטללענדישער ים. אַזוי אַרום באַדייט מסתמא דער י ם מ ע א ט אויף דער דאָזיקער מאַפּע נישט נאָר דעם אַזאָווער ים, וועלכן די אַנטיקע גריכן און רוימער האָבן גערופֿן „מ א י אָ ט י ס", נאָר אויך דעם שוואַרצן ים.

פֿון דעם דרינגט אַרויס גאַנץ קלאָר, אַז די בני=ישראל און די בני=יהודה האָבן געהאַט געוויסע פֿאָרשטעלונגען וועגן די דרום=רוסלענדישע טעריטאָריעס ביים שוואַרצן ים. עס קאָן זיין, אַז די פֿאַראינטערעסירונג מיט די געביטן און פֿעלקער, וועלכע האָבן דאָ געוווינט, זענען געווען אין עצם פֿאַרבונדן מיט דער גרויסער קימעריש=סקיטישער אינוואַזיע אין פֿאָדער=אַזיע אין VIII—VII י"ה און איר באַדייטונג אין דער דעמאָלטיקער וועלט=פּאָליטיק. ווי געזאָגט, זענען די קימעריער, וואָס האָבן געלעבט אין די דרום=רוסלענדישע סטעפּעס אַרויסגעשטויסן געוואָרן דורך די איראַנישע סקיטן קיין קליין=אַזיע. טיילן פֿון די סקיטן האָבן שפּעטער אויך אָרגאַניזירט גרויסע אָנפֿאַלן אויף פֿאָדער=אַזיע. אין שייכות מיט דעם קאָן שוין אין VIII י"ה פּ. ג. ע. דער ספר ב ר א ש י ת ג מ ר, דעם זון פֿון יפֿת, און א ש כ נ ז, דעם זון פֿון גמר. דער פֿאָלקס=נאָמען גמר אַנטשפּרעכט פֿולשטענדיק דעם אַשורישן ג י=מ י ר ר א=י און דעם גריכישן ק י מ מ ע ר י אָ י און אַשכנז ווערט אידענטיפֿיצירט מיטן אַשורישן אַ ש=ק ו ז=ז א און דעם גריכישן ס ק י ט=ה אַ י. דער ספר י ר מ י ה ו קאָן אויך צווישן די פֿעלקער, וואָס האָבן אין VII י"ה פּ. ג. ע. געדראָט אשור, א ש כ נ ז. שפּעטער קומען אפֿשר אויך צו אינפֿאָרמאַציעס וועגן די געביטן אַרום שוואַרצן ים פֿאַרבונדענע אין אַ געוויסער מאָס מיט די ערשטע יידישע איינוווינער פֿון די קאַנטן, וועלכע האָבן משמעות אַ שייכות צו די קינדס=קינדער פֿון די פֿאַרטריבענע אין גלות בבל.

די אַנאַליזירטע קאָמענטאַרן פֿון קירך־פֿאָטער היעראָנימוס מיט זייער האַלב־לעגענדאַרע ווערסיעס, וועלכע שטאַמען פֿון יידישע מקורים, באַשטעטיקן לויט אונדזער איבערצייגונג א מיטלאַלטערלעכע יידישע ידיעה וועגן ספֿרד ביים סקיטישן ים. די האַזיקע ידיעה איז דערגאַנגען אין אַן עפּיגראַף (צושריפֿט) פֿון אַ געוויסן יהודה בן משה אויף אַ כתב־יד, וואָס איז געפֿונען געוואָרן אין 1840 יאָר נישט ווייט פֿון דערבענט דורך דעם קאַראַימישן געלערנטן אברהם פֿירקאָוויטש. דאָרט ווערן אויך דערמאָנט יידישע געפֿאַנגענע, וועלכע האָבן זיך נאָכן חורבן בית־ראשון באַזעצט אין דער שטאָט מאַטאַרכאַ. נישט אַריינגייענדיק דערווייל אין א חקירה, צי איז דער כתב־יד פֿון פֿירקאָוויטש אַן אויטענטישער אין אַלע פּרטים, צי נישט, מוז מען אונטערשטרייכן, אַז די טראַדיציע וועגן ספֿרד אין קרים איז נישט קיין אויסגעטראַכטע מעשה. אויב אַפֿילו דער עפּיגראַף פֿון יהודה בן משה איז דורך פֿירקאָוויטשן איבערגעמאַכט געוואָרן, צי אַפֿילו אויסגעטראַכט געוואָרן, האָט ער דאָך די עצם ידיעות געשעפּט פֿון אַן אַלטערטימלעכן מקור. דאָס צונויפֿפֿאַלן פֿון געוויסע פֿאַקטן אין די דערציילונגען פֿון היעראָנימוס, פֿון דעם דערבענטער כתב־יד און פֿון משה פֿון כאָרענע גיט אונדז דאָס רעכט צו דענקען, אַז עס האָט עקזיסטירט אַן אַלטע יידישע ווערסיע, לויט וועלכער אַ טייל פֿון גלות שומרון און גלות יהודה זענען פֿאַרטריבן געוואָרן אויפֿן צפֿון־ברעג פֿון שוואַרצן ים. וואָס איז שייך א טייל העברעישע איבערשריפֿטן פֿון טשופֿוט־קאַלע (פֿון טאָמעריש „יידישע פֿעסטונג"), אַן אויסגעשטאָרבענע שטאָט נישט ווייט פֿון באַכטשיסאַראַי אין קרים, וועלכע זענען דאַטירט לויט אַן ערע „פֿון אונדזער גלות" (לגלותינו) און נישט לויט דער אָנגענומענער ביי יידן צייט־רעכענונג פֿון בריאת העולם, האַלט מען זיי פֿאַר נישט קיין אויטענטישע. זייער געשיכטע איז אַזאַ: אין פֿאַריקן יאָרהונדערט, ווען די קאַראַימער א , רוסלאַנד האָבן זיך באַמיט צו באַקומען גלייכבאַרעכטיקונג, האָבן זייערע גייסטלעכע און צווישן זיי אברהם פֿירקאָוויטש באַמיט זיך צו באַווייזן, אַז די קאַראַימער האָבן נישט קיין שום שייכות מיט די איבעריקע יידן און לעבן אין דרום־רוסלאַנד פֿון אוראַלטע צייטן פֿון פֿאַר דער נייער צייט־רעכענונג.

דעריבער האָט ער זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט אַלטע יידישע

אויפשריפטן און כתב=ידן. צווישן די געשיכטלעכע מאַטעריאַלן, וואָס ער ער האָט צונויפגעזאַמלט, האָט זיך אַ טייל אַרויסגעוויזן פאַר נישט עכטע. אין שייכות מיט דעם האָט מען פירקאָוויטשן פאָרגעוואָרפן, אַז ער האָט זיך באַמיט אויסצוטראַכטן היסטאָרישע פאַקטן דורך פעלשן דאַטעס, אויפשריפטן און דאָקומענטן. נאָך אַ סך יאָרן פאַרביטערטע פּאָלעמיק צווישן פירקאָוויטשן און זיינע אָנהענגער פון איין זייט, און זיינע קעגנער פון דער צווייטער (צווישן זיי אַ. הרכבי, ד. כוואָלסאָן) איז מען געקומען צום אויספיר, אַז די אויפשריפטן פון משופּוט=קאַלע זענען אַלנפאַלס נישט עלטער ווי פון VIII י״ה. דאָס אַנשפּרעכט אין אַלגעמיין אונדזערע ידיעות וועגן די יידישע אויפשריפטן פון דער אַנטיקער תקופה פון אייראָפּע, געשריבן אויף גריכיש (אין רוים — לאַטיין). אויף וועלכע העברעישע ווערטער, ווי שלום, שלום על ישראל טרעפן זיך זייער זעלטן. נאָר אָנהייבנדיק פון V י״ה, טרעפן זיך גאַנצע אויפשריפטן אויף העברעיש, וואָס ווערט אַ כלל ערשט אַרום דעם VII — VIII י״ה.

מען דאַרף אונטערשטרייכן, אַז די ערע פון „אונדזער גלות“ אויף די שטיינער פון משופּוט=קאַלע, אויב זי איז אפילו אַ היסטאָרישע אין אַ געוויסער מאָס. קלערט נאָך נישט אויף פון זיך אַליין, וואָס פאַר אַ גלות האָט געמיינט: שומרון, יהודה, צי אפשר גאָר די איבערזידלונגען אין דער הערשאַפט פון רוימישן מלך הדריינוס נאָכן אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד פון בר=כוכבא. אַלענפאַלס שטימט נישט די דאָזיקע ערע מיט די באַקאַנטע דאַטעס פון חורבן שומרון (722 פ. ג. ע.) און חורבן בית ראשון (586 פ. ג. ע.), ווי עס וואָלט געווען צו דערוואַרטן. לויט כוואָלסאָנס חשבון הויבט זיך די ערע לגלותינו אָן אַנטשפּרעכנדיק 696 אָדער 545 פ. ג. ע. זי קאָן אויך נישט דינען אַלס באַווייז, אַז די, וועלכע האָבן איר איינגעפירט, זענען דירעקט געקומען אין די צייטן פון גלות אשור אָדער גלות בבל, ווייל די ערע גופא האָט געקאָנט אויפקומען אַ סך שפּעטער, ווי מיר זעען דאָס בפירוש אויפן ביישפּיל פון די יידן אין דרום=איטאַליע אין IX י״ה, ביי וועלכע אַחוץ דער געוויינלעכער יידישער צייטרעכענונג פון דער וועלט=באַשאַפונג איז געווען אויך אַן ערע פון חורבן בית שני.

וואָס שייך דער מינדלעכער קאַראימער טראַדיציע, לויט וועלכער זייערע אבות זאָלן האָבן געגרינדעט משופּוט=קאַלע נאָך פאַר דער נייער ערע, זענען נישטאָ קיין געגעבענע דאָס צו דערווייזן. אַרכעאָלאָגיש דאַטירט זיך דער אויפקום פון משופּוט=קאַלע אין VI י״ה. עס איז אויך באַקאַנט,

אז אין קרים איז געווען א קליינטשיקע גרופע פון די א. ג. „ק ר י מ ט ש א ק ע ס“ — יידן פון טאטערישן אפשטאם אדער בעסער געזאגט אסימילירט דורך די טאטערן. זיי האבן זיך געהאלטן אין דעם רבנישן נוסח פון יהדות אין קעגנזאץ צו די קאראימער, וועלכע אנערקענען נישט דעם תלמוד. די „קרימטשאקעס“ האבן געלעבט הויפטזעכלעך אין סימפעראפאל און קאראסובאזאר ביז דער לעצטער וועלט־מלחמה, ווען זיי זענען אומגעבראכט געווארן צוזאמען מיט אלע אנדערע יידן, וואס האבן געלעבט אין קרים. אינטערעסאנט איז, אז די „קרימטשאקעס“ האבן זיך באטראכט פאר רעשטלעך פון די ערשטע יידישע איינוואוינער פון קרים אין די אלטע צייטן. עס שיינט אבער, אז די קאראימער און די „קרימטשאקעס“ זענען פון א שפעטערדיקן אפשטאם, אבער דער ענין גייט ארויס פון די ראמען פון אונדזער טעמע. *)

ארום 350 יאר פ. נ. ע. האט דער פערסישער מלך ארטאקסערקסעס אכוס, אונטער וועמענס אויבערהערשאפט עס האט זיך אין יענער צייט געפונען ארץ־ישראל, אוועקגעטריבן און געפאנגענשאפט א טייל יידן פארן אנטייל אין אן אויפשטאנד קעגן די פערסער און באזעצט זיי אין ה י ר ק א נ י ע — א פערסישע פראווינץ ביים ברעג פון קאספישן ים. די דאזיקע יידן האבן געבילדעט דעם ע ר ש ט ן ה י ס ט א ר י ש ן י י ד י ש ן י ש ו ב א י ן ט ר א נ ס ק א וו ק א ז. ליידער ווייסן מיר נישט גענויער קיין זאך וועגן גורל פון די דאזיקע יידן.

געווויסע ידיעות וועגן יידן אין ארמעניע אדער בעסער געזאגט וועגן אנהענגער פון יידישן גלויבן צווישן די פארשטייער פון דער פירשטלעכער פאמיליע באגראטוני אין די צייטן פון מלך א ר ש א ק ע ס (128—115 פ. נ. ע.) קאן מען געפינען אין דער אויבנדערמאנטער כראניק פון משה כארענאצי.

וויכטיקע היסטארישע ידיעות וועגן יידן אין די געביטן האבן מיר פון די צייטן פון ארמענישן קיניג טיגראנעס II דעם גרויסן (95—55 פ. נ. ע.), וועלכער האט א געוויסע צייט אפגעהאלטן נצחונות אין קליין־אזיע און אין 84 פ. נ. ע. פארנומען סיריע און דעם גרעסטן טייל פון פעניקיע. טיגראנעס האט א סך יידן און סיריע, הויפטזעכלעך בעלי־מלאכות און

* גענויערע ידיעות וועגן דעם קאן מען געפינען אין אונדזער ארבעט „קאראימער און כוזרים אין פריען מיטלאלטער“ („פאלקס־שטימע“, ווארשע 1959, נומ. 136, 137, 139—141, 143, 144).

סוחרים, אַוועקגעפירט פון זייערע היימען קיין אַרמעניע און באַזעצט אין די שטעט: אַרמאַוויר, יערוואַנדאַשאַטאַ, וואַרדגעסוואַן, וואַן, אַרטאַשאַטאַ א״א. עס איז כדאַי צוצוגעבן, אַז אַרטאַשאַטאַ אויפן טייך אַראַקסאַ איז געווען אַ וויכטיקער האַנדלספונקט, וואָס האָט פאַרבונדן מיטל-אַזיע מיט די פּאָרטן אויפן שוואַרצן ים.

אין די שטעט אין אַרמעניע האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל יידישע און סירישע סוחרים. זיי האָבן אונטערגעהאַלטן גאָר אינטענסיווע באַציונגען מיט איראַק (נציבין — איינער פון די הויפּט-צענטערס פון יידישן ישוב אין בבל) און מסתמא אויך מיט אַלעקסאַנדריע (מצרים).

אַזוי אַרום האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז שוין פאַר דער נייער צייטרעכענונג זענען אין אַרמעניע געווען באַדייטנדיקע יידישע קהילות, וועלכע האָבן געהאַט לעבעדיקע באַציונגען מיט די יידן אין די שכנותדיקע לענדער און דער עיקר מיט בבל. וועגן דירעקטע באַציונגען צווישן די אַרמענישע און גרוזינישע יידן מיט די יידן אויפן צפון-ברעג אויפן שוואַרצן ים איז קיין זאַך נישט באַקאַנט, הגם אַזאַ מין מעגלעכקייט איז נישט אויסגעשלאָסן. ווי באַוווּסט, האָט קאָלכידע געהאַט האַנדלס-באַציונגען מיט די באָספאָראַנישע שטעט ביים קערטשער ים-פּאַס.

איבערגייענדיק צו די אַנדערע לענדער, פון וואַנען יידן אין אַלטערטום זענען מסתמא געקומען קיין דרום-רוסלאַנד, מוז מען קודם כל זיך אָפּשטעלן אין קורצן אויף די גרויסע קולטורעלע ענדערונגען, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין לעבן פון יידישן פאָלק אין דער העלעניסטישער תקופה.

עס איז באַוווּסט, אַז אין די צייטן פון העלעניזם (די עפּאָכע פון אַלעקסאַנדער מוקדון און זיינע נאָכפאָלגער) ווערט די גריכישע קולטור די הערשנדיקע אויפן נאָענטן מזרח אויף אַ לאַנגן פּעריאָד פון כמעט טויזנט יאָר ביז דער אַראַבישער אינוואַזיע אין VII י״ה. פון סוף IV י״ה פ. נ. ע. דאַטירן זיך אויך די העלעניסטישע איינפלוסן (פאַרשפּרייטונג פון דער גריכישער קולטור און שפּראַך) אין ארץ-ישראל. ווי באַקאַנט האָט ארץ-ישראל אין III י״ה פ. נ. ע. זיך געפונען אונטער דער אויבערמאַכט פון מצרים (מיט געוויסע איבעררייסן) און זינט דעם יאָר 198 פ. נ. ע. אונטער דער ממשלה פון סיריע, וווּ עס האָבן געהערשט העלעניסטישע מלכים. דער העלעניזם האָט אין דער ערשטער ריי געהאַט גרויסע השפּעה צווישן די העכערע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ארץ-ישראל. אַ טייל

פון דער יידישער אַריסטאָקראַטיע גענומען אָן גריכישע נעמען. אַזוי, למשל, האָבן געהייסן יאַסאָן און מענעלאַוס די אָנפירער פון דער פּראָ־העלעניסטי־שער פּאַרטיי (די פּאַרטיי פון די גריכן־פריינד) אין די זיבעציקער יאָרן פון II י"ה פ. ג. ע. אין ארץ־ישראל. צווישן די פאַרשטייער פון דער הערשנדי־קער דינאַסטיע פון די חשמונאים טרעפן מיר אויך גריכישע נעמען: אַלכסנדער, אַלכסנדרע, אַריסטבול, אַנטיגנוס. אין די לעצטע יאָר־הונדער־טער פאַר דער נייער צייט זענען אין העברעיש, וועלכע איז געווען די שפּראַך פון רעליגיעזן קולט (תורה) און פון דער יוריספּרודענץ (משנה), אַריינגעדרונגען אַ סך גריכישע ווערטער, כדי אויסצודריקן נייע טעכנישע, קולטורעלע, אַדמיניסטראַטיווע און אַנדערע טערמינען (ס נ ה ד ר י ן אַנשטאָט בית־דין, אַ פּ ט ר ו פּ ו ס אַנשטאָט חיל, פּ נ ק ס, ב י מ ה, ס נ ד ל און אַ"וו).

פאַרשטייט זיך, אַז אויב אין ארץ־ישראל זענען געווען אַזוי שטאַרק די איינפלוסן פון העלעניזם, זענען זיי געווען אַ סך שטאַרקער אין די גלות־לענדער (דיאַספּאָרע), ווו יידן האָבן דעמאָלט געלעבט.

דער גרעסטער יידישער קיבוץ מחוץ ארץ־ישראל האָט זיך — אַחוץ אין בבל — געפונען אין מצרים. אַלעקסאַנדריע איז געוואָרן דער הויפּט־צענטער פון יידישן העלעניזם. דאָ איז געשאַפן געוואָרן אין III י"ה פ. ג. ע. די גריכישע איבערזעצונג פון תנ"ך די א. נ. ס עפּטואַגינטאַ (תרגום השבעים). דאָ האָט געלעבט און געשאַפן דער באַרימטער פילאָזאָף פ י ל ו ן (I י"ה), וועלכער האָט געפּרוּווט באַגרינדן דאָס יהדות מיט דער הילף פון גריכישע פילאָזאָפישע אידעען (הויפּטזעכלעך פּלאַטאָנס). אויך פון אַנדערע צענטערס פון דער גריכישער דיאַספּאָרע זענען באַקאַנט יידישע ליטעראַטן און היסטאָריקער, וואָס האָבן געשריבן אויף יידישע טעמעס אין גריכיש, ווי, למשל, י אַ ס אָ ן פון קירענע (הייַנט ליביע אין צפון־אַפריקע), דער מחבר פון ספר חשמונאים ב'. גריכיש איז געווען די קולטור־שפּראַך אין די העלעניסטישע לענדער און די יידן מחוץ ארץ־ישראל אין צפון־אַפריקע, קליין־אַזיע און איראָפּע גייען איבער צו גריכיש. גריכיש ווערט נישט נאָר די שפּראַך פון טאָג־טעגלעכן לעבן אַנשטאָט אַראַמיש, נאָר אויך די שפּראַך פון קולטור און נישט זעלטן אַפילו פון רעליגיעזן קולט אַנשטאָט העברעיש. אַ סך נייע ווערטער און באַגריפן, פאַרבונדענע מיט יהדות און ביבלישן לעבנס־שטייגער, ווערן ספּעציעל געשאַפן אויף פאַרשיידענע אופנים: העברעישע ווערטער ווערן איבערזעצט

מיט דער הילף פון גריכישע שורשים פון זעלבן באַדייט, גריכישע ווערטער באַקומען אַ ספּעציפיש באַדייט אא״וו.

אַזוי, למשל, ווערן געשאַפן אַזעלכע ווערטער, ווי „היפּסיסטאָס" (דער „אויבערשטער"), וואָס אַנטשפּרעכט דעם העברעישן עליון, „עוילאָגעטאָס" (דער „געבענטשטער") — אַן אַנטשפּרעכונג פון ברוך. דער בית־תפילה האָט געקראָגן דעם נאָמען פּראָסעוכע (אויף גריכיש באַטייט דאָס נאָר „געבעט"), די יידישע געמיינדע — סינאַגאָגע" (פון גריכיש — פאַרזאַמלונג, פאַריין), „טהאָפּעיא" — דעם באַטייט פאַרערונג (פון גריכיש — תנופה) אא״ל. די דאָזיקע ווערטער פיגורירן אין די יידיש־גריכישע אויפשריפטן פון קרים.

פון דעם איז צו זען, אַז די יידן, וועלכע זענען געקומען קיין דרום־רוסלאַנד פון דער העלעניסטישער וועלט, האָבן אַוודאי געדאַרפט זיין שטאַרק העלעניזירט. דאָס לאָזט זיך אויך באַשטעטיקן מיט געוויסע פאַקטן, וועגן וועלכע עס וועט זיין אַ רייד ווייטער.

די לענדער פון דער העלעניסטישער דיאַספּאָרע, וועלכע האָבן געקאָנט שפּילן אַ ראָלע ביי דער איינוואַנדערונג פון יידן אין די געביטן, ביים שוואַרצן ים, זענען געווען קליין־אַזיע און גריכנלאַנד.

מיר וועלן אָנהייבן פון קליין־אַזיע. די מקורים זענען דאָ אַ סך געווירע, ווי פאַר טראַנסקאַווקאַז. שוין אַריסטאָטעלעס, דער באַרימטער גריכישער פילאָזאָף און געלערנטער, האָט בשעת זיין באַזוך אין קליין־אַזיע (אַרום 343 — 347 פ. ג. ע.) געטראָפן אַ געבילדעטן ייד, וועלכער האָט געשטאַמט פון סיריע. אַריסטאָטעלעס שילער קלעאַרכאָס (ביי אים איז פאַרשריבן דער עפּיזאָד) כאַראַקטעריזירט אים אַלס „אַ העלען (גריך) ניש נאָר לויט זיין שפּראַך, נאָר אויך לויט זיין גייסט". דער סירישער מלך אַנטיוכוס דער גרויסער האָט באַזעצט צוויי טויזנט אָנגעזעענע יידישע משפּחות פון בבל אין פריגיע און לידיע אַלס קאָלאָניסטן. עס איז באַקאַנט, אַז אין תלמוד ווערן די פריגישע יידן באַטראַכט אַלס רעשטלעך פון די עשרת השבטים. עס קאָן זיין, אַז אַחוץ דעם לעגענדאַרן מאָמענט האָט דאָ געשפּילט אַ ראָלע אויך דער פאַקט, וואָס די יידן אין פריגיע האָבן זיך געפונען אונטער אַ שטאַרקן איינפלוס פון די קליין־אַזיאַטישע קולטורן און גלייבנס (זע ווייטער ז' 73). אַרום 140 פ. ג. ע. זענען יידן געווען שוין אַ באַדייטנדיקער עלעמענט צווישן דער באַפעלקערונג פון פּערגאַמאָן, קאַפּאַדאָקיע און אַנדערע קליין־אַזיאַטישע מלוכות, און דעריבער ווערן זיי אויסגערעכנט אין דעם בריוו, וואָס דער רוימישער סענאַט האָט אַרויסגע=

שיקט צו אַ ריי מזרח-מיטללענדישע רעגירונגען, אין וועלכן די רוימער האָבן גענומען די ייִדן אונטער זייער שוץ (דער בריוו ווערט ציטירט אין ספר השמונאים א'). עס ווערט דאָרט צווישן אַנדערע אויך דערמאָנט אַ רעטזילהאַפטע שטאָט סאַמפּסאַם. מען האָט מיט רעכט אָנגעוויזן, אַז ביי די אַראַבישע געאָגראַפן טראָגט דעם נאָמען סאַמסון, וואָס שטאַמט, מסתמא, פון אַ פאָרם ווי סאַמפּסון, די אַנטיקע שטאָט אַמיסאָס (אין מיטלאַלטער באַקאַנט אונטערן נאָמען סימיסאָ), איינע פון די גרעסטע האַפן-שטעט פון פאָנטוס, צום צפון פון היינטיקן סינאָפּע. די פאָרטן סינאָפּע און אַמיסאָס האָבן געפירט אַ רעגולערן האַנדל מיט די שטעט אויפן צפון-ברעג פון שוואַרצן ים. אין די צייטן פון מיטראַדאַטעס VI דעם גרויסן (63 — 121 פ.ג.ע.) איז פאָנטוס אויפן דרום-ברעג פון שוואַרצן ים און די באָספּאָראַנישע מלוכה אויפן צפון-ברעג געווען פאַראייניקט אונטער דער מאַכט פון איין הערשער.*) אַחוץ דעם איז באַקאַנט, אַז מיטראַדאַטעס האָט באַזעצט אין די גריכישע שטעט אויפן צפון-ברעג פון שוואַרצן ים אַ סך קאָלאָניסטן פון פּאַפלאַגאָניע, פאָנטוס און קאַפּאַדאָקיע אין קליין-אַזיע. מען האָט געפונען אין אָלביע אַ זייער פראַגמענטאַרישע אויפשריפט, אין וועלכער עס רעדט זיך וועגן אַ געוויסן שיפס-קאַפּיטאַן פון אַמיסאָס, וואָס האָט אַריבערגעפירט פּראָוויאַנט און קאָלאָניסטן פון סינאָפּע קיין אָלביע. עס איז אַ סברה, אַז צווישן די קאָלאָניסטן געקומענע פון קליין-אַזיע אין מיטראַדאַטעסעס צייטן זענען געווען אויך ייִדן. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז אין די מזרח- און העלעניסטישע מאָנאַרכיעס (סיריע, פאָנטוס-באָספּאָר, פּאַרטיע-איראַן) איז די צוואַנגס-קאָלאָניזאַציע פון גרויסע באַפעלקערונגס-מאַסן, דער עיקר פון שטאָטישן עלעמענט (האַנטווערקער, סוחרים מיט די גאַנצע משפחות), געווען אַ גאַנץ פאַרשפּרייטע פאָרם פון עקספּלאָאַטאַציע, ווייל דער מלך האָט געהאַט פון דעם דירעקטע הכנסות.

ווייטער, ווען מען נעמט אָן די טעזע, אַז ייִדן אין דער באָספּאָראַנישער מלוכה האָבן געשטאַמט פון קליין-אַזיע, קומט אַרויף אויפן געראַנק אַזאַ מין השערה: צי האָבן זיי נישט מיטגעבראַכט מיט זיך דעם נאָמען

* אין רוסיש איז אָנגענומען די פאָרם מיטרידאַט (פאַרקירצט פון מיטרידאַטעס) און נישט מיטראַדאַטעס.

פון זייער אַלטער היימשטאָט ספרד (סאַרדעס), מיט וועלכן זיי האָבן אָנגערופן די מלוכה באָספּאָר אין קרים, ווו זיי האָבן זיך באַזעצט?

עס איז באַקאַנט, אַז אין ספר עובדיה ווערט דערמאָנט דער גלות ירושלים אשר בספרד. שוין על פּי שׂכל איז קלאָר, אַז דאָס איז נישט שפּאַניע, נאָר אַז דער דאָזיקער ספרד האָט זיך אין די אַנטיקע צייטן געפונען ערגעץ אין די לענדער, וועלכע זענען געווען אונטער דער ממשלה פון די אשורים און שפּעטער פון די בבלים אָדער בשכנות מיט זיי. אין דער מאָדערנער וויסנשאַפט האַלט מען, אַז ספרד אַנטשפּרעכט דעם נאָמען פון אַ סקיטישן שבט ספּאַרדאַ, וועלכער האָט אָנטיילגענומען אין דער אַנטי-אַשורישער קאָאַליציע פון 672 פ.ג.ע. דאָס וווינונגס-אָרט פון דעם דאָזיקן שבט לאָקאַליזירט מען ערגעץ-ווו אין קליין-אַזיע. אַזאַ מין לאָקאַליזאַציע דרינגט אויך אַרויס פון אַ באַמערקונג פון קירך-פאָטער הירעאָנימוס וועגן דעם, אַז לויט דער ווערסיע פון זיין לערער בר-חנינא איז ספרד דער באָספאָר, ווו דער קיסר הדריינוס האָט באַזעצט געפאַנגענע יידן נאָכן אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד פון בר-כוכבא. דערביי שרייבט הירעאָנימוס, אַז דאָ, ווו ער איבערזעצט באָספאָר אַנשטאָט ספרד פון תנ"ך, שטייט אין דער גריכישער איבערזעצונג (די אַלעקסאַנדרינישע „סעפּטואַגינטאַ“ אָדער תרגום השבעים) דער נאָמען פון טייך „עופראַט“ (פרת) און ער פאַרשטייט נישט, פאַרוואָס.

אַזוי ווי דעם ספר עובדיה האַלט מען פאַר אַ שאַפונג ניכער פון דער העלעניסטישער תקופה, לאָזט זיך אָננעמען, אַז אונטער ספרד ווערט פאַרשטאַנען די שטאָט סאַרדעס אין קליין-אַזיע. פון די אַשורישע טעקסטן איז באַקאַנט, אַז אין לידיע אין קליין-אַזיע האָט עקזיסטירט אַ שטאָט סאַפאַרדע (ביי די גריכן סאַרדעס). וועגן יידישן קיבוץ אין סאַרדעס האָבן מיר שפּעטע ידיעות ביי דעם יידישן היסטאָריקער פון דער צווייטער העלפט פון I י"ה יוסף פלאַוויוס. אין זיינע „יידישע אַלטערטימלעכקייטן“ ציטירט ער אויטענטישע דאָקומענטן פון דער צייט פון יוליוס צעזאַר (אומגעקומען אין 44 יאָר פ.ג.ע.) און אָקטאַוויאַן אויגוסט (קיסר פון 27 יאָר פ.ג.ע. ביזן יאָר 14), אין וועלכע די רוימער באַשטעטיקן געוויסע רעכט פון דער יידישער געמיינדע אין סאַרדעס. די יידישע קהילה האָט אָבער דאָ עקזיסטירט שוין אַ סך פריער, ווי דאָס איז צו זען נאָך פון דער ידיעה וועגן די יידישע מיליטערישע קאָלאָניסטן אין לידיע, וועלכע דער מלך

אַגטיוכוס האָט דאָ באַזעצט אַרום 200 יאָר פ. נ.ע. דאָס אַלץ גיט אונדז דאָס רעכט צו רעדן וועגן דעם יידישן קיבוץ אין סאַרדעס, ווי וועגן אַ פרי־העלעניסטישן.

היות שוין פון ערשטן אָדער פון צווייטן יאָרצענדליק פון דער נייער ערע האָבן מיר דאָקומענטאַלן מאַטעריאַל אין גריכיש וועגן דער עקזיס־טענץ פון אַ יידישער בית־תפילה אין פאַנאַגאָריע אויפן טאַמאַנער האַלב־אינדזל, איז קלאָר, אַז דער יידישער קיבוץ אין דרום־רוסלאַנד איז אַנט־שטאַנען באַדייטנדיק פריער, און דעריבער טאַקע פאַרדינט די השערה וועגן אָנקום פון יידישע קאָלאָניסטן פון קליין־אַזיע קיין דרום־רוסלאַנד אין די צייטן פון מיטראַדאַטעס דעם גרויסן, די פולסטע אויפמערקזאַמקייט.

וואָס איז שייך יידישע מיליטערישע קאָלאָניסטן, איז דאָס געווען אַ גאַנץ געוויינלעכע דערשיינונג אין יענער צייט. עס איז באַקאַנט, למשל, אַז יידן האָבן געדינט אַלס זעלנער אין פערסישן חייל. אין אויבער־מצרים אויפן ניל, אויפן אינדזל עלפאַנטינע, האָט מען געפינען ביי אויסגראָבונגען דאָקומענטן פון אַ יידישער מיליטערישער קאָלאָניע אין פערסישן דינסט פון V י״ה פ.נ.ע. יידישע זעלנער זענען געווען אין דער פערסישער אַרמיי, וואָס האָט געקעמפט אין אָנהייב פון V י״ה קעגן די גריכן ביי מאַראַטאָן און סאַלאַמינע. יידישע זעלנער און קריגס־פירער האָבן געדינט אין די העלעניסטישע אַרמייען אין מצרים. אַז יידן האָבן נאָך אַ סך שפּעטער אין דרום־רוסלאַנד אין די רוימישע צייטן געהאַט צו טאָן מיטן מיליטער־פאַך, איז צו זען אויך פון אַ גריכישער אויפשריפט מיט צוויי רעליעפן געפונען אויף טאַמאַן אין דרום־רוסלאַנד (זע ווייטער ז' 34),

ווען מען נעמט אָן די השערה, אַז די באָספּאָראַנישע יידן שטאַמען פון קליין־אַזיאַטישע יידישע מיליטערישע קאָלאָניסטן, באַדייט דאָס נאָך נישט אַ פולשטענדיקע אָפּלייקענונג פון דער מעגלעכקייט, אַז יידן האָבן געלעבט אין קרים און אויף טאַמאַן נאָך פריער. אָבער, ווי מיר האָבן זיך איבערצייגט, זענען וועגן דעם נישטאָ קיין גענויערע ידיעות אַחוץ די לע־גענדאַרע ווערסיעס, וואָס זענען דורך אונדז אַנאַליזירט געוואָרן אויבן.

און איצט אַ פּאָר ווערטער וועגן יידן אין גריכנלאַנד אין דער באַ־האַנדלטער תקופה.

דער יידישער ישוב אין גריכנלאַנד איז באַקאַנט פון II י״ה פ.נ.ע. פון דער העלפט פון II י״ה זענען דאָ ידיעות וועגן יידישע ישובים אין ספּאַרטע, סיקיאָן, גאָרטינע (אינדזל קרעטאָ) און אויף די אינדזלען דעלאָס

אין סאַמאָס. יידישע מצבות און רעשטלעך פון בתי-תפילה זענען געפונען געוואָרן אין דעלף, אַטען, סאַנטינעא און אויף די אינדזלען דעלאָס, סאַמאָס, ראָדאָס, קאָס. די ערשטע ייִדן זענען דאָ, מסתמא, געווען קריגס-געפאַנגענע אָדער שקלאַפן. פון דעלף זענען דערגאַנגען צו אונדז דאָקומענטן וועגן באַפרייען יידישע שקלאַפן (א. ג. מאַנומיסיעס) אין דער פאָרם פון אַ פיקטיוון פאַרקויף צום טעמפל פון אַפּאָללאָן דעם דעלפישן. מען קאָן מיינען, אַז דאָס אויסקויף-געלט האָבן זיי באַקומען גיכער פון אַלץ פון זייערע גלויבנס-ברידער. אויסקויפן אַן עבד עברי פון געפאַנגענשאַפט איז געווען נישט נאָר אַ מצווה, נאָר אויך אַ חוב פון דער עדה. אַחוץ דעם זענען די פרייגעלאָזענע געווען פאַרפליכטעט צו געוויסע התחייבותן לטובת דער קהילה (זע ווייטער קאַפּיטל V). אינגיכן קומען צו אויך האַנדלס-עלעמענטן און בעל-מלאכות און עס וואַקסן אויס שטאַרקע יידישע קהילות, ווי דאָס איז צו זען פון די פילצאָליקע אויפשריפטן אויף מצבות, פון די בתי-תפילה, וועלכע האָבן עקזיסטירט אין זייער אַ סך פונקטן, אָפטמאָל גאָר נישט קיין באַדייטנדיקע.

אין דער דאָזיקער תקופה האָט די באָספאָראַנישע מלוכה געפירט מסחרים דער עיקר מיטן אינדזל ראָדאָס.

בכלל זענען צום סוף פון II י"ה די האַנדלס-באַציונגען מיט קרים געוואָרן אָפּגעשוואַכט צוליב די אינעווייניקסטע מהומות (אויפשטאַנד פון די סקיטן אונטער דער אָנפירונג פון סאַומאַקאָס) און דערנאָך צוליב די מלחמות פון מיטראַדאַטעס מיט רוים. צי זענען געווען רעגולערע באַציונגען צווישן די יידן אין גריכנלאַנד און די יידן אויפן צפון-ברעג פון שוואַרצן ים, איז קאָנקרעט שווער צו זאָגן. וועגן אַ גאַנצער קאָלאָניזאַציע-כוואַליע פון די באַלקאַנען איז בכלל נישטאָ קיין גרונט צו טראַכטן, ווייל פּאָליטיש איז דעמלט גריכנלאַנד נישט געווען פאַרבונדן מיט דרום-רוסלאַנד. אַזוי אַרום בלייבט איבער ווי די צוממערסטן באַגלייבטע היפּאָטעזע **די השערה וועגן דעם קליין-אַזיאַטישן אָפּשטאַם פון די יידן אויפן צפון-ברעג פון שוואַרצן ים אין דער העלעניסטישער תקופה.**

צי קאָן מען נישט באַקרעפטיקן די השערה מיט געגעבענע, וואָס האָבן אַ שייכות צום לעבן פון די יידן אין אָט די קאַנטן אין דער רוימישער צייט? צי זענען נישטאָ קיין שפּעטערדיקע פאַקטן, וועלכע באַקרעפטיקן די

מיינונג וועגן אָנקום פון די יידישע איבערוואַנדערער קיין קרים פון די הע־לעניזירטע יידישע ישובים אין קליין־אַזיע? אויף די אַלע פראַגן וועלן מיר פרווון געבן אַן ענטפער ווייטער, נאָך דעם ווי מיר וועלן זיך באַקענען מיט די געהעריקע מאַטעריאַלן וועגן די רעכטלעכע און רעליגיעזע פאָרשטעלונ־גען פון די באָספאָראַנישע יידן אין דער רוימישער תקופה.

## קאַפּיטל IV

# די עלטסטע יידישע ישובים אין דרום־רוסלאַנד

די עלטסטע ידיעה האָבן מיר וועגן דעם יידישן ישוב אין פאַנאַגאָריע אויפן טאַמאַנער האַלבאינדזל.

1. עס איז צו אונדז דערגאַנגען אַן אויפשריפט, געפונען אין 1880 יאָר אויפן ברעג פון דער טאַמאַנער בוכטע. די אויפשריפט געפינט זיך אין קערטשער מוזיי און שטעלט מיט זיך פאָר אַ טאָוול פון ווייסן מאַרמאָר 0,24X0,56 מ. די גרויס און 0,175 די דיק. די אותיות זענען 0,012 מ. די גרויס און זאָרגפעליק אויסגעקריצט. לײַדער לייענען זיך גוט נאָר די ערשטע זעקס שורות און די לעצטע (די צוואַנציקסטע). דער גאַנצער טעקסט אין מיטן צווישן דער זיבעטער און צוואַנציקסטער שורה איז אָפּגעמעקט. פונדעסטוועגן קאָן מען רעקאָנסטרואירן לויט איינציקע איבערגעבליבענע אותיות דעם זין פון די שורות 7 — 10. די אויפשריפט לייענט זיך אַזוי: *)

„בעת דער הערשאַפט פון מלך אספורגאָס, דעם פריינד פון די רוימער, אין (3)31 יאָר, דעם 7 טאָג פון חודש דאיסיאָס האָט פאָדאַקאָס, דער זון פון פאָטאָס, הייליקט זיין אייגענעם שקלאַף דערצויגן אין דער היים, דיאָניזיאָס, וועלכער הייסט אויך (לאָנגיאָס? ביי דעם בית־תפילה), באַפרייענדיק אים (פון פאַראַמאָנע?)... אַחוץ דעם פליכט פון פאַרערונג און דינסט“.**)

---

* די גריכישע טעקסטן (אמת, אין אַ לאַטייניש טראַנסקריפּציע), ווי אויך די גענויע ביבליאָגראַפישע ידיעות וועגן זיי קאָן מען געפינען אין דער אַרבעט פון מחבר געדרוקט אין ביולעטין פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, וואַרשע 1958, נומ. 27 (אין פויליש).

** די בלויזן אין דער אויפשריפט באַצייכענען מיר דורך עטלעכע פּינטעלעך; די דערגענצטע ווערטער (זע אויבן ז' 12) זענען גענומען אין קלאַמערן. דערגענצונגען, וועלכע זענען נישט אבסאָלוט זיכער, ווערן באַגלייט דורך א פראַגע־צייכן.

די אויפשריפט שטאמט אַן ערך פון 313 יאָר לויט דער באָספּאָראַנישער ערע. וועלכע הייבט זיך אָן אין 297 יאָר פ.ג.ע., דאָס הייסט פון יאָר 16 פון אונדזער ערע. דער חודש ד א י ס י אָ ס (לויטן מאַקעדאָנישן קאַלענדאַר, מיט וועלכן מען האָט זיך דאַן באַנוצט אויך אין קרים) אַנטשפּרעכט דעם חודש ס י ו ן לויטן יידישן קאַלענדאַר און מ אַ י ־ י ו נ י לויטן רוימישן. היות דאָס מאַקעדאָנישע יאָר פלעגט זיך אָנהייבן אין הארבסט, געוויער דעם 28 אָקטאָבער לויטן נייעם סטיל (גרעגאָריאַנישן נוסח), קומט אויס, אַז דער 7 דאיסיאָס דאָס איז דער 3 יוני. וואָס שייך דעם יאָר, איז די לעצטע ציפער אויפן שטיין אויסגעמעקט, אַזוי אַז דאָ קאָן מען דערגענצן אויף אַ פאַרשיידענעם אופן, פאַרשטייענדיק בכלל אַלע ציפערן צווישן 311 און 317 יאָר, ד. ה. 14 — 22 פון דער נייער צייט. דער מלך אַספורגאָס האָט דאָ געהערשט ביזן 37 יאָר פון דער נייער צייט. וועגן דער באַדייטונג פון רעכטלעכן אויסדרוקן „פּאַראַמאָנע“, זע ווייטער ז' 42.

דער יידישער כאַראַקטער פון דער אויפשריפט אונטערליגט נישט קיין צווייפל, ווייל זי אַנטהאַלט דעם תנאי וועגן „פאַרערן און דינסט“, וועלכער טרעפט זיך נאָר אין די דרום-רוסלענדישע אויפשריפטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו יידן (זע ווייטער נומ. 10, 11, 13).

2. אין 1907 יאָר איז אַנטדעקט געוואָרן צווישן די שוועלן פון פּאָקראָווסקער קלויסטער אין טאַמאַן אַן אויפשריפט פון אַ געוויסן באָטיליאָס, דעם זון פון אָגיאָס (חוגיו אָדער חגיא), לויטן נאָמען אָן שום ספק, אַ ייד. די אויפשריפט איז איבערגעשיקט געוואָרן קיין קערטש אין מוזיי. די אויפשריפט איז אָנגעשריבן אויף אַ מאַרמאָרענעם מצבה-דענקמאָל 0,32X0,50 מ. און 0,12 מ. די דיק, באַצירט מיט צוויי רעליעפן (אויסגעקריצטע צייכענונגען) איינער איבער אַנדערן. דער אויבערשטער רעליעף (0,21 מ. די ברייט) שטעלט פאָר אַ מאַן אָנגעטאָן אין אַ כיטאָן (אויבער-העמד) מיט אַ פעלערינע. די רעכטע האַנט איז ביי אים אַראָפּגעלאָזן. לייַדער איז דער אויבערשטער טייל פון רעליעף אָפּגעבראָכן. דער אונטערשטער רעליעף (0,25 מ. די ברייט) שטעלט פאָר מיט זי אַן אַטאַקירנדיקן ק ר י ג ס מ אַ ן, אין אַ כיטאָן מיט אַן אָוואַלן שילד אין דער לינקער האַנט און אַ שווערד אין דער אויפגעהויבענער רעכטער האַנט. דאָס פנים פון קריגסמאַן, וועלכער איז מיטן פראָפיל געווענדעט אויף לינקס, איז לייַדער שטאַרק אָפּגעמעקט. אַזוי ווי די אויפשריפט, וועלכע איז אַריינגעשריבן אין דעם

קלייגעם אונטערוואַל פון 0,035 מ. וואָס טיילט אָפּ ביידע רעליעפן, באַציט זיך צו ביידע צייכענונגען, איז צו זען, אַז דער מאַן איז דאָ פאַרגעשטעלט איין מאָל אין ציוויל און דעם צווייטן מאָל אין קריגס־צייט. די אויפשריפט באַציט זיך צום I יאָרהונדערט.

3. דער יידישער ישוב אין ג אָ ר ג י פּ י ע איז באַקאַנט פון אַ דריי אויפשריפטן. וועגן אַ יידישער בית־תפילה אין גאָרגיפּיע פון יאָר 40 פון דער נייער צייט איז מען געוואויר געוואָרן אין 1859 יאָר, ווען אין ערמיטאַזש מוזיי אין פּעטערבורג איז איבערגעגעבן געוואָרן פון דער פּריוואַטער קאָלעקציע פון פירשט סובירסקי אַן אויפשריפט פון 14 שורות אויף אַ ווייסן מאַרמאָר־שטיין, די גרויס 0,21x0,25. די אותיות זענען 0,013 די גרויס. אין אַלטערטום האָט מען אין טעקסט פון דער אויפשריפט דורכגעפירט געוויסע ענדערונגען. די ממשלה אין דער באָספּאָראַנישער מלוכה האָט זיך געביטן און מען האָט אויסגעקראַצט דעם נאָמען פון מלך פּאָלעמאָן און געפרווט אַריינשרייבן דעם נאָמען פון נייעם מלך מיטראַדאַטעס, ווען דער קיסר קלאַודיוס האָט איבערגעגעבן דעם באָספּאָראַנישן טראָן, אָבער עס האָט זיך נישט גוט באַקומען. וואָס שייך אַ נישט לאַנג אַרויסגעשטעלטע השערה, אַז די אויפשריפט איז פאַלסיפיצירט געוואָרן אין ערמיטאַזש גופא אין די יאָרן 1860 — 1880, איז דאָס אַן אויסגעטראַכטע מעשה. איך האָב פּערזענלעך באַקוקט דעם שטיין נאָכאַמאָל אין 1954 יאָר (אין 1946 האָב איך רעווידירט דעם שטיין אין שייכות מיט מיין איבנגערמאָנטער דיסערטאַציע) צוזאַמען מיט מיטאַרבעטער פון דעם אַנטיקן אָפּטייל פון מלוכהשן ערמיטאַזש אין לענינגראַד און געקומען צום אויספיר, אַז די דאָזיקע השערה איז אומדערווייזבאַר.

דער טעקסט פון דער אויפשריפט לויטעט אַזוי:

„דעם העכסטן, אַלמעכטיקן, געבענטשטן גאָט (אַ נדר). בעת דער הערשאַפט פון מלך (מיטראַדאַטעס) דעם פריינד פון גערמאַניקוס און דעם פריינד פון פאָטערלאַנד. אין 338 יאָר, אין חודש דיאָס האָט פּאָטאָס, דער זון פון סטראַטאָן, על פּי נדר געהייליקט דעם בית־תפילה אַ שקלאַפין זיינע, הערצויגן אין דער היים, וועמענס נאָמען איז כריסע, כדי זי זאָל זיין אומבאַרירלעך און נישט באַלייזדיקט מצד יעטוועדן יורש. אויף זעוסן, גאַיען און העליאָסן“.

דער חודש ד י אָ ס פון 338 יאָר אַנטשפּרעכט אָ ק ט אָ ב ע ר / נ אָ וו ע מ ב ע ר (מ ר ח ש ו ן) 40 לויט דער נ.צ.

כאָטש דער מחבר פון דעם דאָקומענט שווערט אויף גריכישע געטער, איז ער דאָך אַן אָנהענגער פון יידישן גלויבן, ווייל דאָס וואָרט „פּראָסעוכע“ באַדייט אויף גריכיש נישט סתם בית־תפילה, נאָר טאַקע בלויז יידישער בית־תפילה און עס איז ביז איצט נישט באַקאַנט קיין איין פאַל, וווּ דאָס וואָרט אין דער גריכיש־רוימישער וועלט זאָל זיך באַציען צו אַ נישט־יידישן טעמפּל. אמת, אין פאַריקן יאָרהונדערט האָט דער באַקאַנטער יידיש־רוסישער אָריענטאַליסט א. הרכבי באַהויפּטעט, אַז די איינוווינער פון מאַסיליע (היינט מאַרסעל) האָבן אין IV י"ה פון דער נייער צייט אַזוי אָנגערופן גריכישע טעמפּלען, אָבער דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט ריכטיק. ווי עס האָט באַוויזן ר. ערליך, אַ יונגפאַרשטאָרבענער לענינגראַדער פילאָלאָגין, האַנדלט זיך אין דער שריפט פון הייליקן עפּיפאַניאָס קעגן הערעטיקער, אויף וועלכער עס האָט זיך פאַררופן א. הרכבי, גאָרנישט וועגן איינוווינער פון מאַרסיליע, נאָר גראָד דווקא וועגן אַ יודאיזירנדיקער סעקטע, וועמענס נאָמען אויף גריכיש „מאַסאַליאַנאָי“ (ד. ה. „די דאַוונער“) שטאַמט פון אַראַמעיש מצלין *).

ווייטער די עפּיטעטן פון אַנאָנימען גאָט, וועלכער ווערט באַצייכנט אַלס „העכסטער, אַלמעכטיקער און געבענטשטער“ (אויף גריכיש „טהעאָס היפּסיסטאָס, פּאַנטאָקראַטאָר, עאולאָגעטאָס“) זענען טיפּיש פאַר דער יידיש־גריכישער ליטעראַטור. דער גענויער אַנאַליז פון די עפּיטעטן באַווייזט, אַז דער בלומרשטער אַנאָנימער גאָט — דאָס איז יהוה, וועמענס נאָמען עס איז געווען ביי יידן פאַרווערט צו באַנוצן.

4. נאָכדעם ווי אין 1859 איז באַקאַנט געוואָרן די אויבנדערמאָנטע אויפשריפט וועגן באַפרייען אַ שקלאַפן מיט דער ווענדונג צום „העכסטן, אַלמעכטיקן און געבענטשטן“ גאָט, איז ריכטיק אויסגעטייטשט געוואָרן אַן ענלעכע אויפשריפט, וואָס איז געפונען געוואָרן אין אַנאַפּע נאָך אַ סך פריער אין יאָר 1841. די דאָזיקע אויפשריפט האָט זיך דערהאַלטן נאָר טיילווייז. דער אָנהייב פון איר איז אַ ביסל צעשטערט, אין דער זעבעצנטער שורה לייענט זיך נאָר איין וואָרט און ווייטער איז דער שטיין אָפּגעבראָכן.

די אויפשריפט געפינט זיך אין לענינגראַדער ערמיטאַזש און שטעלט פאָר מיט זיך אַ לאַנגן מאַרמאָרנעם טאָוול אָפּגעבראָכן פון אויבן און

* גענויער זע ביילאַגע נומ. 1.

פון אונטן 0,29x0,37 מ. גרויס און 0,035 מ. די דיק. די אותיות (0,017 מ.) זענען גוט אויסגעקריצט און באַציִען זיך לויט זייער פאָרם צום II י״ה.

„דעם העכסטן, אַלמעכטיקן, געבענטשטן גאָט (אַ נדר). בעת דער הערשאַפט פון מלך טיבעריוס יוליוס סאוראָמאַטעס, דעם פרייַנד פון קיסר און דעם פרייַנד פון די רוימער, דעם פרומען, טימאָטעאָס דער זון פון נימפאַגאָראָס, דאָס אייניקל פון מאַקאַריאָס, צוזאַמען מיט זיין שוועסטער עליזע, די פרוי פון נאַנאָבאַלאַמיראָס, לויטן נדר פון אונדזער פאָטער נימפאַגאַראָס דעם זון פון מאַקאַריאָס, לאָזן פריי אונדזער שקלאַפין, דערצויגן אין דער היים, דאָרעא....“

פון וואָס פאַר אַ צייט שטאַמט אונדזער אויפשריפט? די מחברים האָבן דאָס גענויע יאָר נישט אָנגעוויזן, און באָספאָראַנישע מלכים מיט די נעמען טיבעריוס יוליוס סאוראָמאַטעס זענען געווען עטלעכע. דער ערשטער פון זיי האָט געהערשט אין די יאָרן 94/93 — 124/123, דער צווייטער אין די יאָרן 175/174 — 211/210 און די איבעריקע צוויי אין דריטן יאָרהונדערט. צוליב פּאַלעאָגראַפישע טעמים (אויסזען און פאָרם פון דער שריפט) מיינט מען, אַז די אויפשריפט שטאַמט פון סאוראָמאַטעסן דעם 1־טן, דאָס הייסט, פון סוף ערשטן — אָנהייב צווייטן י״ה.

5. אין 1900 יאָר איז אין אַנאַפּע געפונען געוואָרן אַן אויפשריפט, אין וועלכער עס ווערט דערמאָנט דער „גערעכטער גאָט“ (קענטיק, אַן איבערזעצונג פון העברעיִשן צ ד י ק אָדער י ש ר) און מסתמא אויך אַ בית־תפילה (פּראָסעוקטעריאָן). די אויפשריפט האָט זיך אין אָנהייב פון XX י״ה געפונען אין אַנאַפּע ביי דעם דאָרטיקן דאָקטאָר בוזינסקי. אין רעגיאָנעלן מוזיי אין אַנאַפּע, וועלכן איך האָב באַזוכט זומער 1955, האָב איך די אויפשריפט נישט געזען. די אויפשריפט לויט דער באַשרייבונג פון ערשטן אַרויסגעבער שטעלט מיט זיך פאָר אַ פראַגמענט פון ווייסלעכן זאַמד־שטיין אָפּגעבראָכן פון רעכטס, 0,62x0,17 מ. די גרויס. די אויפשריפט איז אויסגעקריצט אין 3 שורות זייער זאָרגעוודיק און לייענט זיך נאָך איצט זייער גוט (די אותיות זענען 0,025 מ. די הייך).

„מיט גוט גליק. דעם גערעכטן גאָט האָט געהייליקט אַ (בית־תפילה) פלוני דער זון פון כרעסטיאָן צוליב אַ נדר“.

די דערגענצונג בית־תפילה איז אַ זיכערע, ווייל אויפן שטיין לייענט: מיר ט אָ פ ר אָ...., וואָס קאָן אין גריכיש באַדייטן אָנהייב פון זאַץ־וואָרט פ ר אָ ס ע ו ק ט ע ר י אָ ן מיטן אַרטיקל פון נייטראַלן

מין מ״אָ. פּראָסעוקטעריאָן און לויט דער וואָרט־שאַפונג אַ דעמינוטיוום (פאַרקלענערונגס־וואָרט) מיטן באַדייט „קליינער בית־תפילה" (שטיבל). אויף דער צוגעהעריקייט פון דער אויפשריפט צום קרייז פון יידישע רעלי־גיעזע פאַרשטעלונגען ווייזט אָן די באַצייכענונג פון גאָט.

ס'איז גיכער פון אַלץ, אַז די אויפשריפט איז געווען אַ טייל פון אַן אַרכיטעקטור־פראַגמענט (אויבערשטער טייל פון אַ קאָלומנע), וואָס האָט זיך געפונען ביים אַריינגאַנג אָדער אינעווייניק אין דעם בית־תפילה.

6. אין 1910 יאָר האָט אַן אַנאַפּער אַנטיקוואַר פאַרקויפט דעם פּע־טערבורגער פראָפעסאָר פון אַרכעאָלאָגיע ג. וועסיעלאָווסקי אַ פראַגמענט פון אַן אויפשריפט אויף אַ מאַרמאָר־שטיין, 0,24x0,14 מ. די גרויס, די אותיות (0,015 מ.) זענען געשריבן מיט אַ שריפט, וואָס מען קאָן דאַטירן אַן ערך מיטן II י״ה. די אויפשריפט האָט זיך געפונען אין הויז פון פּראָפ. וועסיעלאָווסקי אין אַנאַפּע. ביים באַזוכן זומער 1955 דעם אַנאַפּער רע־גיאָנעלן מוזיי האָב איך די אויפשריפט נישט געזען.

די אויפשריפט האָט זיך דערהאַלטן נאָר טיילווייז (6 שורות פון דער אונטערשטער העלפט) און לייענט זיך אַזוי:

„...ווערטענס נאָמען איז ...נאָמע, כדי זי זאָל זיין אומבאַרירלעך און נישט באַלייזיקט פון מיר און פון יעטוועדן יורש מיטן (פּליכט) זיך גע־פינען ביי דעם בית־תפילה".

ווי האָט אויסגעזען דער גאַנצער נאָמען פון דער שקלאַפין (עס זענען געווען בלויז די אותיות ...נאָמע) איז נישט באַקאַנט *).

7. מסתמא שטאַמט אָפּ פון דער אַנטיקער גאָרגיפּיע אַן אויפשריפט געפונען אין דער געגנט ד י ז ו־ק אַ ל ע נישט ווייט פון סטאַניצע נאָוואַ מיכאַילאָווסקאַיאַ (ראַיאָן טואַפּסע), וועלכע די דאָרטיקע פריצטע האָט אין 1907 יאָר אַוועקגעשאָנקען דער פּעטערבורגער אַרכעאָלאָגישער קאָמיסיע.

די אויפשריפט איז אָפּגעבראָכן אין דריי זייטן, אַחוץ פון אויבן, און שטעלט פאָר מיט זיך אַ מאַרמאָר־טאָוול 0,115x0,185 מ. די גרויס און 0,055 די דיק. די ערשטע פון די פאַרבליבענע 10 שורות שטייט אָפּ פון ראַנד אויף אַ מהלך פון 0,04 מ., וואָס באַדייט, אַז דאָס איז טאַקע דער

---

* וועגן דער ניי פאַרעפנטלעכטער מאַנומיסיע פון אַנאַפּע, זע ביילאַגע נומ. 3.

אָנהייב פון דער אויפשריפט. די אותיות (0,01 מ.) זענען גאַנץ קליין, אָבער „לייענען זיך גאָר ביים הײַנטיקן טאָג נישט שלעכט“, ווי עס איז מודיע געווען דער ערשטער אַרויסגעבער.

„בעת דער הערשאַפט פון מלך (קאָטים), דעם פריינד פון קיסר און דעם פריינד פון די רוימער, דעם פרומען, אין 356 יאָר אין חודש.... איך (פילאָט)עימאָס, דער זון פון גאדאס, מיט)... מיין פרוי, מיט וועלכער (עס האָט מסכים געווען.... איר שוועסטער?) און די פרוי פון.... (קאַליסט)ענעיא באַפרייען זייער שקלאַף דערצויגן אין דער היים... מיט זיין פלוגתטע.... (פון אָפשטאַם?) יידן...“

די אויפשריפט איז זייער פראַגמענטאַר, ווייל עס האָבן זיך דערהאַלטן נאָר דער ערשטער טייל פון דער אויפשריפט, און דאָס אויך אָן די נעמען פון די באַלעבאַטים און פון די שקלאַפן. דעם באַלעבאָס נאָמען ענדיקט זיך אויף — עימאָס אַזוי, אַז מען דערגענצט אים (פילאָט)עימאָס און דעם נאָמען פון דער קרובה לייענט מען (קאַליסט)ענעיא, אָבער דאָס איז נישט אינגאַנצן זיכער. וואָס שייך דעם נאָמען גאדאס, האַלט מען אים פאַר אַן איראַניש, אָבער אפשר שטעקט אין אים פאָרט אַן אָפקלאַנג פון ביבלישן נאָמען ג ד? די אויפשריפט איז דאַטירט מיטן 356 יאָר פון דער באָספאָראַנישער ערע, ד. ה. 59/58 יאָר פון דער נייער צייט־רעכענונג, ווען עס האָט דאָ געהערשט דער מלך קאָטים.

8. פון דער זעלבער תקופה פון אַנאַפע איז דערגאַנגען אַ קליינער שפליטער פון אַ מאַרמאָרנער אויפשריפט (0,15x0,075 מ. די גרייס) אין דריי שורות, אויסגעקריצט זאָרגעוודיק אין אותיות 0,015 די הויך. די אויפשריפט לייענט זיך אַזוי (אין אונדזער רעקאָנסטרוקציע): „פּאַרנאַקיאָן.... (דער פאָטער פון דער געמיינדע?) מיט (זיין) פרוי... אין 449 (יאָר)...“

פאָטער פון דער געמיינדע איז אַן ערן־טיטל, וואָס דער ראש־הקהילה האָט געטראָגן אין די גריכיש־רוימישע צייטן. די רעקאָנסטרוקציע איז אָבער נישט קיין זיכערע, ווייל אויפן שטיין איז געבליבן בלויז די ענדונג — ע ס, וואָס קאָן אין גריכיש זיין דער שלוס־זילב פון פאַרשיידענע זאַכווערטער אין ווייבלעכן מין, ווי „סינאַגאָגע“ (געמיינדע), „פּראָסעוכע“ (בית־תפילה) א"א. לאַטישעוו גופא איז געווען איבערצייגט, אַז מען דאַרף דאָ דערגענצן: ביים בית־תפילה. 449 יאָר אַנטשפרעכט 152/151 יאָר לויט דער נייער צייט־רעכענונג.

9. דער ייִדישער ישוב אין פּ אַ נ ט י ק אַ פּ אַ י אָ ן איז באַקאַנט שוין אין I י״ה פֿון עטלעכע דאַטירטע און נישט דאַטירטע אויפֿשריפֿטן. די עלטסטע באַקאַנטע אויפֿשריפֿט שטאַמט פֿון יאָר 57.

אין 1895, גראָבנדיק אַ גרוב פֿאַר דעם פֿונדאַמענט פֿון מעסאַקסודיס הויז (אַ באַקאַנטער קערטשער גביר ביז דער רעוואָלוציע), צופֿוסנס פֿון באַרג מיטרידאַטעס (דער באַרג הייסט אַזוי אין אָנדענק פֿון פּאָנטיש-באָספּאָראַנישן מלך, וועגן וועלכן עס איז שוין געווען ביי אונדז אַ ריי״, זע אויבן ז' 28), האָט מען געפֿונען אַן אויפֿשריפֿט פֿון 20—22 שורות אויף אַ מאַרמאָר=שטיין 0,48 × 0,30 די גרייס און 0,07 די דיק. די אותיות (0,018 מ) זענען פֿאַרבליבן נאָר אין די ערשטע זיבן שורות מער ווייניקער אינגאַנצן, ווייטער זענען געבליבן נאָר פֿאַראייינצלטע סימנים, אַזוי אַז דער טעקסט לייענט זיך נאָר טיילווייז (אין אונדזער רעקאָנסטרוקציע):

„בעת דער הערשאַפֿט פֿון מלך טיבעריוס יוליוס קאָטיס, דעם פֿריינד פֿון קיסר און דעם פֿריינד פֿון די רוימער, דעם פֿרומען, אין 354 יאָר, אין חודש האיסיאָס דעם 10=טן טאָג איך העדעיא (סטעפּאַסעס) פֿרוי... (באַפֿריי?).... דעם (בית=תּפֿילה)...“

די רעקאָנסטרוקציע איז אַ וואַרשיינלעכע, ווייל אויפֿן שטיין לייענט מען: — ע ן פּ ר אָ... דאָס קאָן מען פֿאַרשטיין אַלס (ט) ע ן — אַרטיקל אין ווייבלעכן מין — און פּ ר אָ (ס ע ו כ ע ן). דעריבער פֿאַלן אויך אָפּ דערגענצונגען אין גיימראַלן מין (למשל, פּראָסעוקטעריאָן — זע אויבן נומ. 5) אָדער מענלעכן (למשל, פּראָגאָאָס, וואָס באַצייכנט שוין אַ נישט=ייִדישן טעמפּל). לײַדער איז נישט פֿאַרשטענדלעך דער זין פֿון וואָרט, וואָס איז געווען אָנגעשריבן אויפֿן שטיין פֿאַרן אַרטיקל און פֿון וועלכן עס זענען איבערגעבליבן בלויז עטלעכע אותיות.

דער 10 טאָג פֿון חודש האיסיאָס (לויטן ייִדישן קאַלענדאַר ס י ו ן), אַנטשפּרעכט דעם 6 יוני. די אויפֿשריפֿט האָט זיך פֿאַר דער צווייטער וועלט=מלחמה געפֿונען אין מעלעק=טשעסמענישן קורהאַן אין קערטש. דאָ און אין דעם א. ג. קעניגלעכן קורהאַן *) האָט זיך געפֿונען דער גרעסטער טייל קערטשער אויפֿשריפֿטן אין מצבֿות. נאָך דער מלחמה איז אַ טייל

* די אָנגעוויזענע קורהאַנען שטעלן מיט זיך פֿאַר באַגראָבונגס = געבײַדעס פֿון באָספּאָראַנישן אַדל פֿון IV י״ה פֿאַר דער נ. צ., וועלכע מען האָט פֿאַרוואַנדלט אין פֿיליעס פֿון קערטשער מוזיי נאָכדעם, ווי מען האָט זיי אָפּגעגראָבן אין XIX י״ה.

אויפשריפטן פון ביידע קורהאַנגען אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַרכעאָלאָגישן מוזיי גופא.

10. פון יאָר 80 לויט דער נייער צייט־רעכענונג שטאַמט אַן אויפשריפט געפונען אין 1832 יאָר אין קערטש צופוסנס פון באַרג מיטרידאַטעס אין געוועזענעם שטאָט־טייל פון דער אַלטער אַדמיראַליטעט. די אויפשריפט האָט זיך גוט דערהאַלטן און געפינט זיך אין לענינגראַדער ערמיטאַזש־מוזיי. די אויפשריפט שטעלט מיט זיך פאָר אַ מאַרמאָרנעם טאָוול 0,29×0,58 די גרויס. דער טעקסט באַשטייט פון 19 שורות:

„בעת דער הערשאַפט פון מלך טיבעריוס יוליוס רהעסקופאָריס, דעם פריינד פון קיסר און דעם פריינד פון די רוימער, דעם פרומען, אין 377 יאָר, אין חודש פעריטיאָס דעם 12 טאָג, איך כרעסטע, די אלמנה פון דרוזוס, באַפריי על פי נדר ביי דעם בית־תפילה אויף אייביק מיין שקלאַף העראַקלעס, דערצויגן אין דער היים, כדי ער זאָל זיין אומבאַרירלעך און נישט באַאומרואיקט מצד יעטוועדן יורש; לויט מיין נדר זאָל ער זיך געפינען נישט געשטערט אין יעדן אָרט, וווּ ער וועט וועלן אַחוץ (דעם פליכט) צו באַזוכן דעם בית־תפילה צוליב פאַרערונג און דינסט, אויף וואָס עס האָבן מסכים געווען מיינע יורשים הערקלעידעס און העליקאָניאַדע, און די יידישע קהילה נעמט אָנטייל אין דער אַפּוטרופסות“.

דער 12 טאָג פון חודש פ ע ר י ט י אָ ס (אַנטשפּרעכט דעם חודש ש ב ט לויטן יידישן קאַלענדאַר) איז דער 8 פ ע ב ר ו אַ ר. אין דער אויפשריפט ווערט דערמאָנט נישט נאָר אַ יידישער בית־תפילה (גריכיש „פּראָסעוכע“) נאָר אויך די יידישע קהילה (גריכיש: „סינאַגאָגע טאָן יודאיאָן“, וווּ סינאַגאָגע באַדייט — פאַרזאַמלונג, אָדער פאַרבאַנד).

11. אַן ענלעכע, שטאַרק פראַגמענטירטע אויפשריפט איז געפונען געוואָרן אין קערטש אַרום 1825 יאָר. זי געפינט זיך אויך אין לענינגראַדער ערמיטאַזש־מוזיי און שטעלט פאָר מיט זיך אַ מאַרמאָר־טאָוול 0,28 × 0,48 מ. די גרויס און 0,055 די דיק. די אותיות (0,015 מ. די הויך) זענען פון לינקס און פון רעכטס נישט גלייכמעסיק אָפּגעמעקט, אַזוי אַז נאָר אין מיטן לייענען זיי זיך גוט. דעריבער איז דער טעקסט פול מיט דערגענצונגען. אין דער רעקאָנסטרוקציע פון לאַטישעוו און לוריא לייענט ער זיך אַזוי:

„(בעת דער הערשאַפט פון מלך... דעם פריינד פון קיסר און דעם פריינד פון פאָטערלאַנד, דעם פרומען אין... יאָר אין חודש) אַרטעמיסיאָס

(דעם... טאָג) איך... ביי דעם בית־תפילה לאָז פריי מיינע שקלאַפן, דערצווינגענע אין דער היים, לויט אַ נדר מאַנצבילן... און הערמאַסן, כדי זיי זאָלן זיין אומבאַרירלעך און נישט באַאומרואיקט סיי פון מיר, סיי פון יעטוועדן יורש... אונטער (דעם תנאי פון) פאַראַמאָנע ביזן (סוף פון) מיין לעבן... ביי מיר און ביי... וואָס האָט מיט מיר מסכים געווען... אַלעם געזעצלעכעם אַזוי ווי... און ווען איך וועל שטאַרבן... וועלן זיי אַלץ טאָן... נאָך מיין טויט זאָל זיי זיין דערלויבט צו געפינען זיך אומגעשטערט און אָן יעטוועדן (רעכט אויף) אַמפּיסבעטעסיס (מצד די יורשים) אין דעם אָרט אויף דער ערד, ווו זיי וועלן וועלן, אַחוץ (דעם פליכט צו באַזוכן) דעם בית־תפילה צוליב פאַרערונג און דינסט און די יידישע קהילה נעמט אָנטייל אין דער אַפּיטראָפּסות".

אין דער אויפשריפט טרעפן מיר צוויי טערמינען פון גריכישן רעכט, וועלכע פאָדערן אַן אויסטייטשונג. פ א ר א מ אָ נ ע (בוכשטעבלעך: בייזיין, וווינען) באַדייט אַ חוב פאַרן פרייגעלאָזענעם שקלאַף צו לעבן אַ געוויסע צייט נאָך דער באַפרייונג ביי זיין געוועזענעם באַלעבאָס און באַדינען אים. דאָס איז אין יורידישן זין אייגנטלעך אַ מין איבערגאַנגס־צושטאַנד צווישן שקלאַפעריי און פרייהייט. אינטערעסאַנט, אַז אין אַלטערטום האָט דער אָפּמאַך וועגן דינגען אויף אַרבעט פרייע אַרבעטער אויך געטראָגן די פאָרם פון אַ פאַראַמאָנע־הסכמה. א מ פ י ס ב ע ט ע ס י ס — איז דאָס רעכט אַריינצוטרעטן אין געריכט מיט אַ תביעה וועגן ירושה. אַזוי ווי דער שקלאַף גייט איבער בירושה צו די געזעצלעכע יורשים איז נויטיק, אַז זיי זאָלן זיך באַצייטנס אָפּזאָגן פון אַלע מעגלעכע פּרעטענזיעס צום שקלאַף, וואָס גייט אַרויס אויף דער פריי.

די אויפשריפט שטאַמט לויט דער שריפט פון סוף I י"ה. לויטן אינהאַלט איז זי אויך זייער ענלעך צו דער פאָריקער אויפשריפט פון יאָר 80. אַזוי אַרום שטאַמט זי מסתמא פון דער צייט פון מלך טיבעריוס יוליוס רעסקופּאָריס אָדער פון זיין נאָכפאָלגער טיבעריוס יוליוס סאַוראָמאַטעס.

12. אין 1912 יאָר איז אויף דער צפונדיקער זייט פון באַרג מיטרידאַטעס אין קערטש געפונען געוואָרן אַ קליינער שפּליטער פון אַ מאַרמאָר־טאָוול 0,15 × 0,11 מ. די גרויס און 0,05 די דיק. די אותיות זענען 0,015 מ. די הויך. דער שפּליטער אַנטהאַלט די לעצטע דריי שורות פון אַ דאָקומענט וועגן באַפרייונג פון שקלאַפן, וועלכע לייענט זיך אַזוי:

„און די יידישע קהילה נעמט אָנטייל אין דער אַפּיטראָפּסות"

13. אין האַרבסט 1928 איז אויף דער מאַגאַזין=גאַס אין קערטש ביים גראָבן אַ גרויסן גרוב געפונען געוואָרן אַ מאַרמאָר=טאָוול 0,32 × 0,37 די גרויס און 0,075 — 0,115 די דיק מיט אַן ענלעכער אויפשריפט (די אותיות זענען 0,017 — 0,011 די הויך), פון וועלכער עס האָבן זיך דערהאַלטן 10 שורות. די איבערשטע (די ערשטע דערגאַנצענע צו אונדז) שורה איז שטאַרק אָפּגעמעקט אַזוי, אַז מען קאָן זי נישט לייענען.

די אויפשריפט לויטעט אַזוי:

„...קאָס. איך באַפריי ביי דעם בית=תפילה עלפּיאַסן מיין שקלאַף, הערצויגן אין דער היים, כדי ער זאָל זיין אומבאַרירלעך און נישט באַאומרואיקט מצד יעטוועדן יורש, מחוץ (דעם פליכט) צו דינען דעם בית=תפילה אונטער דער אַפּוטרופּסות פון דער יידישער קהילה און פאַרצרן גאָט".

אין גריכישן טעקסט פון דער אויפשריפט שטייט אין דער ערשטער שורה נישט ק אָ ס, נאָר ק ו. האָס איז דער גענעטיוו פון אַ מענלעכן נאָמען אויף — ק אָ ס אָדער — ק ע ס. אין די געגנטן זענען די נעמען (איראַנישע אָדער איראַניזירטע) אויף — אַ ק אָ ס זייער אָפט, למשל: פאַרנאַקעס, אַרדאַראַקאָס, אַנדאַנאַקאָס, באַראַקאָס, זעוואַקאָס אא"וו.

אַזוי ווי דער פּאָסעסיווער פאָרוואָרט „עמאַטעס" (רעקאָנסטרוקציע פון פּראָפּ. לוריא) שטייט אין ווייבלעכן מין, דאַרף מען האַלטן, אַז דער נאָמען אויף... קאָס איז מסתמא דער נאָמען פון מאַן פון דער שקלאַפּן=באַזיצערין, וועלכע האָט געהייסן אויפשרייבן דעם אַנאַליזירטן דאָקומענט. די אויפשריפט לאָזט זיך לויט אַ ריי סימנים דאַטירן אינעם ערשטן יאָרהונדערט פון אונדזער צייט=רעכענונג.

14. פון אָנהייב פון II י"ה שטאַמט אַן אויפשריפט וועגן אַ יידישן בית=תפילה אין אָ ל ב י ע אויפן בוג. די דאָזיקע אויפשריפט איז פאַרלירן געגאַנגען נאָך אין XIX י"ה. אָבער עס זענען פון איר געבליבן קאָפּיעס, פון וועלכע עס איז צו זען, אַז לויטן כאַראַקטער פון דער שריפט באַציט זי זיך צום אָנהייב פון II י"ה. די אויפשריפט, ווען מען האָט זי געפונען און באַשריבן, איז שוין געווען אָפּגעבראָכן פון דריי זייטן: אַ הויץ פון לינקס און געהאַט די גרויס אַרום 0,20×0,20 מ. די ערשטע שורה איז אָפּגעמעקט געוואָרן מיט דער צייט. די איבעריקע 9 גיבן אַ מעגלעכקייט צו לייענען די אויפשריפט אַזוי:

„(דעם העכסטן גאָט אַ נדר). די פֿאַרזאַמלונג בראש מיטן (פֿאָרזיצער) פּלוני בן פּלוני צום צווייטן מאָל, פֿורמאַקעס (בן פּלוני), אַכילעוס דער זון פֿון העמעטריאָס, דיאָניסיאָדאָראָס דער זון פֿון עראָס(?), זאָבעיס דער זון פֿון זאָבעיס ארכאָנטן האָבן אָפּגעבויט דעם בית=תפילה אונטער זייער אייגענער אויפֿזיכט. באַדעקנדיק זי פֿון שוועל ביזן...“

וועגן וואָס דערציילן אונדז די אָפּגעפֿונענע אויפֿשריפֿטן, וועלכע מיר האָבן דאָ אויבן ציטירט?

זיי אַנטהאַלטן, בכלל גערעדט, געוויסע ידיעות וועגן די בתי=תפילה און וועגן די מיטגלידער פֿון די יידישע געמיינדעס. דער בית=תפילה אין פֿאַנאַגאָריע, קאָן מען מיינען, האָט זיך געפֿונען הארט ביים וואַסער. עס איז באַקאַנט, אַז יידישע בתי=תפילה אין דער העלעניסטישער תקופה פֿלעגן זיך געפֿונען ביים וואַסער (בײַ אַ טייך, ביים ים). פֿון די גריכיש=מצרישע פּאַפּירוסן ווייס מען עפּעס אַזוינס פֿון שטעטלעך אין מיטל=מצרים. יוסף פֿלאַוויוס גיט איבער, אַז אין האַליקאַרנאַסאָס אין קליין=אַזיע האָט מען יידן דערלויבט צו בויען בתי=תפילה ביים ים או״ו. אַז בתי=תפילה פֿלעגט מען בויען אויך אויפֿן שיפּוע פֿון די בערג, איז באַקאַנט פֿון די רואינען און אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען פֿון בתי=תפילה אין גליל. פֿון זיי עפֿנט זיך אַ הערלעכער אויסבליק אויף דער אַרומיקער געגנט, און דאָס האָט באַדאַרפֿט אונטערשטרייכן די דערהויבנקייט פֿון דעם הייליקן אָרט. אין אַנדערע פֿאַלן פֿלעגט מען בויען אַפֿילו קינסטלעכע טעראַסן פֿאַר די בתי=תפילה. די זעלבע פּראַקטיק איז מסתמא געווען אָנגעווענדט אויך אין פֿאַנטיקאַפּאַיאָן, וווּ די שטאָט ליגט אויפֿן ראַנד און צופֿוסנס פֿונעם באַרג מיטרידאַטעס.

די בתי=תפילה האָבן געדינט אַלס געביידעס פֿאַרן קולט, אָבער אויך אַלס צענטערס פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿון דער געמיינדע. דאָ פֿלעגט זיך אויפֿקלייבן די עדה, דאָ פֿלעגט מען משפּטן, דאָ פֿלעגט מען באַפֿרייען שקלאַפֿן און דאָ פֿלעגט מען לערנען מיט דעם אונטערוואַקסנדיקן דור די הייליקע שריפֿט, פֿאַרשטייט זיך, אין גריכיש, ווייל די באָספּאָראַנישע יידן זענען געווען שטאַרק העלעניזירט. וועגן דער אָרגאַניזאַציע פֿון דער געמיינדע איז גענויער נישט באַקאַנט. מען קאָן מיינען אויפֿן סמך פֿון דעם, וואָס אונדז איז באַקאַנט פֿון אַנדערע שטעט און גריכנלאַנד און קליין=אַזיע, אַז אויך דאָ האָבן עקזיסטירט אַ ראש=הקהילה, עלטסטע, סופֿרים, כהנים, מדריכים, דיינים או״ו. וואָס שייך דעם ערן=טיטל „פֿאָטער פֿון דער געמיינדע“, איז נישט באַוווּסט, צי מיט דעם זענען געווען פֿאַרבונדן

קאָנקרעטע אַמטן אָדער פליכטן. אַלנפאַלס פלעגט מען דעם טיטל געבן אַ מענטשן, וואָס האָט געהאַט גאָר גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער עדה.

די באָספאָראַנישע יידן זענען געווען זייער שטאַרק העלעניזירט, גערעדט און געשריבן גריכיש, געטראָגן גריכישע נעמען (כרעסטע, העראַקלעידעס, העליקאָניאַדע) און אפילו רוימישע (דרוזוס). דאָס דערווייזט, אַגב אַז דער פאַרשטאָרבענער דרוזוס (דער מאַן פון כרעסטע) האָט געהאַט רוימישע בירגער־רעכט.

אַן אַנאַלאָגיע לאָזט זיך דורכפירן מיטן נאָמען פלאַוויוס פון באַקאַנטן יידישן היסטאָריקער יוסף פלאַוויוס (יוסף בן מתתיהו הכהן). רוימישע בירגער צווישן דער באָספאָראַנישער אַריסטאָקראַטיע איז געווען גאָר ווייניק, און דאָס זאָגט עדות, אַז כרעסטעס פאַמיליע איז געווען אַ פאַרמעגלעכע און באַדייטנדיקע אין פאַנטיקאַפאַיאָן.

וואָס שייך די יידישע שקלאַפן (אויפשריפט נום. 7) זענען זייערע נעמען ליידער נישט דערגאַנגען צו אונדז. די נישט־יידישע שקלאַפן, וועלכע פלעגן זיך מגייר זיין, טראָגן טיפיש גריכישע נעמען: העראַקלעס, הערמאַס, דיאָניסיאָס — לאָנגיאָן, עלפיאַס, כריסע.

אַ קורצער סך־הכל. די אָפגעפונענע אויפשריפטן באַשטעטיקן פאָלגנדיקע היסטאָרישע פאַקטן: ערשטנס, אין די פאָרט־שטעט אויפן טאַמאַנער און קערטשער האַלב־אינדזלען האָבן שוין אין I י"ה עקזיסטירט יידישע בתי־תפילה און יידישע קהילות. צווייטנס, די דאָזיקע יידן זענען געווען דעמלט זייער שטאַרק העלעניזירט, גערעדט און געשריבן גריכיש, געטראָגן גריכישע נעמען, נאָר פונדעסטוועגן געהאַלטן זיך פאַר יידן (זע די באַצייכענונג „יידישע געמיינדע", וואָס פיגורירט אין די אויפשריפטן), געווען שטאַרק צוגעבונדן צום יידישן גלויבן. דריטנס, די יידישע געזעלשאַפט איז געווען דעמלט שטאַרק דיפערענצירט און סאָציאַל (עס זענען געווען שקלאַפן־באַזיצער און יידישע שקלאַפן).

## קאַפיטל V

# די רעכטלעכע און סאָציאַלע פאַרהעלטענישן

דאָקומענטן וועגן באַפרייען שקלאַפן זענען באַקאַנט אין דער וויסנשאַפט אונטערן נאָמען פון מאַנומיסיעס („מאַנומיסיאָ“ באַדייט אויף לאַטיין — פריילאָזונג), די יידיש־באָספאָראַנישע מאַנומיסיעס שטעלן מיט זיך פאָר פריוואַט־רעכטלעכע דאָקומענטן, לויט וועלכע דעם באַפרייטן שקלאַף ווערט יורידיש גאַראַנטירט זיין פרייהייט.

די פרייהייט, וואָס דער שקלאַף באַקומט, באַשטייט אין פאָלגנדיקס: 1) עס ווערט אָנערקענט, אַז ער איז פערזענלעך פריי, 2) ער ווערט באַשיצט פון אַלע פרווון פון פאַרשקלאַפונג אויף אַ נישט געזעצלעכן אופן (דורך יורשים אא״וו.), 3) עס ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז ער האָט דאָס רעכט צו גיין (און במילא לעבן), ווו ער וויל. פון דער אַנדערער זייט ווערט זיין פרייהייט באַגרענעצט דורך אַ ריי תנאים, ווי פאַראַמאָנע (זע אויבן ז׳ 42), התחייבותן פון אָפּהיטן דעם יידישן גלויבן און פון דינסטפליכטן לגבי דעם בית־תפילה, דער חוב צו געפינען זיך ביי דעם בית־תפילה.

דעם שקלאַפס פרייהייט ווערט גאַראַנטירט דורך דעם פאַקט, וואָס די מלוכה ווערט אינפאָרמירט (די גענויע דאַטירונג מיט דער פולער טיטולאַטור פון די באָספאָראַנישע מלכים איז אַ באַווייז, אַז די מלוכה אָנערקענט און חתמעט דעם אַקט פון באַפרייונג) און די יידישע קהילה האָט די אויפזיכט (אפוטרופסות) איבער דער באַפרייונג. ווי איז דאָס צו פאַרשטיין? דעם גריכישן טעקסט קאָן מען דאָ אויסטייטשן אויף צוויי אופנים: 1) די קהילה האָט די אויפזיכט איבער דעם אַקט פון באַפרייונג (איבער זיין לעגאַלקייט), 2) די קהילה נעמט איבער די אויפזיכט איבער דעם פרייגעלאָזענעם שקלאַף. דאָס לאָזט זיך גלויבן, ווייל, אויב די באַפרייונג קומט פאָר ביים בית־תפילה, וועלכער געהערט יורידיש צו דער יידישער קהילה

(זי איז דער רעכטלעכער באַלעבאָס פֿון בית־תּפֿילה), מוז די לעצטע טראָגן די יורידישע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר די רעזולטאַטן פֿונעם רעכטלעכן אַקט, וועלכן זי האָט סאַנקציאָנירט.

דאָ קאָן מען שטעלן אַ פֿראַגע: פֿאַרוואָס ווערט נישט דערמאָנט די אויפֿזיכט פֿון דער יידישער קהילה אין אַלע פֿאַלן?

עס דוכט זיך, אַז דאָס איז געווען פֿאַרבונדן מיט דעם, ווער עס האָט באַפֿרייט דעם שקלאַף, צי יידן לויטן אָפּשטאַם, צי נאָר אָנהענגער פֿון יידישן גלויבן. די ערשטע זענען געווען מיטגלידער פֿון דער יידישער קהילה, די צווייטע מסתמא נישט, און דערפֿאַר האָט דער געוועזענער שקלאַף געפֿאָדערט, אַז אין דאָקומענט זאָל אויך פֿיגורירן אַ פּונקט וועגן דער אויפֿזיכט פֿון דער יידישער קהילה, צו וועלכער ער איז צוגעשטאַנען אַלס גר. עס איז באַקאַנט, אַז אין יענע צייטן ביי יידן פֿלעגט מען באַפֿרייען נישט־יידישע שקלאַפֿן (עבד כנעני), אויב יענער האָט אָנגענומען דעם יידישן גלויבן. וואָס שייך דער אויפֿשריפֿט נומ. 7, וו עס רעדט זיך וועגן באַפֿרייען יידישע שקלאַפֿן, איז די עטנישע צוגעהעריקייט פֿון די שקלאַפֿן־אייגנטימער נישט באַקאַנט.

צווישן די דאָקומענטן לאָזן זיך אונטערשיידן צוויי טיפּן: דער ערשטער האָט אַזאַ כאַראַקטעריסטישן פֿרמ: דער אַקט פֿון באַפֿרייונג איז אויסגעדריקט מיטן צייטוואָרט „פֿרייל אָזן" (אויף גריכיש „אפּיעגאי"), אין צווייטן טיפּ פֿיגורירט דאָס צייטוואָרט „הייליקן" (אויף גריכיש אַנאַטיטהעגאי"). ביי אין ערשטן, סיי אין צווייטן טיפּ ווערט דערמאָנט דער בית־תּפֿילה (אויף גריכיש „פּראָסעוכע") אַלס אָרט, וו עס קומט פֿאָר די באַפֿרייונג און עס ווערט געשריבן דער דאָקומענט אויפֿן שטיין, און אַלס מאָטיוו פֿון דער באַפֿרייונג ווערט אָנגעוויזן זייער אָפֿט אַ נדר פֿון די שקלאַפֿן־באַזיצער.

היות, ווי די דאָזיקע רעכטלעכע אויפֿשריפֿטן זענען געשריבן אויף גריכיש, נאָר האָבן אַ שייכות צו יידן, איז נויטיק זיי צו פֿאַרגלייכן מיט דעם, וואָס מיר ווייסן וועגן דער פּראַקטיק פֿון באַפֿרייען שקלאַפֿן סיי ביי די יידן אין ארץ־ישׂראל, פֿון איין זייט, סיי ביי די גריכן אין יענער צייט, פֿון דער צווייטער.

די משנה, וועלכע איז רעדאַגירט געוואָרן אין סוף פֿון II י"ה, קאָן נאָר צוויי אופֿנים פֿון באַפֿרייען שקלאַפֿן: אויסקויף (בכסף) אין באַפֿרייונגס־דאָקומענט (בשטר אָדער בגט שחרור). דער

דאָזיקער דאָקומענט דאַרף ווערן געחתמעט פון צוויי עדות אָדער ווערן איבערגעגעבן דעם שקלאַף אין אַנוועזנהייט פון צוויי עדות. די פאָרמולירונג וועגן שענקען דעם שקלאַף די פרייהייט (הרי הו בן חורין, אין לי עסק בך, הרי אתה לעצמך) דערמאָנט קלאָר די אויסדרוקן פון דעם רוימישן רעכט, ווו עס ווערט געזאָגט „סמיכוס ליבער עסמאָ“ אָדער „ליבער סיט“, דאָס הייסט — „זאָל סמיכוס (נאָמען על תנאי פון שקלאַף) ווערן פריי“. צווישן די נישט־פאָרמעלע אופנים פון שקלאַפן־באַפרייונג לויטן תלמוד געפינט זיך אַזאַ לערע, וועלכע ווערט צוגעשריבן דעם יוריסט רב (סוף פון II י"ה): אויב אַ באַזיצער הייליקט זיין שקלאַף, ווערט ער פריי (המקדיש עבדו יצא לחירות), און נאָר אין דעם פאַל, ווען ער וויל חתונה האָבן מיט אַ פרייגעבוירענער פרוי, מוז ער קריגן אַ באַפרייונגס־גט. דער שטרייט אַרום דער לערע פון רב (מסכתא גיטין) דערוויזט, אַז די שפּעטערדיקע יידישע יוריסטן האָבן געהאַלטן דעם איפן נישט פאַר קיין פאָרמעל־רעכטלעכן.

וואָס שייך די פריערדיקע צייטן פון תנ"ך, איז באַקאַנט, אַז ביים בית־המקדש זענען געווען טעמפּל־שקלאַפן (נתנים), דאָס הייסט, אַז מען פלעג הייליקן זיי צום בית. שפּעטער האָט מען דאָס אָפּגעשאַפט און מען האָט געהייליקט נאָר דעם פרייז פון שקלאַף (זיין געלט־ווערט) אָדער זיין אַרבעט. פון אַזעלכע פאָרמען וואָלט זיך געקאָנט אַנטוויקלען אַן אופן פון באַפרייען שקלאַפן דורך אַ פיקטיווער הייליקונג צום בית, אָבער דער יידישער דין איז נישט אַוועק אויף דעם וועג. אומקערנדיק זיך צו דער אַנאַליזירטער לערע פונעם יוריסט רב, מוז מען אָנווייזן, אַז אַחוץ דעם פאַל ווייסט נישט די משנה און נישט דער תלמוד גאָרנישט וועגן אַ שקלאַפן־באַפרייונג אין דער פאָרם פון אַ פיקטיווער הייליקונג. אינטערעסאַנט און איבערציינגעוודיק איז די לערע (בריתה), וואָר ווערט ציטירט אין תלמודישן טראַקטאַט גיטין: „אויב עמעצער הייליקט דעם בית־המקדש זיין אייגנטום, צווישן וועלכן עס געפינען זיך שקלאַפן, האָבן די שרים האוצר נישט קיין רעכט צו לאָזן זיי פריי, נאָר פאַרקויפן זיי צו אַנדערע, און די לעצטע באַפרייען זיי“. דאָס באַווייזט, אַז דער יידישער דין האָט אָנערקענט אַ פיקטיווע שקלאַפן־באַפרייאונג נישט אין דער פאָרם פון אַ הייליקונג, נאָר אין דער פאָרם פון אַ פיקטיוון פאַרקויף צו פרעמדע פערזאָנען. אַזוי ווי דער שקלאַף איז נישט קיין יורידישע פערזאָן (ביי די פעלקער אין אַלטערטום איז דער שקלאַף נאָר אַ זאַך), האָט ער נישט קיין רעכט צו אויסקויפן

זיך אַליין. דעריבער איז נויטיק, אַז אַלס זיין פאָרשטייער (פאַרמיטלער) זאָל אַרויסטרעטן אַ פרייער מענטש, וועלכער קאָן אים אויסקויפן פון שקלאַפעריי. ווייטער ווערט אין גיטין ציטירט דער קאָמענטאַר פון רבי יהודה הנשיא, (וואָס האָט געלעבט אין דער צווייטער העלפט פון II י״ה), וועלכער האַלט, אַז אויך דער שקלאַף אַליין קאָן באַצאָלן זיין ווערט און ווערן פריי, ווייל דאָס איז דאָס זעלבע, ווי אויב דער פאַרוואַלטער וואָלט אים פאַרקויפט צו זיך אַליין. אין ליכט פון די פאַקטן קאָן מען מיינען, אַז רבס לערע איז נאָר אַ ווייטערדיקער אויספיר פון דער פראַקטיק, וואָס איז באַקאַנט פון דער ציטירטער בריתה. אַזוי אַרום דאַרף מען זאָגן, אַז די פאָרמען פון באַפרייען שקלאַפן ביי די באָספאָראַנישע יידן האָבן נישט קיין אַנטשפּרעכונגען אין די יידישע דינים און מען דאַרף מסתמא אויפקלערן זייער אָפּשטאַם מיט דער הילף פון אַלטן גריכישן רעכט. איידער מיר גייען איבער צו דעם, איז כדאי צו דערמאָנען וועגן אַ פאָר פרוון פון יידישע געלערנטע אויסצוטייטשן די פאָרם פון די באָספאָראַנישע יידישע שקלאַפן־באַפרייונגען אַלס ריין יידישע. אַזוי, למשל, האָט הרכבי געהאַלטן, אַז די באָספאָראַנישע יידן האָבן געקאָנט פראַקטיצירן אין זייערע בתי־תפילה אַזעלכע מנהגים און צערעמאָניעס, וועלכע זענען געווען אין בית־המקדש און פון דאַנען גענומט זיך דער אופן פון הייליקן שקלאַפן. דערענבורג אין אונטערשייד פון הרכבי האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז די הייליקונג איז אַ פיקטיווע פאָרם פון שקלאַפן־מאַנומיסיע, נאָר ער האָט געמיינט, אַז די באָספאָראַנישע יידן האָבן מסתמא איינגעפירט אַלס מוסטער פאַר אַזאַ מין צערעמאָניע דעם מנהג פון פאַרלענגערן די שקלאַפעריי פון אַן עבד עברי, וועלכער האָט זיך נאָך 7 יאָר שקלאַפעריי פרייוויליק אָפּגעזאָגט פון דער פרייהייט, וואָס קומט אים לויטן דין. פון דער השערה מאַכט דערענבורג אַ ווייטערדיקן אויספיר, אַז די באָספאָראַנישע יידן האָבן געלעבט לויטן תנ״ך און נישט געקאָנט דעם תלמוד, וואָס איז נישט דערווייזבאַר בשום אופן. קראַוס ווידער האַלט, אַז די באָספאָראַנישע פאָרם פון הייליקן שקלאַפן האָט זיך אַנטוויקלט דירעקט אונטער דעם איינפלוס פון תלמודישן רעכט, וועלכער קאָן אויך די יורידישע פיקציע פון באַפרייען אַ געהייליקטן שקלאַף אין דער פאָרם פון אַ פיקטיוון פאַרקויף. ווי מיר האָבן שוין געזען, שטאַמען די ידיעות וועגן פיקטיווע פאָרמען פון פאַרקויפן שקלאַפן אין תלמוד פון אַ שפּעטערער צייט נאָכן חורבן בית שני (II י״ה), בשעת די יידן אין די דרום־רוסלענדישע געביטן האָבן זיי אָנגעווענדעט שוין אין אָנהייב פון

I י״ה. אַזוי אַרום קאָן די פראַגע שטיין גישט וועגן איינפלום פון תלמודישן רעכט אין דעם פרט אויף די באָספּאָראַנישע יידישע אויפשריפטן, נאָר וועגן אַ געמיינזאַמען מקור, וועלכער האָט באַאיינפלוסט סיי די אַנאַליזירטע אויפשריפטן, סיי די ציטירטע ברייתא פון גיטין. דאָס האָט געקאָנט זיין נאָר דאָס גריכישע רעכט. למען האמת דאַרף מען זאָגן, אַז לעווי, הרכבי, און אין אַ געוויסער מאָס אויך קראַוס האָבן אָנערקענט, אַז די רעכטלעכע פאָרם פון די באָספּאָראַניש-יידישע מאַנומיסיעס שטייט אין אַ ריי פרטים אין אַ סתירה מיטן יידישן דין. לויט דער משנה איז געווען פאַרווערט צו באַפרייען עטלעכע שקלאַפן אויף איין דאָקומענט, און אַזאַ פאַל זעען מיר אין די אויפשריפטן נומ. 7 און 11. עס איז געווען פאַרבאָטן צו באַפרייען שקלאַפן טיילוויז אָדער מיט געוויסע תנאים (פאַרגלייך די אויפשריפטן נומ. 10, 11 און 13; זע ז׳ 61) אין ארץ ישראל האָט דער אַקט פון באַפרייען אַ שקלאַף געטראָגן אַ ריין וועלטלעכן כאַראַקטער, בשעת ביי די באָספּאָראַנישע יידן פלעגט ער פאָרקומען אין דעם בית-תפילה. לויטן יידישן דין איז די רעכטס-פעיקייט פון דער פרוי געווען אומבאַגרענעצט, נאָר ביי די באָספּאָראַנישע יידן נויטיקט זיך די אַלמנה אין דער צושטימונג פון די יורשים (זע נומ. 10). מען רעדט שוין נישט וועגן דעם עצם-פאַקט פון פאַרשרייבן דעם מאַנומיסיע-דאָקומענט אויף אַ שטיין אין דער גריכישער שפּראַך. דאָס אַלץ איז באַקאַנט פון גריכישן רעכט, אָבער נישט פון יידישן אָדער רוימישן.

אין גריכנלאַנד האָבן עקזיסטירט אַחוץ די וועלטלעכע פאָרמען פונעם מאַנומיסיע-אַקט, וועלכער טראָגט דאָ דעם כאַראַקטער פון אַ געוויינלעכער יורידישער דערקלערונג (למשל, אין אַטען, טעסאַליע), אויך רעליגיעזע מאַנומיסיע-פאָרמען. דעם שקלאַף פלעגט מען באַפרייען אין דער פאָרם פון אַ הייליקונג צום גאָט (די עלטערע פאָרם) און פון III י״ה פ. ג. ע. אויך אין דער פאָרם פון אַ פיקטיוון פאַרקויף צו דעם טעמפּל. דאָס באַווייזט, אַז גאָר אָמאָל פלעגט מען מאַכן אָוועקשענקען דעם שקלאַף דעם טעמפּל און ער איז געוואָרן אַ טעמפּל-שקלאַף (אין גריכיש „היעראָדולאָס“), נאָר ביסלעכווייז האָט זיך פון דעם אַנטוויקלט אַ יורידישע פיקציע, און די האַזיקע פאָרם פון שקלאַפן-באַפרייונג פאַרשפּרייט זיך אין אַ ריי גריכישע לענדער, ווי אָלימפּיע (V י״ה פ. ג. ע.), לאַקאָניע (IV י״ה פ. ג. ע.), בעאָטיען (III י״ה פ. ג. ע.) אאַ״וו. אויך אין דער באָספּאָראַנישער מלוכה זענען באַקאַנט צוויי אַזעלכע אויפשריפטן, וואָס שטאַמען פון נישט-יידישע שקלאַפּ-

באַזיצער. אײנע פֿון 104 יאָר, געפֿונען אויף טאַמאַן נישט ווייט פֿון דער סטאַניצע זאַפּאָראָזשסקאַיאַ אין 1929, די צווייטע פֿון קערטש (דאַטירט זיך פֿון III י״ה). די ערשטע אויפֿשריפֿט איז אינטערעסאַנט מיט דעם, וואָס אין איר רעדט זיך וועגן דער צושטימונג פֿון די יורשים (די שקלאַפֿן־באַזיצערין איז אַ פֿרוי), און דער צווייטער איז דאָ דער תנאי וועגן פּאַראַמאָנע אין די שבֿועה אויף זעוסן, געאַען און העליאָסן. אַחוץ דעם זענען אין גריכנלאַנד באַקאַנט געווען אויך געמישטע פֿאָרמען פֿון שקלאַפֿן־באַפֿרייונגען (האַלב־וועלטלעכע, האַלב־רעליגיעזע), ווי למשל פֿון טערמאָן (עטאָליע) פֿון II י״ה פּ. ג. ע., וווּ עס רעדט זיך וועגן דעם, אַז די שקלאַפֿן ווערן באַפֿרייט „אויף זעוסן, געאַען און העליאָסן לויטן עטאָלישן רעכט“. די ייִדן, וועלכע האָבן געלעבט אין גריכנלאַנד, האָבן זיך באַנוצט מיט די גריכישע מאַנומיסיע־פֿאָרמען און דווקא רעליגיעזע. עס זענען צו אונדז דערגאַנגען שקלאַפֿן־באַפֿרייונגען אין דער פֿאָרם פֿון אַ פֿיקטיוון פֿאַרקויף צו אַפּאָללאָנען אין דעלף, וואָס זייערע מחברים זענען געווען ייִדישע שקלאַפֿן־באַזיצער.

כּדי ריכטיק אָפּצושאַצן די יורידישע פֿאָרם פֿון די באָספּאָראַנישע דאָקומענטן, איז נייטיק צו באַקענען זיך מיט אַזאַ דאָקומענט פֿון דעלף (119 יאָר פּ. ג. ע.):

„בשעת עס איז געווען אַרכאָנט העראַקלעידעס, אין חודש פּאָיטראָפּיאָס האָט יהודה דער זון פֿון פּינדאַראָס, מיט דער צושטימונג פֿון זיין זון פּינדאַראָס, פֿאַרקויפֿט צוליב באַפֿרייונג אַפּאָללאָנען אַ מאַנצביל מיטן נאָמען אַמינטאַס פֿאַרן פּרייז פֿון 5 שקלים זילבער, און דעם פּרייז האָט ער באַקומען. דער גאַראַנט איז קלעאָן, דער זון פֿון קלעאָדאַמאָס. אַמינטאַס וועט זיך געפֿינען ביי יהודה בתנאי פּאַראַמאָנע, ביז וואַנען יהודה וועט לעבן, און טאָן וועט ער אַלץ מעגלעכס, וואָס מען וועט אים הייסן. אין קעגנפֿאַל האָט יהודה דאָס רעכט צו באַשטראָפֿן אַמינטאַסן, אַזוי ווי ער וועט געפֿינען פֿאַר נייטיק, נאָר נישט צו פֿאַרקויפֿן אים. אויב עפּעס וועט מיט יהודה געשען (ד. ה. ער וועט שטאַרבן — ב. ג.), זאָל אַמינטאַס זיין פֿריי און הסכם מיט דעם, וואָס אַמינטאַס האָט אָנגעטרויט דעם פֿאַרקויף (דאָקומענט וועגן פֿאַרקויף — ב. ג.) גאָט, כּדי ער זאָל זיין דאָס גאַנצע לעבן פֿריי און אומבאַרירלעך פֿון וועמען עס זאָל נישט זיין. אויב עמעץ וועט כאַפּן אַמינטאַסן, כּדי אים צו פֿאַרקויפֿן, האָט דער ערשטער בעסטער דאָס רעכט אָפּצונעמען אים ווי אַ פֿרייען מענטשן ביים כאַפּער, און דער גאַראַנט זאָל גאַראַנטירן גאָט דעם פֿאַרקויף. עדות זענען די אַר־

כאַנטן: ניקאַטאָס, סאָסטראַטאָס און קאַליאַס, און די פּריוואַטע פּערזאָנען: טימאָקלעס, קטענאָקריטאָס, סאָסטראַטאָס, טאַראַנטינאָס, פּילאָקראַטעס"

שירער און אַנדערע געלערנטע האָבן געהאַלטן, אַז די יידיש-באָספּאָראַנישע דאָקומענטן וועגן שקלאַפן-באַפרייונגען שטעלן מיט זיך פאָר אַ ספּעציפישן וואַריאַנט פון דער גריכישער מאַנומיסיע אין דער פאָרם פון אַ פיקטיוון פאַרקויף צו גאָט. זיי מיינען, אַז דער תנאי צו באַזוכן דעם בית-תפילה, (דאָס איז פאַרבונדן מיטן איבערגאַנג פון שקלאַף צום יידישן גלויבן), וועלכער פיגורירט אין די יידישע מאַנומיסיעס פון דער באָספּאָראַנישער מלוכה, אַנטשפּרעכט דער פאָרם פון פאַרקויף צו דער גאָטהייט אין גריכנלאַנד. די דאָזיקע השערה איז שווער אָנצונעמען צוליב אַ גאַנצער ריי טעמים. ערשטנס, זענען פון דער באָספּאָראַנישער מלוכה נישט דערגאַנגען צו אונדז קיינע שקלאַפן-מאַנומיסיעס אין דער פאָרם פון אַ פיקטיוון פאַרקויף צו אַ גאָטהייט. צווייטנס, איז אַזאַ מין פאָרם באַקאַנט נאָר אין אַ באַגרענעצטער צאָל לענדער און צפון-גריכנלאַנד אין דער זעלבער צייט, ווען די מאַנומיסיע אין דער פאָרם פון אַ הייליקונג איז געווען פאַרשפּרייט סיי אין דער באָספּאָראַנישער מלוכה סיי אין קליין-אַזיע, פון וואַנען ס'זענען מסתמא געקומען די אָרטיקע יידן. דריטנס, זענען די התחייבותן לגבי דעם בית-תפילה גיכער פאַרבונדן מיט דער מאַנומיסיע אין פאָרם פון אַ הייליקונג (הייליקן שקלאַפן איז געווען אַ פאַרשפּרייטער רעליגיעזער מנהג אין אַלטערטום), איידער מיט דער מאַנומיסיע אין דער פאָרם פון פאַרקויף. דעריבער דאַרף מען טאַקע מיינען, אַז גראָד די גריכישע רעליגיעזע מאַנומיסיע אין דער פאָרם פון אַ הייליקונג צו דער גאָטהייט איז געווען איינע פון די גרונט-פאָרמען פון די יידיש-באָספּאָראַנישע שקלאַפן-באַפרייונגען. די צווייטע גרונט-פאָרם איז געווען די וועלטלעכע גריכישע מאַנומיסיע אין דער פאָרם פון אַ רעכטלעכער דעקלאַראַציע פאַר דער פאָלקס-פאַרזאַמלונג. אין די יידיש-באָספּאָראַנישע מאַנומיסיעס רעדט זיך וועגן דער כנסת פון די יידן („סינאַגאָגע טאָן יודאיאָן"), וואָס נעמט אָנטייל אָדער פירט אַליין אויס די אַפּוטראָפּסות איבער דעם באַפרייטן שקלאַף. אַזוי ווי די יידישע קהילה פלעגט זיך פאַרזאַמלען אין בית-התפילה (פּראָסעוכע), ווערט זי דעריבער דערמאָנט אין די אויפשריפטן.

היות ווי אין דעם וועלטלעכן טיפּ פון די יידיש-באָספּאָראַנישע שקלאַפן-באַפרייונגען (נומ. 10, 11, 13) ווערן דערמאָנט התחייבותן לגבי די

בתי=תפילה און נדרים, בשעת אין דעם רעליגיעזן טיפ (נומ. 4) איז אייז פאל איז דער אקט פון באפרייונג אויסגעדריקט מיט דער הילף פון א בשוטער דערקלערונג („מיר לאזן פריי“), דאס הייסט, אין א וועלטלעכער פארם, זעען מיר בפירוש, אז צווישן די יידיש=באבילאנישע שקלאפן=באפרייונגען האבן מיר לויטן יורידישן פארמולאר און לויט דעם אפשטאם פון די רעכטלעכע פארמען צוויי טיפן: 1) די רעליגיעזע הייליקונג און 2) די האלב=וועלטלעכע פארם פון שקלאפן=באפרייונג.

אויסדריקנדיק זיך אויף א בילדערישן אופן וועגן דער צווייטער פארם, קאן מען זאגן, אז אין די דאקומענטן פון דעם דאזיקן מין גאראנטירט דעם געוועזענעם שקלאף זיין פרייהייט דער יידישער גאט און די יידישע עדה געמט אויף זיך די טרחה צו דערלייזיקן אלע יורידישע פארמאליטעטן. א גוטע אנאלאגיע אויפן געביט פון גריכישן רעכט איז די שקלאפן=באפרייונג אין דער פארם פון א הייליקונג אין דער פאלקס=פארזאמלונג. די אונטערגעאָרדנטע ראלע פון רעליגיעזן מאמענט אין דער באהאנדלטער מאנומיסיע=פארם איז אן שום ספק א רעזולטאט פון א י י נ פ ל ו ס פ ו ן י י ד י ש ן ר ע כ ט, וועלכער קאן נאר די ריין=וועלטלעכע פארם פון שקלאפן=באפרייונג. פארקערט, אין דער ריין=רעליגיעזער פארם פון א הייליקונג צום בית=תפילה איז דער איינפלוס פון יידישן דין נישט דער=ווײַזן.

וואס פאר אן אויספירן קאן מען מאכן פון דעם אנאליזירטן מאטעריאל?

אויב עס רופט נישט ארויס קיין ספקות דער פאקט, אז די ריין=יידישע מאנומיסיעס פון דער באבילאנישער מלוכה שטעלן מיט זיך פאר פרי=וואט=רעכטלעכע דאקומענטן אנגעשריבענע אין א וועלטלעכער פארם מיט אייניקע רעליגיעזע דעטאלן (באקערונג צום יהדות, והתחייבות לגבי דעם בית=תפילה, נדרים או“וו), קאן מען מיינען, אז די דאקומענטן אין דער פארם פון א הייליקונג צום בית=תפילה, אין וועלכע די יידישע קהילה איז נישט דערמאנט, זענען געמאכט געווארן אדער געהערן צו ה א ל ב ע ג ר י ם. פאר זיי האבן די טראדיציעס פון שקלאפן=באפרייונג לויטן יידישן רעכט נישט געשפילט אזא גרויסע ראלע, ווי פאר יידן לויטן אפשטאם, און דערפאר האבן זיי זיך געדנער באנוצט מיט דער גריכישער רעליגיעזער מאנומיסיע אין דער פארם פון א הייליקונג.

די פארמען פון די באספאראנישע יידישע מאנומיסיעס איז אן א=ניקאליע ד ע ר ש יי נ ו נ ג אין דער געשיכטע פון יידישן רעכט.

ביז איצט זענען נישט באַקאַנט קיין ענלעכע דאָקומענטן פון אַנדערע ווינקלער פון דער העלעניסטישער דיאַספּאָרע. אַז מען פלעגט באַפרייען שקלאַפן אויך אין אַנדערע יידישע עדות, איז קלאָר סיי על פי שכל, סיי פון די דעלפישע דאָקומענטן, סיי פון דער אויפשריפט געפונען אין בית־תפילה אויפן אינדזל דעלאָס, וווּ עס רעדט זיך וועגן עמעצן, וואָס „איז געוואָרן באַפרייט". לײַדער איז די אויפשריפט זייער פראַגמענטאַריש (לויט איר כאַראַקטער איז זי אַ שפּענדונג) און דערציילט אונדז נישט, וווּ און אויף וועלכן אופן דער געוועזענער שקלאַף האָט געקראָגן זיין פרייהייט.

די שקלאַפן, וועלכע מען פלעגט באַפרייען, געהערן צו דער קאַטעגאָריע ד ע ר צ ו י ג ע נ ע א י ן ה ו י ז פונעם באַלעבאָס (אויף גריכיש „טהרעפּטאָי"). אַזעלכע שקלאַפן פלעגן גאַנץ אָפט געבוירן ווערן פון דעם אייגנטימער אָדער זיינע זין גופא. דעריבער זאָגן זיי עדות גיכער וועגן די קאָמפּליצירטע באַציונגען צווישן פרייע און שקלאַפן אין יענער תקופה, ווי וועגן דעם עצם פאַקט, אַז שקלאַפעריי אַלס סאָציאַלע אינסטיטוציע שטאַרבט אין יענער צייט אָפּ און ווערט פאַרביטן דורך אַנדערע עקספּלאָאַטאַציע־פאָרמען. עס קאָן אויך זיין, אַז אין אַ געוויסער מאָס האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַזאַ דערשיינונג, ווי דערציונג פון אינטערגעוואָרפענע קינדער, מיטן ציל צו פאַרוואַנדלען זיי אויף אַזאַ מין אופן אין שקלאַפן. ביי געוויסע באַדינגונגען פלעגט מען זיי געבן פרייהייט. דאָ האָבן געקאָנט שפּילן אַ ראָלע אַחוץ פערזענלעכע מאָמענטן אויך אַזעלכע מאָטיוון, ווי דער רעליגיעזער (איבערגאַנג פון שקלאַף צום יידנטום), עקאָנאָמישער (דער שקלאַפן־באַזיצער האָט זיך געניטיקט אין מזומן און געוואָלט פאַרקויפן זיין שקלאַף אָדער באַקומען פאַר אים אויסקויף־געלט) אא"וו.

בכלל דאַרף מען דעם טערמינאָלאָגישן מאָמענט נישט צושרייבן קיין צו גאָר גרויסע באַדייטונג און מיינען, אַז נאָר יידן האָבן אָנגערופן זייערע שקלאַפן „דערצויגלינג" (ווי עס האָט געמיינט אַמאָל דערענבורג). מיר טרעפן דעם טערמין אין צענדליקער מאַנומיסיע־אויפשריפטן, וועלכע האָבן נישט קיין שום שייכות צו יידן, און גראָד אין אַ יידישער מאַנומיסיע פון קערטש טרעפן מיר אַ מיאוסע באַצייכענונג פון שקלאַפן, ווי מענער־קערפּערס (אויף גריכיש „סאָמאַטא אנדרעיאַ"). די עטנישע צוגעהעריקייט פון שקלאַף ווערט בדרך כלל נישט אָנגעוויזן (אַן אויסנאַם איז די אויפשריפט נומ. 7, וווּ עס ווערט בפירוש געזאָגט, אַז די שקלאַפן זענען יידן לויטן אָפּשטאַם). אין דער אויפשריפט נומ 13 ווערט בפירוש גע=

זאָגט, אַז דער שקלאַף ווערט באַפרייט אונטערן תנאי פון „פאַרערן גאָט" (די זעלבע באַדייטונג האָט דאָס גריכישע וואָרט „טהאָפּעיא" אין די אויפשריפטן נומ. 10 און 11, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אויבן). דאָס באַדייט, אַז ער איז פריער מסתמא נישט געווען קיין ייד, ווייל יידן דאַרפן במילא זיין פרום און פאַרערן יהוה לויט די רעליגיעזע פאָרשטעלונגען. אַזוי ווי דער שקלאַף האָט זיך מגייר געווען, איז אַ סברא, אַז די יידישע עדה האָט אים געהאָלפן באַצאָלן דעם באַלעבאָס דאָס אויסקויף־געלט. ווען מען פלעגט באַפרייען אַ שקלאַף אָן געלט, האָט מען עס אין די גריכישע מאַנומיסיעס אַלעמאָל אונטערגעשטראָכן אַלס אַ זעלטענע זאַך בכלל. אין די יידישע שקלאַפן־באַפרייונגען רעדט זיך וועגן דעם גאָרנישט. אמת, אין דער אויפשריפט נומ. 4, ווי עס לייענט זיך „דאָרעאַן", ווילן אייניקע געלערנטע זען נישט דעם נאָמען פון דער שקלאַפין, ווי מען פאַרשטייט עס געוויינלעך, נאָר אַן אויסדרוק „אומזיסט" (אויף גריכיש איז עס מעגלעך). אַנדערע ווידער געלערנטע האָבן געמיינט, אַז היות, ווי אין די אַנאַליזירטע יידישע אויפשריפטן רעדט זיך וועגן אַ נדר, איז דאָס אַ גענוגנדיקער באַווייז, אַז דעם שקלאַף האָט מען באַפרייט אָן אויסקויף־געלט. אַלנפאַלס דאַרף מען אָנווייזן, אַז די גריכישע רעליגיעזע מאַנומיסיע אין דער פאָרם פון אַ הייליקונג באַדייט נאָך נישט פון זיך אַליין, אַז דער שקלאַף קריגט זיין פרייהייט אומזיסט, ווי דאָס איז צו זען פון געוויסע דאָקומענטן.

### פונוואַנען האָט דער שקלאַף געהאַט מזומן?

ערשטנס, זענען געווען שקלאַפן, וועלכע פלעגן פאַרדינען. מיטן הסכם פון אייגנטימער פלעגן זיי זיך פאַרנעמען מיט האַנדל, מלאכה (סיי דער יידישער דין, סיי דער גריכישער ווייסן וועגן דעם) און אָנזאַמלען מיט דער צייט אַ געוויסע סומע געלט. צווייטנס, האָט די יידישע עדה געהאָלפן אויסקויפן יידן פון שקלאַפעריי. דאָס האָט זיך גערעכנט פאַר אַ מצוה (זע תלמוד ירושלמי, גיטין ד' 4). אין אַ גריכישן פאַפּירוס פון דער מצרישער שטאָט אָקסירינכאָס פון יאָר 291 ווערט דערמאָנט אַן ענלעכער פאַל. מען מיינט, אַז אין אַזעלכע פאַלן זענען געוויינלעך מסתמא די שקלאַפן־באַפרייער נישט געווען קיין יידן, כאָטש עס קאָן זיין, אַז יידן האָבן אויך נישט געוואָלט אומזיסט געבן דעם שקלאַף די פרייהייט. אַז די יידישע עדה אין פאַנטיקאַפּאַיאָן האָט געהאָלפן מיט געלט די שקלאַפן איז אפשר קלאָר פון דעם, וואָס זי פלעגט מתחייב זיין דעם שקלאַף צו געוויסע אַרבעטן לטובת דעם בית־תפילה (זע ווייטער ז' 57).

דער איטאַליעניִשער געלערנטער קאַלדעריני האָט געהאַלטן, אַז אין דער יידישער מאָנומענט פון פאַנאַגאָריע רעדט זיך מסתמא וועגן דעם, אַז די באַלעבאַטים הייליקן (באַפרייען — ב. נ.) זייער שקלאַף אַלס אויסצייכענונג פאַר זיין גוטער דינסט און דעריבער איבערזעצט ער די שורות 18 — 20 אַזוי: „צוליב זיין טרייהייט און אויסדויער“. נאָר גראָד דאָס וואָרט „צוליב“ (אויף גריכיש „הענעקאַ“) איז אַ דערגענצונג, וואָס לייגט זיך נישט אויפן שטיין, אַזוי אַז די דאָזיקע אינטערפּרעטאַציע פאַלט אָפּ בּמילא, שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם, אַז דער זין פון די שורות קאָן מען פאַרשטיין גאָר אַנדערש, ווי מיר וועלן באַווייזן ווייטער.

מיר האָבן שוין גערעדט וועגן דעם, אַז אויפן פרייגעלאָזענעם שקלאַף ווערן אַרויפגעלייגט געוויסע התחייבותן, ווי פּאַראַמאָנע, דאָס הייסט — בלייבן ביים געוועזענעם אייגנטימער אַלס האַלב-פרייער דינער אַ געוויסע צייט (געוויינלעך ביז זיין טויט) און דינסט לטובת דעם בית-תפילה. לאָמיר זיך אָפּשטעלן גענויער אויף דער צווייטער התחייבות, ווייל זי האָט אַרויסגערופן אַ גאַנצע ריי מיינונגס-פאַרשידנהייטן אין דער וויסנשאַפט.

אַ טייל געלערנטע האָט געהאַלטן, אַז דעם פרייגעלאָזענעם שקלאַף ווערט פ אַ ר וו ע ר ט צו באַזוכן דעם בית-תפילה. דאָס קאָן מען פאַרשטיין נאָר אין דעם פאַל, ווען מען נעמט אָן, אַז דער באַפרייטער שקלאַף איז נישט קיין ייד. אַלס אַזאַ ווערט אים פאַרבאָטן אַריינצוגיין אין בית-תפילה ענלעך, ווי עס האָט געדראָט טויט-שטראָף פאַר נישט-יידן און אפילו רוימישע בירגער*) אַריינצוגיין אין אינעווייניקסטן הויף פון בית-המקדש (אַזעלכע אויפשריפטן אויף גריכיש פון הורדוסעס צייטן זענען געפונען געוואָרן אין ירושלים ביי אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען). דאָס לאָזט זיך אָבער נישט גלויבן, ווייל די יידישע בתי-תפילה פלעגן אין דער רוימישער תקופה גערן ווערן באַזוכט פון נישט-יידן און דאָס איז געווען דערלויבט. די עבודה אין בית-המקדש איז געגאַנגען גאָר לויט אַנדערע פאַרשריפטן, ווי אין די געוויינלעכע בתי-תפילה. וואָס שייך דער פילאָלאָגישער זייט פון דער אַרגומענטאַציע, אַז דער תנאי לייענט זיך נאָך דער פראַזע וועגן דעם, אַז דעם שקלאַף איז דערלויבט „צו ווענדן זיך אומגעשטערטערהייט, ווו ער וויל“, איז דאָס אַ מיספאַרשטייעניש. די פראַ=

* לויט די רוימישע געזעצן אין דער רעפּובליקאַנישער תקופה האָט נאָר די פאַלקס-פאַרזאַמלונג אין פרידנס-צייט געהאַט דאָס רעכט צו פאַרמשפּטן אַ רוימישן בירגער צו טויט-שטראָף.

זע וועגן פרייהייט פון באַוועגונג איז ספּעציעל צוגעגעבן צו כאַראַקטעריזירן די פרייהייטס-פּריווילעגיעס פון דעם באַפרייטן שקלאַף (זי טרעפט זיך זייער אָפט אין די דעלפישע מאַנומיסיעס) און האָט נישט קיין שייכות צו די התחייבותן לגבי דעם בית-תפילה. ווידער דער פּרוּוו פון אויסטייטשן דעם פאַרבאָט אין זין פון אַ באַגרענעצונג פאַר דעם געוועזענעם שקלאַף צו פאַרנעמען קהילה-אַמטן דרינגט בשום אופן נישט אַרויס פון די מאַטעריאַלן, וואָס מיר באַזיצן. די אויפשריפט נומ. 13 מאַכט אַ סוף צו דער גאַנצער דיסקוסיע איינמאָל פאַר אַלעמאָל, ווייל דאָרט לייענט זיך בפירוש, אַז דער שקלאַף ווערט באַפרייט אונטערן תנאי „צו דינען דעם בית-תפילה און צו פאַרערן גאָט". אויב דינען (אָדער באַזוכן, ווי אַנדערע איבערזעצן דאָס גריכישע צייטוואָרט „פּראָסקאַרטערעין") דעם בית-תפילה ווערט פאַרווערט פאַר די פרייגעלאָזענע שקלאַפן, טאָ ווי קאָן מען זיי דערלויבן „צו פאַרערן גאָט"? אויב זשע ווידער פאַרשטיין דעם תנאי אַזוי, אַז זיי ווערט פאַרווערט אי „צו דינען דעם בית-תפילה", אי „צו פאַרערן גאָט", איז דאָס פשוט אַן אומזין אין ליכט פון די פאַקטן וועגן דער ייִדישער רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע אין יענע צייטן. אַזוי אַרום איז דער איינציקער מעגלעכער זין פון די ווערטער, מחוץ דעם (חוב) צו באַזוכן דעם בית-תפילה צוליב פאַרערונג און דינסט" אַזוי ווי מיר האָבן אָנגעוויזן אויבן.

אָבער אויך אָננעמענדיק אַזאַ מין איבערזעצונג פאַרשטייט מען געוויינלעך דעם תנאי אין רעליגיעז-עטישן זין. מען פאַרשטייט דאָ דאָס וואָרט „דינסט" (בוכשטעבלעך אויף גריכיש — אויסדויער) אין זין פון „אויסדויער" אָדער „טריישאַפט" צום ייִדישן גלויבן. אויב דאָס וואָלט געווען אַזוי, איז נישט פאַרשטענדלעך — לויט מיין מיינונג — פאַרוואָס האָבן די מחברים פון באָספּאָראַנישע ייִדישע מאַנומיסיעס געהאַלטן פאַר נויטיק צוויי מאָל צו רעדן וועגן איינס און דאָס זעלבע (פאַרערן גאָט און אויסדויער לגבי דעם בית-תפילה). אַזוי ווי אין דער גריכישער שפּראַך האָט דאָס צייטוואָרט „פּראָסקאַרטערעין" געהאַט אין באַצוג צו שקלאַפן אַ ספּעציעלע באַדייטונג „טריי דינען", „סטאַרען זיך", דאַרף מען אָננעמען, אַז דאָ רעדט זיך טאַקע וועגן „דינען דעם בית-תפילה" אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט. וואָס שייך דעם זעלבן אויסדרוק אין די קריסטלעכע עוואַנגעליעס, ווו ער טרעפט זיך גאַנץ אָפט, איז ער באַנוצט שוין אין איבערגעטראָגענעם זין, וועלכער האָט זיך זייער לייכט געקאָנט אַנטוויקלען אויף אַזאַ מין אופן: אַזוי ווי שקלאַפן סטאַרען זיך פאַר זייערע

הארן, אזוי סטארען זיך ייִדן פאר זייערע בתי=תפילה. און דעריבער קריגט „סטארען זיך פארן בית=תפילה“ (איז מאטעריעלן זין) א באדייטונג „זיין טריי דעם בית=תפילה“ (ד. ה. דעם יידישן גלויבן). די פארגעלייגטע אינטערפרעטאציע ווערט באשטעטיקט דורכן אנאליז פון דער מאנומיסיע=אויפשריפט נומ. 6 פון גארגיפיע, ווו עס ווערט בוכשטעבלעך געזאגט, אז די שקלאפין ווערט באפרייט בתנאי „צו געפונען זיך ביי דעם בית תפילה“. דאס קאן מען פארשטיין נאר אין דעם זין, אז די געוועזענע שקלאפין בלייבט ביי דעם בית=תפילה און פירט אויס געוויסע ארבעטן, לייסטונגען א״וו. דאס, וואס די מאנומיסיע=אויפשריפטן נומ. 10 און 11 אנטהאלטן א סתירהדיקן פארמוליאר, ווייל פון אנהייב ווערט געזאגט, אז דער שקלאף קריגט פולע פרייהייט און דערנאך ווערט זיין פרייהייט באגרענעצט דורך א ריי תנאים (פאראמאנע, התחייבותן לגבי דעם בית=תפילה), איז נאך נישט קיין באווייז, אז די פארגעלייגטע פון אונדז אינטערפרעטאציע איז נישט קיין ריכטיקע. די גריכישע מאנומיסע=דאקומענטן פון דעלף גיבן א סך ענלעכע ביישפילן. בכלל דערקלערט זיך דאס מיט דעם נישט גאר הויכן רעכטלעכן ניווא פון די גריכישע מאנומיסיע=דאקומענטן. אבער דעם עצם פאקט ענדערט דאס נישט. זאגן עפעס גענויער, וועגן וואס פאר א מין ארבעטן אדער התחייבותן לגבי דעם בית=תפילה דא רעדט זיך, איז שווער. עס איז באקאנט, אז די בתי=תפילה האבן געהאט גערטנער און סעדער (דער יידישער טעמפל פון לעאנטאפאלים אין מצרים האט געהאט פעלדער אויך) און זיי האבן זיך גענויטיקט אין ארבעטסקראפט. אזוי ארום זעט מען קלאר, אז דער באפרייטער שקלאף טראגט געוויסע פליכטן לגבי דעם בית=תפילה און איז אפהענגיק פון אים, דאס הייסט, ער איז אין א געוויסער מאס באגרענעצט אין זיין פרייהייט, אבער נאר אין א געוויסער מאס. עס איז באקאנט פון קליין=אזיע און מאקעדאניע, אז אפהענגיקע פון טעמפל מענטשן (עס רעדט זיך וועגן טעמפל פון דער געטין מא=קיבעלע) זענען אימשטאנד געווען צו האבן אייגענע שקלאפן, געבן זיי פרייהייט א״וו.*)

וועגן די באציאונגען צווישן באפרייטן שקלאף און זיין געוועזענעם אייגנטימער, וועלכער ווערט געווייגלעך לויטן גריכישן רעכט זיין פאטראן, איז צו באמערקן פאלגנדיקס: אין דער מאנומיסיע=אויפשריפט נומ. 11 רעדט זיך וועגן געוויסע געזעצלעכע פארפליכטונגען פון א באפרייטן

* גענויער זע ביילאגע נומ. 2.

שקלאַף לטובֿת זײַן געוועזענעם אײגנטימער, וועלכע דרינגען אָבער אַרויס פֿון דעם תּנאַי פֿאַראַמאָנע און נישט פֿון די פּאַטראָנאַלע באַציִונגען. גיכער איז צו גלויבן, אַז די התחייבֿותן לגבי דעם בית־תּפֿילה דרינגען אַרויס פֿון דעם פֿאַקט פֿון אַפּוטראָפּסות פֿון דער קהילה. ווי מיר האָבן שוין געזען, שפּילט די ייִדישע עדה ביים אַקט פֿון שקלאַפֿן־באַפֿרײַונג נישט נאָר די ראָלע פֿון אַ ווערידישן גאַראַנט, נאָר אויך די ראָלע פֿון פּאַטראָן, וועלכער דאַרף אָנשטאָט דעם געוועזענעם באַלעבאָס (נומ 13) אָדער צוזאַמען מיט אים (נומ. 10, 11) פֿאַרווירקלעכן די אַפּוטראָפּסות איבער דעם פֿרײַגעלאָזענעם שקלאַף. דאָס הייסט, אַז אין ערשטן פֿאַל האָט זיך דער געוועזענער האַר אָפּגעזאָגט אײַנגאַנצן פֿון פּאַטראָנאַט לטובֿת דער ייִדישער קהילה און אין די אַנדערע פֿאַלן נאָר טיילווײַז. מען קען מיינען, אַז דאָס איז געווען פֿאַרבונדן מיט געוויסע מאַטעריעלע אָדער אַנדערע קאָמפּענסאַציעס, וואָס דער געוועזענער שקלאַפֿן־באַזיצער האָט באַקומען מצד דער ייִדישער עדה.

ווען דער פּערזענלעכער לאַגע פֿון די פֿרײַגעלאָזענע שקלאַפֿן ווייסן מיר גאָרנישט. דאָס זעלבע איז צו זאָגן וועגן די שקלאַפֿן־באַזיצער. אַלנפֿאַלס קען מען מיינען, אַז די התחייבֿות לגבי דעם בית־תּפֿילה איז אפשר געווען פֿאַרבונדן מיט דעם, וואָס דער פֿרײַגעלאָזענער איז נישט געווען גוט מאַטעריעל סיטויִרט און דעריבער איז ער מסכּים געווען אָפּצואַרבעטן פֿאַרן בית־תּפֿילה די סומע געלט, וועלכע די עדה האָט אים געליִען אַלס אויסקויף־געלט. די מיינונג איז, אַז כּרעסטע פֿון דער אויפֿשריפֿט נומ. 10 איז געווען אַ פֿאַרמעגלעכע נאָר צוליב דעם, ווײַל זי האָט זיך געקאָנט דערלויבן צו באַפֿרײַען איר שקלאַף, איז נישט באַגרינדעט. ווען מיר וואָלטן געדאַרפֿט משפּטן וועגן איר סאָציאַלן מצבֿ נאָר אויף דעם סמך, וואָלטן מיר מיט גלײַכן רעכט געקאָנט טענהן, אַז זי איז געווען אין אַ געדריקטער לאַגע און דעריבער האָט זי מסכּים געווען צו באַפֿרײַען איר שקלאַף, כּדי צו קריגן אויסקויף־געלט. אַז זי איז באמת געווען פֿאַרמעגלעך דרינגט גראָד אַרויס פֿון אַנדערע מאָמענטן (זע אויבן ז' 45).

אַ ביסל ליכט וואַרפֿן די אַנאַליזירטע דאָקומענטן אויף דער רעכטלעכער לאַגע פֿון דער פֿרײַער פֿרוי. מיר זעען, אַז שקלאַפֿן ווערן באַפֿרײַט דורך אַן אלמנה מיט יורשים (נומ. 10), דורך אַ שוועסטער מיט אַ ברודער (נומ. 4), דורך אַ פֿרוי צוזאַמען מיט איר מאַן (נומ. 7). דאָס באַדײַט, אַז די פֿרוי איז לויטן געזעץ נישט געווען גלײַכבאַרעכטיקט מיט איר מאַן. לויטן גריכישן געזעץ האָט די פֿרוי זיך גענוציקט אין אַ ספּע־

ציעלן אפּוטרופּוס, כּדי צו שליסן רעכטלעכע אַקטן. לויטן יידישן דין איז דאָס איינגאַנצן אומבאַקאַנט. אַזוי, למשל, אין אַ פּאַפּירוס וועגן אַ פּראָצעס צווישן מצרישע יידן פון 3 אויגוסט 226 פ. ג. ע. טרעט די יידישע פרוי העראקלעיאַ (איינע פון די צדדים) אַרויס צוזאַמען מיט איר אַפּוטרופּוס אַריסטידעס. ביי די יידן אין דעם באַספּאָראַנישן קעניגרייך איז דאָס, משמעות, אויך געווען נויטיק. וואָס שייך דער אלמנה כּרעסטע, איז דער תּנאַי וועגן דער צושטימונג פון אירע יורשים נישט נאָר דער רעזולטאַט פון דעם, וואָס זי אַלס פרוי איז נישט גלייכבאַרעכטיקט און נויטיקט זיך אין אַ יורידישן אַפּוטרופּוס, נאָר דער תּנאַי הענגט אויך אָפּ פון דעם, וואָס דער שקלאַף וויל זיין גאַראַנטירט מצד די יורשים, וועלכע קאָנען צו אים האָבן פּרעטענזיעס אַלס צו זייער אייגנטום.

מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז די באָספּאָראַנישע יידן האָבן זיך באַנוצט מיטן גריכישן רעכט אין פראַגן פון ירושה, פון באַפרייען שקלאַפן, פון יורידישער רעכטפעיקייט פון דער פרוי און פון דער רעכטלעכער לאַגע פון דער קהילה. דאָס גיט אַ יסוד צו מאַכן צוויי וויכטיקע היסטאָרישע אויספירן: 1) די באָספּאָראַנישע יידן האָבן געהאַט ציווילע רעכט כּאָטש עס קאָן זיין, אַז זיי האָבן זיך גערעכנט פאַר פּערעגרינען (אויסלענדער), 2) די יידישע קהילה האָט געהאַט אַ ר ע כ ט ל ע כ ע א ו י ט א ָ נ א ָ מ י ע, ווייל זי דערלויבט און סאַנקציאָנירט יורידישע אַקטן. די רעכטלעכע אויטאָנאָמיע פון דער יידישער געמיינדע דרינגט נאָך אומדירעקט אויך אַרויס פון דעם פאַקט, וואָס די מלוכה האָט, אָן שום ספק, אָנערקענט די רעכטלעכע דאָקומענטן פון דער יידישער קהילה אַלס פולשטענדיק לעגאַלע, און דער שקלאַף, פון זיין זייט, האָט משמעות אויך געהאַלטן, אַז זיין פרייהייט איז פולשטענדיק געזיכערט, אויב זי איז גאַראַנטירט געוואָרן פון דער יידישער כּנסת („סינאַגאָגע“). ווייטער באַווייזן די דאָזיקע יורידישע דאָקומענטן גאַנץ קלאָר, אַז די יידישע בתּי־תּפילה אין יענער צייט האָבן געשפּילט אַן ענלעכע יורידישע און מסתּמא אויך עקאָנאָמישע ראָלע, ווי די אָפיציעלע מלוכה־טעמפּלען, וועלכע האָבן אין אַלטן גריכנלאַנד אויסגעפירט אַ סך יורידישע און נאָטאַריאַלע פונקציעס. פון דער גריכישער פּראַקטיק איז באַקאַנט, אַז דער טעמפּל האָט גענומען אַ געוויסן אָפּצאָל פאַרן אויספירן אַלע פאָרמאַליטעטן ביים אַקט פון שקלאַפן־באַפרייונג. אין דעלף, וו עס זענען איבערגעבליבן ביי אַ ניין הונדערט מאַנומיסיע־אויפשריפטן (אָבער נישט מער ווי 10—12 דאָקומענטן זענען געוואָרן פאַרשריבן אין משך פון איין און דעם זעלבן יאָר), האָבן

די פריסטער געהאַט פון דעם אַ גרויסן רוח. מען קאָן מיינען, אַז די ייִדישע בתי־תפילה האָבן אויך געקאָנט האָבן פון דעם הכנסה, כאָטש די מאַסשטאַבן זענען מסתמא געווען נישט קיין גרויסע.

אַזוי ארום אונטערליגט נישט קיין שום ספק, אַז די ייִדן אין דרום־רוסלאַנד האָבן זיך באַנוצט מיטן גריכישן פריוואַט־רעכט, וועלכן זיי האָבן איינגאַרטיק צוגעפּאַסט, פון איין זייט, צו זייערע קאָנקרעטע באַדינגונגען, פון דער צווייטער זייט, צו די פאָדערונגען פון ייִדישן שקלאַפן־רעכט (תנ״ך, תלמוד) כאָטש אַ ריי תנאים פון די דאָקומענטן געפינען זיך אין אַ בולטער סתירה מיט אַנאַלאָגישע פאָרשריפטן באַקאַנטע פון תלמוד. מיר האָבן שוין געזען, אַז אין גריכנלאַנד גופא האָבן ייִדן באַפרייט שקלאַפן לויט די נאָרמען פון גריכישן רעכט און אפילו אין דער רעליגיעזער פאָרם פון מאַנומיסיע, און דאָס האָט די מחברים פון די מאַנומיסיעס גאָרנישט געשטערט צו זיין ייִדן. אויב אַזוי, זעט מען בפירוש, אַז די ייִדיש־גריכישע דאָקומענטן וועגן באַפרייען שקלאַפן פון דרום־רוסלאַנד שטעלן מיט זיך פאָר אָריגינעלע יורידישע דענקמעלער, און עס איז געווים דורכגעגאַנגען אַ גאַנץ לאַנגע צייט, ביז וואַנען ייִדן אונטערן גריכישן קולטורעלן איינפלוס זענען געקומען צו אַזאַ מין יורידישער שאַפונג. דעריבער האָט שוין הרכבי מיט פולן רעכט געשריבן: „אַזאַ מערקווירדיקע ענלעכקייט צווישן די רעליגיעזע (יורידישע — ב. נ.) מנהגים פון די ייִדן און גריכן האָט נישט געקאָנט אַנטשטיין אין משך פון צענדליקער יאָרן געמיינזאַמען צוזאַמענלעבן; אויף דעם האָט מען באַדאַרפט האָבן יאָרהונדערטער. עס איז רעכט, אַז דאָס זענען געווען ייִדן, וועלכע האָבן גאָרנישט געוווסט וועגן דער אַנטוויקלונג פון יהדות אין די לעצטע צוויי יאָרהונדערטער פאַר קרים=מיסן אין ארץ־ישראל...“ דאָס איז אויך אַ וויכטיקער אַרגומענט לטובת דער השערה, אַז ייִדן זענען געקומען קיין דרום־רוסלאַנד שוין שטאַרק העלעניזירט און גיכער פון אַלץ — פון קליין־אַזיע נאָך ביזן ערשטן יאָרהונדערט פ. נ. ע.

קאַפּיטל VI

# די יידן און די אַרומיקע פעלקער

אין דער העלעניסטיש־רוימישער תקופה איז איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן פונעם וווּקס פון די רייען פון יידישן פאָלק געווען די פאַרשפּרייטונג פון דעם יידישן גלויבן צווישן נישט־יידן אַדאַנק דער אַקטיווער און דערפאָלגרייכער רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע פון די יידישע קהילות אין די שטחים פון אייראָפּע, אַזיע און אַפריקע, וווּ עס האָבן געהערשט גריכן און רוימער. וועגן דעם האָט יוסף פלאַוויוס אין זיין פּאָלעמיק מיטן פאַרביסענעם אַלעקסאַנדריקישן יודאָפאָב אַפּיאָן געשריבן אָט וואָס: „אויך דאָס פּראָסטע פאָלק איז פון לאַנג שוין אַרומגעכאַפּט מיט אַ גרויסער קנאה צו אונדזער גלויבן און עס איז נישטאָ אין ערגעץ אַזאַ שטאָט ביי די גריכן און אַזאַ פאָלק צווישן די באַרבאַרן, וווּ עס זאָל נישט האָבן אַריינגעדרונגען אונדזער מנהג פון רוען שבת אָדער תעניתים אָדער דאָס אָנצינדן ליכט און וווּ מען זאָל נישט אָפּהיטן אַ סך פון אונדזערע דינים וועגן פאַרבאָטענע מאכלים“. צווישן נישט־יידן זענען געווען פאַרשידענע מדרגות פון איבערגאַנג צום יידישן מאָנאָטעיזם. מען איז געוואָרן ג ר י ם אין פולן זין פון וואָרט (מען האָט דורכגעמאַכט מילה) און אָפּגעהיטן אַלע יידישע דינים. אַזעלכע פּראָזעליטן (ניי־באַקערטע צום יידישן גלויבן) פלעגן זיך אַריינגיסן אין דער יידישער עדה און זיין, מיטן אויסנאַם פון קליינע פּרטים, גלייך מיט אַלע איבעריקע יידן לויטן אָפּשטאַם. אַחוץ דעם זענען געווען ה אַ ל ב ע ג ר י ם אָדער „גאָטספאָרכטיקע“, וועלכע האָבן אָפּגעהיט די וויכטיקסטע יידישע דינים (גלויבן אין איין גאָט, שבת־רו, דינים וועגן פאַרבאָטענע מאכלים) אַחוץ מילה. דער נאָמען „גאָטספאָרכטיקער“ (אויף גריכיש „פאָבומענאָס“ אָדער „סעבאָמענאָס טאָן טהעאָן“; אויף לאַטיין „מעטוענס דעום“) איז אַ ווערטלעכער איבערזעצונג פון העברעיִשן אויסדרוק י ר א י ה׳ ה, ווי מען פלעגט

אַמאָל באַצייכענען אַזעלכע אָנהענגער פון יידישן גלויבן. זיי האָבן, בדרך כלל, נישט געהערט צו דער יידישער עדה. אַזוי, למשל, אין רוים, ווו די געשיכטע פון די יידן אין דער אַנטיקער תקופה איז צומבעסטן באַקאַנט, האָט מען אין די יידישע קאַטאַקאָמבעס (אונטערערדישע בית=עלמינס) געפונען קברים פון גרים, נאָר נישט פון קיין האַלבע גרים. די ביז איצט געפונענע דריי מצבה=אויפשריפטן פון האַלב=פּראָזעליטן אין רוים זענען געפונען געוואָרן מחוץ די יידישע בית=עלמינס.

די אַלט=קריסטלעכע אַפּאָסטאָל=געשיכטע קאָן די „גאָטספאָרכטיקע" אין אַ סך יידישן קהילות, ווי אַטען, קאָרינט, סאַלאָניקי, פיליפּי (מאַקעדאָניע) און אַנטיאָכיע (פּיסידיע) אין קליין=אַזיע. עס זענען באַקאַנט אויפשריפטן וועגן „גאָטספאָרכטיקע" פון מילעט, רוים און סיריע. אַזעלכע אָנהענגער פון יידישן גלויבן זענען אויך געווען אין די באָספּאָראַנישע שטעט שוין אין ערשטן יאָרהונדערט, ווי עס איז צו זען פון די אויפשריפטן וועגן שקלאַפן=באַפרייונג פון גאָרגיפּיע. די דאָזיקע מענער און פרויען, וועלכע טראָגן גריכישע (פּאָטאָס, נימפאָגאָראָס, מאַקאַריאָס, עלידע) אָדער „באַרבאַרישע" נעמען (פאָדאַקאָס, גאַנאָבאַלאַמיראָס), זענען פאַרבונדן מיטן יידישן בית=תפילה (פּראָסעוכע), דאָ ברענגען זיי נדרים, דאָ באַפרייען זיי שקלאַפן, דאָ פאַרערן זיי דעם „העכסטן, אַלמעכטיקן און געבענטשטן" גאָט. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז די אַלע עפּיטעטן זענען פון ביבלישן אומגאַנג (שטאַמען פון דער גריכישער תנ"ך=איבערזעצונג) און באַציִען זיך צו י ה ו ה ן. אַזוי ווי אין דער וויסנשאַפט זענען געווען גרויסע שטרייטן וועגן דעם, צי איז דאָס נישט אַ מין סינקרעטישער גאָט (אין וועלכן עס האָבן זיך אויסגעמישט פאָרשטעלונגען וועגן גריכישן זעוס און יהוה) אָדער גאָר סאַבאַזיאָס (אַ טראַקישע גאָטהייט, וואָס מען האָט פאַרערט אויך אין קליין=אַזיע), ווילן מיר דאָ ברענגען אַ ביסל דאָקומענטאַל מאַטעריאַל, וואָס מאַכט אַ סוף צו די אַלע השערות און ספקות.

דער יידישער גאָט ווערט אָנגערופן אויף גריכיש „היפּסיסטאָס" (העכסטער) נישט נאָר אין דער „סעפּטואַגינטאַ" און ביי יידישע שריפטשטעלער (פילאָן, יוסף פלאַוויוס), נאָר אויך אויף אויפשריפטן פון יידישע בתי=תפילה אין פאַיום (מצרים), דעלאָס, טעסאַלאָניקי (גריכנלאַנד), אַקמאָנע (קליין=אַזיע); ווייטער טרעפן מיר דעם עפּיטעט אין דער אַלט=קריסטלעכער ליטעראַטור (עוואַנגעליעס פון מאַרקוס און לוקאַס; אַפּאָסטאָל=געשיכטע) און ביי גריכיש=רוימישע שרייבער. דער פילאָזאָף פון II

י״ה צעלזוס שרייבט, אַז עס איז נישטאָ קיין אונטערשיד, ווי ווער עס רופט זעוסן — ה י פּ ס י ס ט אָ ס, אדני, אוראנאָס, צבאות, אמון ווי די מצרים און פּאפּאיאָס ווי די סקיטן (ציטירט אין דעם פּאָלעמישן ווערק פון קירך־פאָטער אָריגענעס). דער קיסר יוליאַנוס דער אָפּטריניקער (מיטן פון IV י״ה), באַקאַנט מיט זיין קאַמף קעגן קריסטנטום, שרייבט אין איינעם פון זיינע בריוו, אַז ער קלויבט זיך אָפּצובויען דעם ירושלימער טעמפּל פון „העכסטן" גאָט. אמת, אין גריכנלאַנד און קליין־אַזיע גופא טרעפט זיך דער עפּיטעט „היפּסיסטאָס" אין באַצוג צו זעוסן, העליאָסן און אַנדערע געטער, נאָר דערפאַר ווערט אין די פריערדיקע צייטן מערסטנטייל אָנגעוויזן דער קאָנקרעטער נאָמען פון דעם גאָט. שפּעטער, ווען זעוס „היפּסיסטאָס" ווערט אַרויסגעשטופּט אין די רעליגיעזע שפּענדונגען דורך דעם אנאָנימען „העכסטן" גאָט, איז דאָס געשען נאָר אונטער איינפלוס פון די מזרחדיקע קולטן, הויפּטזעכלעך פון דעם יידישן און אין אַ געוויסער מאָס פון דעם סיריש־פעניקישן, ווייל ביי די פעניקיער, ווי עס גייט איבער פילאָן פון ביבלאָס, האָט עליון אויך געהייסן „היפּסיסטאָס". אין שייכות מיט דעם ברייטן געאָגראַפישן אומפאַנג פון די ווענדונגען צום „העכסטן" גאָט איז נישט אַלעמאָל מעגלעך פעסטצושטעלן, וואָס פאַר אַ גאָטהייט האָבן די מחברים פון דער געגעבענער אויפשריפט געהאַט אין זין. עס איז אָבער אינטערעסאַנט, אַז די דאָזיקע אויפשריפטן שטאַמען טאַקע פון אַזעלכע שטעט און געגנטן, ווו עס זענען געווען ב אַ ד ײ ט נ ד י ק ע י י ד י ש ע י ש ו ב י ם, ווי, למשל, רוים, סעלעוקיאַ (מעזיע), סאַרמיזעגעטוסע (דאַקיע — היינט רומעניע), קרעטאָ, ציפּערן, פריגיע און לידיע אין קליין־אַזיע. מיט איין וואָרט, דער עפּיטעט „היפּסיסטאָס" ווי אַזעלכער באַווייזט שוין, אַז ער געהערט צום געביט פון יידישע אָדער אָריענטאַלישע רעליגיעזע פאָרשטעלונגען. דאָס זעלבע לאָזט זיך אויך זאָגן לגבי דעם עפּיטעט „אַלמעכטיקער (אויף גריכיש „פּאַנטאָקראַטאָר"). הגם דער דאָזיקער עפּיטעט איז כאַראַקטעריסטיש הויפּטזעכלעך פאַר דער יידיש־גריכישער ליטעראַטור (סעפּטואַגינטאַ, אַפּאָקריפישע ליטעראַטור — די א. ג. ספרים חצונים — ברוך און יהודית, משלי בן־סירא), ווו י ה ו ה צ ב א ו ת ווערט איבערגעזעצט „קיריאָס פּאַנטאָקראַטאָר" און י ה ו ה א ל ה י צ ב א ו ת — „קיריאָס האָ טהעאָס האָ פּאַנטאָקראַטאָר". דער דריטער עפּיטעט „געבענטשטער" (אויף גריכיש עולאָגעטאָס") לאָזט שוין אָבער נישט איבער קיין אָרט פאַר ספקות, אַז דאָ ווערט געמיינט נאָר יהוה דער יידישער גאָט. ער טרעפט זיך דורכוים אין דער ביבלישער (אויף

גריכיש) ליטעראַטור, פון וואַנען ער איז אַריינגעדרונגען אין די אַלט=
קריסטלעכע עוואַנגעליעס פון מאַרקוס און לוקאַס.

אַזוי אַרום, הויות די אויפשריפטן פון גאָרגיפּיע זענען געווענדעט צום
יידישן גאָט און רעדן וועגן באַפרייונג פון שקלאַפן ביים יידישן בית=תפילה
(פּראָסעוכע), גאָר די עטנישע צוגעהעריקייט פון די שקלאַפן=באַזיצער צו
דער יידישער עדה איז בפירוש נישט אָנגעוויזן (וועגן דער יידישער קהילה
רעדט זיך דאָ נישט אין אונטערשייד פון די אויפשריפטן נומ. 10 — 13),
מוז מען אָננעמען, אַז די מחברים זענען געווען י י ד י ש ע ה אַ ל ב ע
ג ר י ם (סעבאָמענאָי). דעם פאַקט קאָן מען נישט אָפּוואַרפן צוליב דעם,
וואָס אין דער אויפשריפט נומ. 4 איז דאָ אַ שבועה אויף די גריכישע געטער
זעוס, גאַיע און העליאָס, וועלכע פּערזאָניפיצירן הימל, ערד און זון. מען
דאַרף נעמען אין אַכט, אַז אין די ערשטע יאָרהונדערטער פון דער נייער
צייט=רעכענונג האָט די האָזיקע שבועה פאַרלוירן איר קאָנקרעטן רעליגיעזן
באַטייט און פאַרוואַנדלט זיך אין אַן אַלגעמיינער פאָרמולע פון דעם מאַ=
נומיסיע=אַקט אין די העלעניסטישע לענדער, ווו גריכיש איז נישט געווען
מבראשית די לאַנדס=שפּראַך. דאָס איז צו זען פון אַן עלעפאַנטינער פּאַ=
פּירוס (IV י״ה), אין וועלכן אַ פרוי באַפרייט דריי שקלאַפן און גאַראַנ=
טירט זיי די פרייהייט, שווערנדיק אויף גאיא, אוראַנאָס (ערד, הימל) און
דעם קריסטלעכן גאָט. אויך יידן פלעגן ברענגען שבועות אויף פרעמדע גע=
טער. אַזוי איז באַקאַנט פון די עלעפאַנטינער אראַמעישע פּאַפּירוסן, אַז
דער ייד מבטחיה האָט געשוווירן מיטן נאָמען פון דער מצרישער געטין
סאַטי. ביי מאַהציאַליסן דעם רוימישן סאַטיריקער פון אָנהייב II י״ה
שווערט אַ ייד אויף יופּיטערן. ביי יוסף פלאַוויוסן גופא טרעפט זיך דער
גריכישער אויסדרוק „נע דיא“, דאָס הייסט: „איך שווער מיט זעוסן“, וואָס
באַווייזט באַשיימפערלעך, אַז קיין גרויס אַכט האָט מען אויף אַזעלכע אויס=
דרוקן דעמולט נישט געלייגט.

עס האָבן עקזיסטירט אויך ס פּ ע צ י ע ל ע ג ע מ יי נ ש אַ פ ט ן
(רעליגיעזע פאַרבאַנדן) פון די יידישע האַלב=פּראָזעליטן. אַזעלכע פאַר=
באַנדן האָבן אויף גריכיש געהייסן „טהיאַסאָס“ אָדער „סינאָדאָס“. אין די
באָספּאָראַנישע שטעט האָבן עקזיסטירט מחוץ געמיינשאַפטן פון פאַרע=
רער פון יידישן גאָט אויך אַנדערע רעליגיעזע פאַרבאַנדן. מען מוז אָבער
אונטערשטרייכן, אַז די פאַריינען פון די פאַרערער פון דעם יידישן גאָט
זענען דאָ זייער שטאַרק, אויב עס איז צו משפטן לויט די אויפשריפטן,

וואָס זענען צו אונדז דערגאַנגען פון טאַנאַים (זע ווייטער ז' 68). ווייניקער דאָקומענטן האָבן מיר פון גאָרגיפּיע און פּאַנטיקאַפּאַיאָן.

14. פון גאָרגיפּיע שטאַמט לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן אַ קאַלבשטיין געפונען אין 1892 יאָר נישט ווייט פון דער שטאָט קראַסנאָדאַר, די גרויס 0,31×0,41 מ. און 0,08 די דיק, אַרומגעבראָכן פון אַלע קאַנטן און פאַרשריבן פון ביידע זייטן *. די אויפשריפט פון איין זייט איז אַן עלטערע (די אותיות צווישן 0,013 — 0,015 מ. די הויך), פון דער צווייטער זייט אַ שפּעטערדיקע, אין וועלכע די אותיות (ביז 0,02 מ.) זענען שוין נישט אַזוי אַקוראַט אויסגעקריצט. די עלטערע אויפשריפט אַנטהאַלט נאָר פערזענלעכע נעמען, די יינגערע אויך ווענדונגען (3 מאָל) צום „העכסטן גאָט". דאָס איז אַ שפּליטער פון אַ קאַטאַלאָג מיט נעמען פון מיטגלידער פון דער רעליגיעזער געמיינדע פון יידישע האַלב=פּראָזעליטן. די נעמען זענען מערסטנטייל גריכישע, אָבער עס זענען אויך דאָ קאַווקאַזישע, טכעטלעיס, כאַלקאַס) און איין מאָל סמבטיון, דער זון פון אַגאַטאָס.

פון פּאַנטיקאַפּאַיאָן האָבן מיר אַ מאַנומיסע=אויפשריפט (זע אויבן נום. 13), אין וועלכער עס רעדט זיך וועגן דעם, אַז דער שקלאַף ווערט באַפרייט מיטן באַדינג צו „דינען דעם בית=תפילה... און פאַרערן גאָט". דער לעצטער באַדינג איז אויף גריכיש אָנגעשריבן אַזוי: „קאי טהעאָן סעבאָן". מיר האָבן שוין געזען, אַז „סעבעמענאָי" איז די אָפיציעלע גריכישע באַצייכענונגען פון יידישע האַלב=פּראָזעליטן און דעריבער קאָנען די ווערטער „פאַרערן גאָט" באַטייטן בלויז איינס, אַז דער נישט=יידישער שקלאַף ווערט אַ האַלבער גר (אַ „סעבאָמענאָס"), נאָכדעם ווי ער באַקומט פרייהייט פון יידישע הענט.

15. ווייטער האָבן מיר פון פּאַנטיקאַפּאַיאָן אַ פראַגמענטאַרישע אויפשריפט אויף מאַרמאָר, געפונען אין מיט פון XIX י"ה, וועלכע געפינט זיך איצט אין לענינגראַדער ערמיטאַזש. זי איז אָפּגעבראָכן פון צוויי זייטן (פון לינקס און פון אונטן) און האָט 0,24×0,44 מ. די גרויס. די אותיות (0,018 מ. די גרויס) לייענען זיך גוט.

דער טעקסט (אין לאַטיישעווס רעקאָנסטרוקציע) לייענט זיך אַזוי:

* די נומעראַציע פון די אויפשריפטן ווערט פאָרגעזעצט פון קאַפּיטל II. גענויערע ביבליאָגראַפישע אָנווייזונגען אין ביילאַגע נום 6.

„מיט גוטן (גליק). די געמיינשאַפט (פון העכסטן גאָט). אין דער הערשאַפט פון מלך (טיבעריוס יוליוס) סאוראָמאַטעס (דעם פריינד פון קיסר) און דעם פריינד פון די רוימער, דעם פרומען אין... יאָר, אין חודש קסאַנדיקאָס, די חברה (בראש מיטן כהן פלוני בן) בכור (און דעם פאָרויצער) אגאַטינאָס, דעם זון פון זענאָן, און דעם (שתדלן פארנא)קעס דעם זון פון עיכאַריסטאָס. (די מיטגלידער: פלוני) דער זון פון עראָס, עראָס דער זון פון פלוני אא״וו“.

די איפשריפט באַציט זיך צו די צייטן פון סאוראָמאַטעס דעם צווייטן, ווי עס איז צו משפטן לויט דער שריפט, ד. ה. סוף II — אָנהייב III י״ה. דער חודש קסאַנדיקאָס אַנטשפּרעכט ניסן (מערץ-אַפּריל). דער נאָמען בכור איז אויף גריכיש איבערגעגעבן „באָכאָראָס“. אין דער 14-טער שורה לייענט זיך „סאב“... (אן אָנהייב פון אַ נאָמען, מסתמא ס ב ט י ו ן).

די גענויסטע ידיעות וועגן די פאַרבאַנדן פון אָנהענגער פון יידישן גלויבן (די א. ג. „סעבאָמענאָי“) האָבן מיר פון ט א נ א י ס, אַ האַנדלס-שטאָט, וואָס האָט עקזיסטירט אין דער אַלטער לעפּצינג פון דאָן. אין די יאָרן 1869 — 1870 איז דאָ געפונען געוואָרן ביים בויען דעם אייזנבאַן-וועג טאַגאַנראָג — ראָסטאָוו אַ גאַנצע ריי גריכישע אויפשריפטן (איבער 20), וועלכע געפינען זיך איצט אין לענינגראַדער ערמיטאַזש-מוזיי.

די עלטסטע דאַטירטע אויפשריפט שטאַמט פון 155 יאָר לויט דער ג. צ. (די שפּעטסטע פון יאָר 230). די שטיין-פּליטע איז 0,56×0,98 מ. די גרויס (0,15 מ. די דיק) און אַנהאַלט 28 שורות טעקסט. די גרויס פון אַנדערע אויפשריפטן איז אַ פאַרשיידענע. אַ טייל אויפשריפטן זענען אָרנאַמענטירט מיט אָדלערס: אַן אָדלער צווישן גירלאַנדן אויפן סאַמע אויבן און צוויי אָדלערס, וועלכע האַלטן אַ גרויסע גירלאַנדע צווישן זיך אַ ביסל נידעריקער. אָדלערס געפינען זיך נישט אויף אַלע אויפשריפטן, און 9 גוטערהאַלטענע איז פון זיי בכלל נישטאָ קיין סימן. דער גאָט ווערט באַצייכנט אַלס „העכסטער“ (היפּסיסטאָס) אָדער „העכסטער און באַרעמהאַרציקער“ („היפּסיסטאָס“, „עפּעקאָאָס“ אויף גריכיש). וועגן דעם עפּיטעט „היפּסיסטאָס“ איז שוין געווען די רייד. וואָס שייך די עפּיטעטן „העכסטער באַרעמהאַרציקער“ דאַרף מען באַמערקן, אַז זיי געפינען זיך פולשטענדיק אין די ראַמען פון דער יידישער רעליגיעזער טערמינאָלאָגיע אויף גריכיש. וועגן דעם זאָגט עדות דער עפּיגראַפישער מאַטעריאַל סיי פון טאַנאַיס און פּאַנטיקאַפּאַיאָן, סיי מחוץ דער באָספאָראַנישער מלוכה.

16. אין טאַגאַיס טרעפט זיך אַחוץ אין די אויפשריפטן פון די רעליגיעזע פאַרבאַנדן די באַצייכענונג פון גאָט אַלס „העכסטער באַרעמהאַרציקער“ אין אַן אויפשריפט געפונען אויפן ראָסטאָוו דאָן אָנהייב פון הייַנטיקן יאָרהונדערט. זי שטעלט מיט זיך פאָר אַ טאָוול פון ווייסן מאַרמאָר, פון אונטן אָפּגעבראָכן, 0,21×0,20 מ. די גרויס און 0,03 מ. די דיק מיט 8 שורות טעקסט:

„דעם העכסטן און באַרעמהאַרציקן גאָט (אַ נדר). אָפּגעראַטעוועטע פון גרויסע געפאַרן... ביאָן און טעאָ(דאָראָס)? די זין פון פאַגאַס און די מוטער...“

פון פאַנטיקאַפּאַיאָן האָבן מיר אַן אויפשריפט פון אָנהייב פון IV י“ה, וו עס רעדט זיך וועגן אַ נדר דעם „העכסטן באַרעמהאַרציקן גאָט“ אין אַ יידישן בית־תפילה (זע ווייטער קאַפּיטל VII). מחוץ די לענדער ביים שוואַרצן ים טרעפן זיך די עפּיטעטן „העכסטער באַרעמהאַרציקער“ אין דער אויפשריפט פון פאַרבאַנד פון די אָנהענגער פון גאָט סאַבאַזיאָס אין סערדיקע (יעצט סאָפיא אין בולגאַריע), איין וועמענס קולט, ווי ס'האָט באַוויזן פ. קימאָן, האָט אויסגעבויט אַ גרויסע השפעה דער יידישער גלויבן. אויך אין אַן אויפשריפט געפונען אויפן אינדזל לעמנאָס באַציען זיך די דאָזיקע עפּיטעטן בכל אופן צו אַ פאָדעראַזיאַטישער גאָטהייט, אייב עס איז צו משפטן לויט די נעמען פון מחבר פון דער שפענדונג (בעיטים און אַדאָנים) און דאָס גלייכן אין עטלעכע אויפשריפטן פון סאַרמיזעגעטוסע (דאַקיע). ווייטער איז גוט באַקאַנט, אַז אין די אויפשריפטן, וו די דאָזיקע עפּיטעטן באַציען זיך צו גריכישע געטער, זענען זייערע נעמען בפירוש אָנגעוויזן יעדן מאָל (למשל, העליאָס און פאַפּלאַגאָניע און פערגאַמאָן). אַזוי אַרום קאָן דאָס נישט דינען אַלס אָפּלייקענונג פון אונדזער באַהויפּטונג.

די פאַרבאַנדן אין טאַנאַיס ווערן אָנגערופן „סינאָדאָס“ (זעלטענער „טהיאסאָס“) און די פאַרבאַנדס־מיטגלידער „טהיאסאָטאי“ (זעלטן „סינאָדעיטאי“), אַחוץ אין פיר אויפשריפטן, צו וועלכע מיר וועלן זיך נאָך אומקערן ווייטער. מען דאַרף אויך לייגן אַכט אויף דער אַ נ גאָ נ י מ ע ר באַ צ יי כ ע נ ו נ ג פון די פאַרבאַנדן, און אונטערשייד פון די גריכישע רעליגיעזע פאַריינען, וועלכע גרופירן אָנהענגער פון קאָנקרעטע קולטן, למשל, פון אַסקלעפּיאָסעס קולט (אסקלעפּיאסטאי), דיאָניזיאָסעס (דיאָניסיאסטאי) אאַ“וו. די דאָזיקע פאַרבאַנדן האָבן געהאַט אַ שטרעבונג אָרגאַ=

גיזאַציע בראש מיט פּריסטערס (היערעוס), פּאָרזיצערס (סינאַגאָגאָס) צדקה=לייטער (פילאַגאַטהאָס און זיין געהילף פּאַראַפילאַגאַטהאָס), דערציאונג=לייטער (פּאַראַנטוואָרטלעכע פאַר פיזישער (מיליטערישער?) דערציאונג — (אויף גריכיש גימנאַסיאַרכעס), דערציער פון דער יוגנט געאַניסקאַרכעס), סעקרעטאַר (גראַמאַטעוס), פּאַרזאַמלונגס=עלטסטער (פּאַטער סינאָדו), כאָטש נישט אין יעדער אויפשריפט ווערן אויסגערעכנט אַלע אַמטן צוזאַמען. זעלטן טרעפט מען דעם פּאַרזאַמלונגס=עלטסטן (ווינציקער ווי אַ העלפט פון די אויפשריפטן, וועלכע זענען דערגאַנגען צו אונדז גאַנצערהייט) און נאָך זעלטענער ווערט דערמאָנט דער סעקרעטאַר. מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז די דאָזיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטור איז געווען אַ היעראַרכישע, דאָס הייסט אַזאַ, ווו איין אַמט איז געווען אונטערגעאָרדנט דעם צווייטן. דער פּריסטער איז געווען דער העכסטער אַמט, און דער סעקרעטאַר — דער נידעריקסטער. מען האָט זיך שטרענג געהאַלטן ביי דער דאָזיקער היעראַרכיע, ווי עס איז צו זען פון דעם, וואָס אין די אויפשריפטן איז נישטאָ קיין איין פאַל. ווען אַ פּערזאָן, וואָס האָט פאַרנומען אין פאַרבאַנד אַ העכערן אַמט, זאָל דערנאָך איבערגיין צו אַ נידעריקערן, אָדער אַ מענטש, וואָס האָט פאַרנומען אַן אַמט, זאָל דערנאָך ווערן אַ פּשוטער פאַריינס=מיטגליד. גאָר פאַרקערט — מיר זעען, ווי פּשוטע מיטגלידער פאַרנעמען מיט דער צייט פאַרבאַנדס=אַמטן אין אַ שטרענג איינגעשטעלטער אָרדענונג, וועלכע מען האָט שטאַרק אָפּגעהיט. אַזוי, למשל, איז אַנטימאַכאָס דער זון פון פּאַסיאָן, אין 220 יאָר געווען אַ פּשוטער מיטגליד און אין 225 יאָר איז ער שוין אַ צדקה=לייטער; דעמעטריאָס דער זון פון אַפּאָלאָניאָס איז ביז 211 יאָר געווען דער יוגנט=דערציער, אין 228 יאָר איז ער פּריסטער; כאָפּראַסמאָס דער זון פון פּאָרגאַבאַקאָס איז ביז 211 יאָר געווען דער וויצע=לייטער פון דער צדקה=אָפּטיילונג, אין 220 יאָר איז ער שוין פּריסטער און אַלס פּריסטער פיגורירט ער אויך אין יאָר 225. די פאַרבאַנדן פלעגן מסתמא אָפּהאַלטן רעגולערע פאַרזאַמלונגען, וואָס פלעגן פּראָטאָקאָלירט ווערן אין דער פאָרם, אין וועלכע זיי זענען צו אונדז דערגאַנגען. אין די אויפשריפטן ווערט געזאָגט, אַז דער פאַרבאַנד אין אַזאַ און אַזאַ באַשטאַנד האָט אויפגעשטעלט אַ מעמאָריאַלע אויפשריפט פאַרן „העכסטן באַרעמהאַרציקן" אָדער פּשוט „העכסטן" גאָט אין אַזאַ יאָר, חודש, טאָג.

לשם ביישפּיל גיבן מיר דאָ דעם טעקסט פון דער אויפשריפט פון 155 יאָר:

17. „מיט גוטן גליק.

דעם העכסטן באַרעמהאַרציקן גאָט אַ נדר.

אין דער הערשאַפט פון מלך (טיבעריוס) יוליוס עיפּאַטאָר, דעם פריינד פון קיסר און דעם פריינד פון די רוימער, דעם פרומען; אין 452 יאָר, אין חודש... (די פאַרזאַמלונג) בראש מיטן פריסטער (פלוני בן פלוני) און פאָרזיצער... און צדקה־לייטער... און געהילף־ פון צדקה־לייטער יוליאַדעס דעם זון פון הערעקלעידעס, און די איבעריקע מיטגלידער: דאַדאַס, דער זון פון דאַדאַס (פלוני) דער זון פון אַמאַרטאַסטאָס, דעמעטריאָס דער זון פון (פלוני), (פלוני דער זון) פון באַריטאָן, אַטאַרבאָס דער זון פון זאַבאַרגאָס (?), אמאַרטאַסטאָס, דער זון פון אמאַרטאַסטאָס, דאַדאַס דער זון פון טעאַנגעלאָס, אַרהאַראָס דער זון פון מיראָן, אָטענאָדאָראָס דער זון פון מענאָפילאָס, עראָס דער זון פון פּאַרטענאָקלעס, אַבאַימענעם דער זון פון טעאַנגעלאָס?, אָמפּסאַלאַקאָס דער זון פון פּיראַס, סינעקדעמאָס דער זון פון אַריסטאָדעמאָס, מירעינאָס דער זון פון מירעינאָס, הערעקלעידעס?....

(פלוני) דער זון פון כאַריטאָן,
(פלוני) דער זון פון פילאַטאַס
...(פלוני) דער זון פון פּאַפּאַס
(מענע?)סטראַטאָס דער זון פון
(מענע?)סטראַטאָס,
(זענאָן?) דער זון פון פאַנגעם

פאַנגעם דער זון פון סטראַטאָניקאָס דער פריסטער, אַזוי ווי ער האָט געגעבן אַ נדר, האָט אַוועקגעשטעלט די דאָזיקע איבערשריפט אויפן אייגענעם חשבון."

די נעמען פון די פאַריינס־מיטגלידער, ווי עס איז טיילווייז צו זען פון דער אויפשריפט, זענען דאָס רוב גריכישע. עס טרעפן זיך אויך איראַנישע (פידאַס, אכאימענעס, אַרדאַראָס), זעלטענער קאַווקאַזישע, קליין־אַזיאַטישע און אַנדערע, וואָס שפּיגלט אָפּ דעם פאַרשיידענעם עטנישן אָפּשטאַם פון דער באַפעלקערונג פון דער פּאָרט־שטאָט טאַנאַיס. די הויפּט־עלעמענטן זענען אָבער געווען גריכן און איראַניש־רעדנדיקע סאַרמאַטן. ייִדישע נעמען טרעפן זיך זעלטן: ס מ ב ט י ו ן (אין פינף אויפשריפטן) און ע ז ר י ו ן (אין צוויי). דעם נאָמען סמבטיון טראָגן 7 פאַרשיידענע פערזאָנען (דעם פאָטערס נאָמען איז איין מאָל אַ גריכישער און דריי מאָל אַ איראַנישער), דער נאָמען עזריון געהערט מסתמא צו איינער און דער זעלבער פערזאָן. היות ווי אין די צייטן האָבן ייִדן גופא געטראָגן, געריכישע און אַנדערע נעמען ווי ייִדישע, איז נישט קיין וווּנדער, אַז ייִדישע האַלב־פּראָזעליטן טראָגן נישט קיין ביבלישע נעמען

אַנאַליזירנדיק ווייטער די סטרוקטור פון די דאָזיקע פאַרבאַנדן דאַרף

מען ענטפֿערן אויף צוויי וויכטיקע פֿראַגן: 1) צי זענען די פֿאַרבאַנדן אין מאַנאַיִם געווען איינפֿאַכע פֿאַרזאַמלונגען פֿון גלויבנס־ברידער, צי אָרגאַניזירטע געמיינדעס, וועלכע פֿלעגן אָפּהאַלטן פֿאַרזאַמלונגען? 2) צי האָט עקזיסטירט איין פֿאַרבאַנד פֿון דעם מין, צי עטלעכע? די פֿאַקטישע געגעבענע זענען אַזוי: אין אַ ריי אויפֿשריפֿטן (למשל, פֿון די יאָרן 220 און 225) הערן זיך איבער, הגם אין אַ קלענער מאָס, נישט נאָר נעמען פֿון די מיטגלידער, נאָר אויך פֿון די באַאַמטע. אַזוי אַרום קאָן מען מיינען, אַז זיי געהערן צו איין פֿאַרבאַנד. פֿון דער אַנדערער זייט האָבן מיר צוויי אויפֿשריפֿטן פֿון איין און דעם זעלבן יאָר און חודש (פֿעריטיאָס — פֿעברואַר 225), אין וועלכע עס פֿיגורירן פֿאַרשידענע קאָנטינגענטן מיטגלידער און באַאַמטע, וואָס באַווייזט בפֿירוש, אַז זיי קאָנען נישט זיין פֿון איין און דעם זעלבן פֿאַרבאַנד. דעריבער דאַרף מען מיינען, אַז עס האָט אין מאַנאַיִם עקזיסטירט מסתמא נישט איין פֿאַריין פֿון האַלב־פּראָזעליטן און אַז דאָס זענען געווען שטענדיקע אָרגאַניזאַציעס פֿון דעם טיפּ רעליגיעזע געמיינשאַפֿטן. וואָס שייך די אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן, אויף וועלכע זיי זענען געווען געבויט איז שווער עפּעס צו זאָגן. אַלנפֿאַלס דאַרף מען נעמען אין אַכט, אַז אויף דער אָרגאַניזאַציאָנעלער סטרוקטור פֿון די פֿאַרבאַנדן האָבן אויסגעאיבט אַן איינפֿלוס נישט בלויז די גריכישע מוסטערן, נאָר אויך די יידישע,* כאָטש די יידישע קהילה־אָרדענונג אין דער העלעניסטיש־רוימישער תקופה איז אין תוך גענומען געווען געבויט לויטן גריכישן מוסטער. עס איז כדאי צו דערמאָנען, אַז פֿאַרזאַמלונגס־פֿאָרזיצער (בוכשטעבלעך „פֿאָטער פֿון דער פֿאַרזאַמלונג") דערמאָנט דעם אויסדרוק „פֿאָטער פֿון דער געמיינדע" (פֿאַרגלייך אויבן די אויפֿשריפֿט נום. 8), וועלכער איז באַקאַנט פֿון די יידישע אויפֿשריפֿטן פֿון רוים. מען נעמט אָן, אַז דאָס איז ביי די רוימישע יידן געווען אַן ערן־טיטל, ווייל איינע און די זעלבע פּערזאָן טרעט אָפֿטמאָל אַרויס אין דער דאָזיקער ראָלע אין עטלעכע געמיינדעס („סינאַגאָגעס"). מען קאָן מיינען, אַז דעם דאָזיקן ערן־טיטל באַקומען מעצענאַטן (פּאַטראָנען), וועלכע האָבן געגעבן געלט־מיטלען נישט בלויז פֿאַר דער אייגענער לאַנדסמאַנשאַפֿט, נאָר אויך פֿאַר אַנדערע (אין ירושלים, אַלעק־

* די גרויסע ראָלע פֿון כהנים (זע ז' 72) און די שטרענגע היעראַרכיע דערמאָנען אין אַ געוויסער מאָס די אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטור פֿון דער עדה אין קומראַן ביים ים המלח.

סאַנדריע און רוים זענען די יידישע געמיינדעס געווען אָרגאַניזירט לויטן פּרינציפּ פון לאַנדסמאַנשאַפטן אָדער לויטן סאָציאַלן פּרינציפּ: בעלי-מלאכות, פּרייגעלאָזענע אא"וו).

אין די יידישע אויפשריפטן פון דער דיאַספּאָרע טרעפט זיך אויך דאָס גריכישע וואָרט פאַר „פּריסטער" (היערעוס), כדי צו באַצייכענען די כהנים. דער קאַמף פון די ארץ-ישראלדיקע כהנים פאַרן פאַרווערן דאָס קרבנות-ברענגען מחוץ ירושלים (כדי צו צענטראַליזירן דעם קולט) האָט זיך געצויגן יאָרהונדערטער און האָט קיינמאָל נישט דערפירט אין די גלות - לענדער צו הונדערטפּראָצענטיקע רעזולטאַטן. קרבנות פלעגט מען ברענגען אין דעם טעמפּל פון די עלעפאַנטינער מיליטערישע קאָלאָניסטן (V י"ה פ. ג. ע.), אין דעם טעמפּל פון לעאָנטאָפּאָלים אין מצרים (בית חניו), געגרינדעט אין 160 פ. ג. ע. און משמעות אַנדערשוו אויך. יוסף פלאַוויוס ציטירט אַ דעקרעט פון רוימישן סענאַט וועגן דערלויבן די יידן אין דער דיאַספּאָרע צו ברענגען קרבנות, און דאָס באַווייזט באַשיינפּער-לעך, אַז מען פלעג נאָך באמת ברענגען ביי יידן אין גלות קרבנות. וועגן דעם זעלבן קאָן אפשר אויך עדות זאָגן דער פאַקט, וואָס אויף דריי יידישע אויפשריפטן פון רוים זענען אָנגעצייכנט אָקסן-קעפּ. ביי די טאַנאַיסער האַלב-גרים האָט דער דאָזיקער מאָמענט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע ווייל דער פּריסטער ווערט דאָ אויסגערעכנט אויפן ערשטן אָרט צווישן די געמיינדע-באַאַמטע, בשעת ביי יידן גופא און יענער תקופה האָט דעם ערשטן אָרט פאַרנומען דער ראש הקהילה (גריכיש „אַרכיסינאַגאָגאָס"). אַלנפאַלס, אַז די כהנים האָבן אין דער יידישער עדה אויך געשפּילט אַ ראָלע איז צו זען פון שפּעט-אַנטיקע קריסטלעכע ווערק, וו זיי ווערן דער-מאָנט, אמת, נאָך דעם ראש הקהל און די עלטסטע. אויך אַזעלכע אַמטן, ווי גבאי צדקות („פילאַנטאָטאָס" און טאַנאַים), סופר (סעקרעטאַר) און מדריך (יוגנט-דערציער) ווערן דערמאָנט אין די יידישע אויפשריפטן.

אַז די עמבלעמען פון אָלער זענען נישט קיין באַווייז קעגן דעם יה-דות פון די האַלב-פּראָזעליטן אין טאַנאַים, ווערט גאַנץ קלאָר אין ליכט פון די דעקאָראַציעס פון די יידישע בתי-תפילה פון III י"ה אין גליל און היראַ-עוראָפּאָס אויפן פּרת. מיר טרעפן דאָ נישט נאָר פלאַנץ-אָרנאַ-מענטן, נאָר אויך פיגורן פון חיות, מענטשן און אפילו צענטאַורן (האַלבער מענטש און האַלבער פערד לויט דער גריכיש-רוימישער מיטאָלאָגיע) און אַמורן (גאָט פון ליבע). דאָס באַווייזט, אַז דעם פאַרבאָט פון דער משנה צו האַלטן בילדער האָבן, ווייזט אויס, נישט אַלע יידן אין בבל און אפילו

אין ארץ־ישראל גופא אָנגענומען זייער ערנסט (דאָ רעדט זיך נישט וועגן פאַרבאָט צו מאַכן אָפּגעטער, וואָס איז געווען שאַרף פאַרווערט נאָך אין די צייטן פון תנ״ך). אין די גלות־לענדער האָט מען אוודאי נאָך ווייניקער אַכט געלייגט אויף דעם מין פאַרבאָט, ווי עס באַווייזן די אַרכעאָלאָגישע מאַטעריאַלן. אַזוי, למשל, אין דער גרויסער יידישער קאַטאַקאָמבע פון ווינייאַ ראַנדאַניני אין רוים געפינען זיך אַזעלכע געמעלן: 1) די געטין פון זיג (ניקע) ליגט אַרויף אַ קראַנץ אויפן קאָפּ פון אַ נאַקעטן יונגן מאַן; 2) די געטין פון מזל (טיכע) מיטן קרן־השפע. אין דער יידישער קאַטאַקאָמבע פון ווילאַ טאָרלאָניאַ אין רוים געפינט זיך אַ פרעסק, ווו מיטן איז אָנגעצייכנט אַ גרויסע מנורה און פון אַלע פיר זייטן דעלפינען, וועלכע ליגן אויף דרייצאָניקע ווידלעס, וואָס איז דער עמבלעם פון ים־גאָט פּאָסעידאָן לויט דער גריכישער מיטאָלאָגיע. פון אַלבערטי־אירסאַ (פּאַנאָניע — הייַנט אונגאַרן) פון דער רוימישער תקופה איז באַקאַנט אַן אויפשריפט פון אַ פאַרשטאָרבענער יידישער משפחה (דאָס קינד הייסט בנימין) מיט אַ באַרעליעף, ווו עס זענען פאָרגעשטעלט די מוטער מיטן קינד אויף דער האַנט, דער פאָטער, און צוויי מאָל זענען אָנגעצייכנט מנורות. אויף אַ סאַרקאָפאַג אין נאַציאָנאַלן מוזיי אין רוים זענען פאָרגעשטעלט צוויי באַפליגלטע ניקעס, וועלכע האַלטן אַ מנורה, אַריינגעשריבן אין אַ מעדאַליאָן. די צאָל ביישפּילן קאָן מען לייכט פאַרמערן.

דאָס פאַרשטייט זיך, באַטייט נישט, אַז ביי די טאַנאַיסער יידישע האַלב־פּראָזעליטן איז נישט צו באַמערקן קיינע שפּורן פון גריכישע גלויבנס און מנהגים. כמעט אין אַלע אויפשריפטן פון די טאַנאַיסער האַלב־פּראָזעליטן געפינט זיך אויבנאָן אַ סטאַנדאַרטע ווענדונג „מיט גוטן גליק“ (אויף גריכיש „אגאטהע טיכע“). ס'קאָן גרייליך זיין, אַז מען האָט מיט דער דאָזיקער פאָרמולע שוין נישט אַסאָציאירט קיין שום רעליגיעזע פאָרשטעלונגען, אָבער היות ווי ביי די גריכן אין שכנותדיקן פּאַנטיקאַפּאַיאָן טרעפן מיר נאָך רעמיניסצענצן און שפּורן פון דעם דאָזיקן גלויבן (אין געוויסע קאַטאַקאָמבעס פון פּאַנטיקאַפּאַיאָן איז אָנגעמאָלט טיכע ווי אַן אונטערערדישע געטין, וועלכע באַגלייט הערמעסן דעם שליח פון די געטער), קאָן מען מיינען, אַז אויך אין טאַנאַיס איז טיכע אַ זכר פון גריכישע קולטור־איינפלוסן. עס איז אויך באַקאַנט, אַז די יידן אין פריגיע (אַקמאָנעא) זענען געווען אין דער רוימישער תקופה פּריסטער פון קולט פון רוימישן קיסר, פלעגן באַערדיקן זייערע מתים אויף גריכישע בית־עלמינס אא״וו. און קיינער באַצווייפלט נישט זייער יידישקייט.

אַזוי אַרום גיט נאָך נישט די ווענדונג צו דער געטין טיכע קיין רעכט צו זען אין דעם קולט פון „העכסטן גאָט" אין טאַנאַיס עפּעס אַ מישמאַש פון פאַרשיידענע גלויבנס, ווי געוויסע געלערנטע האָבן געטענהט. מיר פאַררופן זיך שוין נישט אויף דעם פאַקט, אַז די ייִדן אין עלעפאַנטינע און לידיע האָבן פאַרערט נישט בלויז דעם „העכסטן גאָט", נאָר אויך אַ ווייבלעכע „העכסטע געטין", וואָס זאָגט דייטלעך עדות וועגן דעם, וואָס פאַר אַ פאַרשיידענע מדרגות פון יהדות עס האָבן עקזיסטירט אין די פאַרשיידענע גלות־לענדער און הויפּטזעכלעך אין קליין־אַזיע. אומקערנדיק זיך צו די טאַנאַיסער אויפשריפטן, דאַרף מען באַמערקן, אַז צווישן זיי טיילן זיך אויס 4 אויפשריפטן, אין וועלכע עס פיגורירן נאָר „אַ ד אָ פּ טירטע ברידער פאַרערער פון העכסטן גאָט בראש מיטן עלטסטן".... (אויף גריכיש: עיספּאָיעטאָי אדעלפאָי סעבאָמענאָי טהעאָן היפּסיסטאָן פערי פּרעסביטעראָן). די „סעבאָמענאָי" אָדער „גאָטספאָרכטיקע", דאָס זענען די האַלב־ייִדישע גרים, וועגן וועלכע עס רעדט זיך ביי יוסף פלאַוויוס און אין אַנדערע מקורים פון דער אַנטיקער תקופה, וואָס מיר האָבן אויבן שוין אַנאַליזירט. אַזוי אַרום זעט מען בפירוש, אַז מיר האָבן אין טאַנאַיס צו טאָן מיט די ייִדישע האַלב־פּראָזעליטן. עס פרעגט זיך אָבער, מיט וואָס אונטערשיידן זיי זיך פון די איבעריקע רעליגיעזע געמיינשאַפטן פון טאַנאַיס, וועלכע זענען געווען פאַרבונדן מיטן קולט פון העכסטן גאָט?

איידער מיר וועלן ענטפערן אויף דער פראַגע, לאָמיר זיך באַקענען מיט איין אויפשריפט פון די „אַדאָפּטירטע ברידער".

18. דער געקירצטער טעקסט זעט אויס אַזוי:

„מיט גוטן גליק. דעם העכסטן גאָט אַ נדר. אין דער הערשאַפט פון דעם מלך טיבעריוס יוליוס קאָטיס דעם פריינד פון קיסר און דעם פריינד פון די רוימער דעם פרומען. די אַדאָפּטירטע ברידער, פאַרערער פון העכסטן גאָט, וועלכע האָבן אויפגעשריבן זייערע נעמען בראש מיטן עלטסטן (פלוני) דעם זון פון העראַקלעידעס, און אַריסטאָן דעם זון פון מענעסטראַטאָס, און קאַליגענעס דעם זון פון מיראָן, אַלעקסיאָן דעם זון פון פאַנידאָקלעס, ענטיכיאָנאָס דעם זון פון (פלוני), (עוט)יכעס דער זון פון טעוגענעס, סאָזאָמענאָס דער זון פון סטיראַנאָס, מאַעס דער זון פון סאַלאָס" (און נאָך 24 נעמען — ב. נ.). מיט אויפשריפטן זענען באַערט געוואָרן די ברידער: סאַמביאָן דער זון פון עלפידיאָן, פורטאַס דער זון פון

אגאטאָס, אגאטעמעראָס דער זון פון פּאַפּליוס. אין דעם יאָר 525, אין חודש גאַרפּיאַיאָס דעם 1־טן טאָג" (סעפּטעמבער 228 יאָר). וואָס שייך די „אַדאָפּטירטע ברידער" האָט מען אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג, אַז דאָס זענען די ניי־אָנגענומענע מיטגלידער פון פאַרבאַנד. הגם די השערה קלינגט גאַנץ לאָגיש, איז דאָס נישט אַזוי, ווייל עס איז נישטאָ קיין איין פאַל, אַז די פּערזאָן, וועלכע איז באַצייכנט אַלס „אַדאָפּטירטער ברודער" זאָל דערנאָך אַרויסטרעטן אין די מיטגלידער־רשימות פון די געמיינשאַפטן, בשעת פאַרקערטע ביישפּילן האָבן מיר עטלעכע. אַזוי, למשל. טרעפן מיר אין דער אויפשריפט פון 225 יאָר צווישן די מיטגלידער פאָלגנדיקע פּערזאָנען: דאַלאָסאַקאָס דעם זון פון סימפאָראָס, עוטיכאָס דעם זון פון אַנטימאַכאָס, און אַריסטאָן דעם זון פון מענעסטראַטאָס. מיט דריי יאָר שפּעטער, אין חודש גאָרפּיאַיאָס (לויטן יידישן קאַלענדאַר א ל ו ל, לויטן קריסטלעכן אויגוסט/סעפּטעמבער) 228 יאָר, פיגורירן זיי אַלע דריי אַלס „אַדאָפּטירטע ברידער". און נאָך אַ בעסערער ביישפּיל. סאָזעמענאָס דער זון פון סטיראַגאָס, טרעט אַרויס אַלס „אַדאָפּטירטער ברודער" אין דער אקאָרשט ציטירטער אויפשריפט פון חודש גאָרפּיאַיאָס 228, אָבער נאָך מיט אַ חודש פריער, אין חודש לאָאָס (אב אָדער יולי/אויגוסט) פון דעם זעלבן יאָר איז ער געווען נאָך אַ פּשוטער געמיינדע־מיטגליד. וואָס זאָל דאָס באַדייטן?

מיר האָבן דאָ בלי ספק צו טאָן מיט אַן אינעווייניקסטער טיילונג אין די געמיינשאַפטן פון די האַלבע גרים, כאָטש עס איז שווער צו זאָגן וועגן דעם עפּעס געוויסערס. עס איז באַקאַנט, אַז אין דער קריסטלעכער געמיינדע אין אַנטיאָכיע האָבן זיך די מיטגלידער פון דער עדה געטיילט אויף יידן לויטן אָפּשטאַם און נישט־יידן. עס קאָן זיין, אַז עפּעס ענלעכעס שטעלט מיט זיך פאָר די טיילונג אויף מיטגלידער און „אַדאָפּטירטע ברידער" אין די האַלב־פּראָזעליטישע געמיינדעס פון טאַנאַיס, כאָטש די פּרינציפּן פון דער דאָזיקער סעגרעגאַציע זענען פאַר אונדז נישט קלאָר.

וועגן דעם גרויסן געזעלשאַפטלעכן באַטייט פון די געמיינשאַפטן פון די פאַרערער פון „העכסטן" גאָט זאָגט עדות בדרך כלל די פאָלגנדיקע דערשיינונג: די גרעסטע לייט אין דער שטאָט, ווי די העלענאַרכן (ראש פון דעם גריכישן טייל פון דער באַפעלקערונג) באַסילעידעס, דער זון פון טעאָניקאָס, און פּסיכאַריאָן דער זון פון פידאַנאָס, דער אַרכאָנט פון די טאַנאַיטן (ראש פון די נישט־גריכישע איינוווינער פון טאַנאַיס) ניבלאָבאָראָס דער זון פון דאָסימאָקסאַרטאָס, די אַרכיטעקטן אַורעליוס אַנטאָניוס און באַוואַקאָס דער זון פון מעוואַקאָס, און אַפילו די לעגאַטן (פאָרשטייער)

פון באָספּאָראַנישן מלך, ווי זענאָן דער זון פון פאַנעס, און כאָפּראַסמאָס דער
זון פון פאָרגאַבאַקאָס, זענען געווען מיטגלידער פון די געמיינשאַפטן, וווּ
זיי האָבן פאַרנומען אָפט ווייכטיקע אַמטן. אַזוי, למשל, איז דער לעגאַט
כאָפּראַסמאָס פריער איידער ער איז געוואָרן פאָרשטייער פון דער צענט=
ראַלער באָספּאָראַנישער רעגירונג (אַ מין גובערנאַטאָר) געווען צדקה=
לייטער און צוויי מאָל פריסטער אין די פאַרבאַנדן. דער ארכאָנט פון די
„טאַנאַיטן“ ניבלאָבאָראָס איז געווען אַ פאַרזאַמלונגס=פאָרזיצער און דער
העלענאַרך פסיכאַריאָן — געמיינדע=פאָרזיצער („סינאַגאָגאָס“).

דאָס הייסט, אַז גרויסע גרופּן פאָרשטייער פון מערהייטס=פאָלק און
פון הערשנדיקן קלאַס זענען געווען אונטערן איינפלוס פון דעם האַלב=
יידישן גלויבן, אין דער צייט, ווען צווישן די נידעריקערע שיכטן האָבן גע=
הערשט פרימיטיווע רעליגיעזע פאָרשטעלונגען, ווי עס באַווייזן די קברים
פון טאַנאַיס. אלנפאַלס איז זייער אינטערעסאַנט, אַז צווישן די אויסגע=
גראָבענע אַרכעאָלאָגישע מאַטעריאַלן פ ע ל ן טעראַקאָטא=סטאַטועט=
קעס פון גריכישע געטער, וועלכע מען געפינט אין גרויסע צאָלן אין די
אַנטיקע צענטערן ביים שוואַרצן ים.

פון איין זייט אונטערליגט נישט קיין ספק, אַז יידן און יידישע גרים
האָבן אין יענער תקופה אין רוים און אין די ראַנד=מלוכות, וואָס זענען גע=
שטאַנען אונטער איר פּאָליטישער קאָנטראָל (די באָספּאָראַנישע מלוכה איז
פּאָליטיש געווען אָפּהענגיק פון דער רוימישער אימפּעריע), געקאָנט פאַר=
נעמען הויכע מלוכה=שטעלעס (זע ווייטער ז' 82). פון דער צווייטער זייט,
ווערט קלאָר אין ליכט פון די אַלע פאַקטן, אַז די נייסטע פרווון פון אויפ=
לעבן די השערה וועגן סינקרעטישן (געמישטן) כאַראַקטער פון קולט פון
די טאַנאַיסער פאַרבאַנדן זענען פון וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט נישט
באַרעכטיקט. מען וויל זיך נישט רעכענען מיט פילאָלאָגישע פאַקטן, ווען
מען באַהויפּטעט, אַז די „גאָטספאָרכטיקע“ אין טאַנאַיס זענען געווען אָנ=
הענגער פון סינקרעטישן קולט פון גאָט סאַבאַזיאָס און נישט פון יידישן
גאָט *).

עס איז היסטאָריש זיכער, אַז די האַלב=פּראָזעליטן אין טאַנאַיס, ענ=
לעך ווי אין פּאַנטיקאַפּאַיאָן און גאָרגיפּיע, זענען געשטאַנען אונטערן הש=
פּעהדיקן איינפלוס פון די יידישע קהילות אין די קאַנטן, וועלכע האָבן אומ=

* גענויער זע ביילאַגע נום. 3 און נום. 4.

איבערהערלעך געפֿירט אַן אַקטיווע און דערפֿאָלגרייכע רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע אין די ערשטע יאָרהונדערטער פֿון דער ג. צ.

ענדלעך מוז מען אָפּוואַרפֿן די פּרוּוון צו זען אין די דאָזיקע פֿאַרבאַנדן גאָר געמיינדעס פֿון אָנהענגער פֿון קריסטלעכן גלויבן. שוין ניט רעדנדיק וועגן דעם, אַז די טערמינאָלאָגיע פֿון די פֿאַרבאַנדן האָט אַ גאַנץ קליינעם שייכות צום קריסטנטום, זענען די היסטאָרישע פֿאַקטן גופֿא קעגן אַזאַ מין השערה. ביזן אָנהייב פֿון IV י״ה ווייסן מיר כמעט גאָרניט וועגן אָנהענגער פֿון קריסטנטום אין דער באָספּאָראַנישער מלוכה. די עלטסטע קריסטלעכע מצבה אין די געגנטן שטאַמט פֿון 304/303 יאָר. אַלגעמיין איז דאָס קריסטנטום דעמלט געווען דאָ נאָך אַ ווייניק באַקאַנטע רעליגיע, וועלכע האָט דאָ געשטעלט די ערשטע טריט, בשעת דער ייִדישער גלויבן און זיינע אָנהענגער זענען אין די געביטן געווען פֿאַרשפּרייט שוין אָנהייבנדיק פֿון I יאָרהונדערט.

אין שייכות מיטן אַנאַליז פֿון די באַציונגען צווישן ייִדן און ניט־ייִדן אין די קאַנטן, דאַרף מען זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דער אויפֿשריפֿט פֿון אָלביע (נומ. 14).

היות די אויפֿשריפֿט איז זייער פֿראַגמענטאַר, האָט מען זי רעקאָנסטרויִרט אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים. אייניקע געלערנטע זענען אַרויסגעגאַנגען פֿון דער מיינונג, אַז די אויפֿשריפֿט איז ניט קיין ייִדישע, ווייל דאָ ווערן דערמאָנט די שטאָטישע אָרכאָנטן. אַזוי, למשל, האָט לאַטישעוו געשריבן: „צי איז מעגלעך, אַז די העכסטע באַאַמטע פֿון דער אָלבישער געמיינדע זאָלן אונטער זייער אייגענער אויפֿזיכט נעמען זיך צום רעמאָנט פֿון אַ בית־תּפֿילה פֿון אַ פֿרעמדן קולט, וועלכער איז ניט געווען אָנערקענט אַלס מלוכהשער און ס׳קאָן זיין אפֿשר אויך ניט גענאָסן פֿון שוץ מצד דער מלוכה, נאָר בלויז געווען טאָלערירט, און דערביי זאָלן ניט דערמאָנט ווערן בפֿירוש די אָנהענגער פֿון דעם דאָזיקן קולט?“

אין ליכט פֿון די מאַטעריאַלן, וואָס מיר באַזיצן, וועגן דער גרויסער צאָל אָנהענגער פֿון ייִדישן גלויבן אין יענער תּקופֿה צווישן דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג אין די קאַנטן, איז לאַטישעווס שטאַנדפּונקט ניט באַגרינדעט. פֿאַרקערט, אַזוי ווי דאָס וואָרט „פּראָסעוכע“ באַטייט נאָר אַ ייִדישן בית־תּפֿילה, מוז מען האַלטן, אַז אויך די אויפֿשריפֿט פֿון אָלביע איז אַ דענקמאָל, וואָס זאָגט עדות, אַז די מלוכה האָט דאָ אָנערקענט דעם ייִדישן גלויבן צוגלייך מיט די קולטן פֿון די גריכישע געטער און געזאָרגט וועגן רעמאָנט פֿון בית־תּפֿילה פּונקט אַזוי, ווי וועגן דעם רעמאָנט פֿון די טעמפּ=

לען פון די גריכישע געטער. וואָס שייך דעם וואָרט „טהעו“ (אויף גריכיש — גאָט), וואָס לייענט זיך אין דער לעצטער שורה פון גריכישן טעקסט ביי לאַפּישעוון, איז די לעזונג נישט קיין זיכערע. מען קאָן גרייטער מיינען, אַז שוין די ערשטע אַרויסגעבער אין זייערע קאָפּיעס האָבן זיך טועה געווען און אנשטאָט „אָדו“ (אויף גריכיש „שוועל“) געלייענט „טהעו“.

וואָס שייך פּרוי ערליכס מיינונג, אַז „אַרכאָנט“ אין דער אַנאַליזירטער אויפשריפט באַטייט דעם ראש פון דער יידישער קהילה, איז דאָס נישט אָנגעמבאַר צוליב אַזאַ מאָמענט: צוויי פון די דערמאָנטע אין דער אויפשריפט אַרכאָנטן זענען באַקאַנט פון אַנדערע אויפשריפטן אַלס אָלבישע סטראַטעגן. דאָס קאָן נישט זיין קיין בלויזער צופאַל, ווייל עס שטימען נישט בלויז זייערע נעמען, נאָר אויך די נעמען פון זייערע פאָטערס. דאָס באַטייט, אַז זיי און די איבעריקע אַרכאָנטן געהערן מאַקע צו דער שטאָטישער אַריסטאָקראַטיע. אַז זיי זענען בפירוש נישט געווען קיין יידן דרינגט משמעות אַרויס פון דעם, וואָס זיי היילקן גלייכצייטיק געשאָקען אין טעמפּל פון אַפּאָללאָן פּראָסטאַטעס אין זייער אייגענעם נאָמען און אין נאָמען פון דער שטאָט.

## קאַפּיטל VII

# די יידישע ישובים אין דרום־רוסלענדישע געביטן אין III—IV י״ה

### קורצע אויספירן

אויב ביז צווייטן יאָרהונדערט זענען די דרום־רוסישע גריכישע קאָלאָניעס געווען נאָך עקאָנאָמיש שטאַרק פאַרבונדן מיט די באַלקאַנישע פּראָווינצן פון דער רוימישער אימפּעריע און געפירט אַ באַדייטנדיקן האַנדל (גרויסער פיש־עקספּאָרט פון קערטש), אין וועלכן משמעות די יידן אין סירער האָבן געשפּילט אַן ערנסטע ראָלע איז שפּעטער געקומען אַ פּעריאָד פון „באַרבאַריזירונג“ פון דעם אַנטיקן לעבנס־שטייגער אין די געביטן. דאָס איז געווען אַ צייט, ווען דאָס גאַנצע לעבן אין די שטעט אין דרום־רוסלאַנד, און במילא אויך פון דער יידישער באַפעלקערונג, האָט זיך אַלץ מער און מער געביטן, סיי אין סאָציאַל־עקאָנאָמישן, סיי אין קולטורעל־אידעאָלאָגישן זין. שקלאַפעריי האָט ביסלעכווייז אויפגעהערט צו ווערן אַ פאַרשפּרייטע פאָרם פון עקספּלאָאַטאַציע און אויפן אידעאָלאָגישן געביט האָבן די אַלטע גריכיש־רוימישע קולטן אָפּגעטראָטן זייער פּלאַץ פאַר מזרחדיקע מאָנאָטעיסטישע רעליגיעס, צווישן וועלכע די וויכטיקסטע ראָלע אין די געביטן האָט געשפּילט פריער דער יידישער גלויבן און ערשט שפּעטער דאָס קריסטנטום (זע אויבן קאַפּיטל VI).

פון סוף III יאָרהונדערט האָבן מיר אַ ידיעה וועגן דער יידישער עדה אין כ ע ר ס אָ נ ע ס. די קירכלעכע „לעבנס־באַשרייבונגען פון די כערסאָנעסישע בישאָפן“, וואָס זענען דערגאַנגען צו אונדזערע צייטן אין אַ גריכישער און גרוזינישער ווערסיע, ווייסן צו דערציילן וועגן דעם מאַרטירערטום פון קריסטלעכע מיסיאָנערן, וועלכע זענען געפאַלן פון די הענט פון דער כערסאָנעסער המון און ספּעציעל פון יידן. די דאָזיקע געשעעניש איז דאַטירט אין דעם אַלט־קריסטלעכן מקור אויף דער צייט פון דער הער־

שאַפֿט פֿון דיאָקלעציאַנוס (284 — 305), וועלכער ווערט כאַראַקטערי־זירט אַלס אַ רשע („דראַקאָן") לגבי די קריסטן.

פֿון דער ידיעה דרינגט מסתמא אַרויס, אַז ייִדן אין בערסאָגעס זענען דעמלט געווען אַ גאַנץ באַקאַנטער עלעמענט צווישן דער שטאָטישער באַ־פֿעלקערונג, געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע אין לעבן פֿון דער שטאָט און גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די רעליגיעזע און מסתמא אויך פּאָליטי־שע ושטרייטן און מהומות.

וועגן דער באַדייטנדיקער ראָלע פֿון ייִדישן קיבוץ אין פּ א נ ט י־ק א פּ א י אָ ן און וועגן דער אויסערגעוויינלעכער קאַריערע פֿון אַ באַס־פּאָראַנישן ייִדן אין סאַמע אָנהייב פֿון פֿערטן יאָרהונדערט זאָגט עדות אַ זייער אינטערעסאַנטע אויפֿשריפֿט איינגעקויפֿט דורכן קערטשער מוזיי אין 1901 — 1903 ביי אַן אַרטיקער איינוווינער, ביי וועלכער זי האָט 40 יאָר געדינט אַלס שוועל.

19. ווו און וועמען דער שטיין איז געפֿונען געוואָרן, איז נישט באַקאַנט. דער דירעקטאָר פֿון קערטשער מוזיי וו. שקאָרפּיל האָט גע־האַלטן, אַז מסתמא האָט מען דעם שטיין געבראַכט פֿון אַלטן קערטשער בית־עולם.

דער שטיין שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ גרויסן מאַרמאָר־טאָוול 1,03 ×0,31 מ. די גרויס און 0,10 די דיק. די אותיות (0,02מ.) זענען אויס־געקריצט זייער זאָרגעוודיק און האָבן זיך זייער גוט קאָנסערווירט. דער טעקסט פֿון דער אויפֿשריפֿט לייענט זיך אַזוי:

„דעם אַלהעכסטן בארעמהאַרציקן גאָט אַ נדר. אורעליוס וואַלעריוס סאַגוס, דער זון פֿון אָלימפּאָס, דער גובערנאַטאָר פֿון טעאָדאָסיע, אַ באַ־קאַנטער פֿון די אויגוסטן, אויסגעצייכנט דורך דיאָקלעציאַנוס און מאַקסי־מיאַנוס, אָנגערופֿן אויך אָלימפּיאַנאָס אין דער פּראָווינץ, וועלכער האָט אַ סך געדייזט, געווען אָפּגעזונדערט (אָפּטריניק) 16 יאָר און אַ סך שווע־ריקייטן איבערגעלעבט, האָט פֿון דעם פֿונדאַמענט אָן אויסגעבויט אַ בית־תפֿילה (פּראָסוכע) אין 603 יאָר (ד. ה. אין יאָר 305/304)."

אַז דאָ רעדט זיך מאַקע וועגן אַ ייִדישן בית־תפֿילה, דערוויזן דאָס וואָרט „פּראָסעוכע" און די באַצייכענונג פֿון גאָט אַלס „אַלהעכסטער און באַרעמהאַרציקער". היות ווי „פּראָסעוכע" באַדייט נאָר אַ ייִדישן בית־תפֿילה, מוז מען אַלע אויפֿשריפֿטן, וווּ עס רעדט זיך וועגן אַזאַ מין היי־ליקטום און עס פֿעלן בפֿירושע אָנווייזונגען וועגן דער ייִדישער צוגעהערי־

קייט פון די מחברים פון דער אויפשריפט, האלטן פאר י י ד י ש ע אָדער י י ד י ש־פּ ר אָ ז ע ל י ט י ש ע (זע אויבן ז׳ 36) אָבער דער ספּעציפיש ייִדישער טערמין „פּראָסעוכע גיט נאָך נישט קיין מעגלעכקייט פּעסטצושטעלן די עטנישע צוגעהעריקייט פון דעם מחבר פון דער אויפשריפט, כאָטש ער באַצייכנט גאַנץ גענוי זיין צוגעהעריקייט צום ייִדישן גלויבן. מיט איין וואָרט, עס שטעלט זיך אַזאַ פראַגע: צי קאָן מען אויפקלערן סאָגוסעס אָפּשטאַם און דערווייזן, אַז ער איז געווען אַ ייִד אָדער האַלבער גר (סעבאָמענאָס)?

כדי צו געבן אויף דעם אַן ענטפער, דאַרף מען גענוי אַנאַליזירן די אָנווייזונגען, וואָס זענען פאַראַן אין אויפשריפט בנוגע סאָגוסעס פערזאָן און פאַרגלייכן די געגעבענע מיט אַנדערע אויפשריפטן און מקורים וועגן ייִדן אין דער גריכיש־רוימישער תקופה.

מיר וועלן אָנהייבן פון סאָגוסעס נעמען. זייגע רוימישע און גריכישע נעמען זענען געווען גאַנץ פאַרשפּרייט ביי די דעמאָלטיקע ייִדן. אין די ייִדישע אויפשריפטן פון אייראָפּע לויט פרעים זאַמלונג טרעפט זיך דער נאָמען א ו ר ע ל י ו ס נישט ווייניקער ווי 13 מאָל, 2 מאָל איז פאַרפיקסירט דער נאָמען ו ו אַ ל ע ר י ו ס. אַ געווויסער אָ ל י מ־פּ אָ ס אַ פריינד פון הורדוס דעם גרויסן, ווערט דערמאָנט ביי יוסף פלאַוויוסן. אַ מאַנספּאַרשוין אַורעליוס אָלימפּאָס ווערט דערמאָנט אין איינער פון די אויפשריפטן אין דער ייִדישער קאַטאַקאָמבע אויף מאָנטעווערדע אין רוים. דער נאָמען ס אָ ג אָ ס אָדער סאָגוס האַלט מען אין די קאַנטן פאַר אַן איראַניש. אין אַ ייִדישער אויפשריפט פון רוים טרעפט זיך אַ נאָמען „סאָקאָ“, מסתמא, פון העברעישן שורש (אַ רבי אַנטיגנוס שוכו איז באַקאַנט פון תלמוד), וואָס קלינגט זייער ענלעך ווי דער איראַנישער נאָמען „סאָגוס“. נעמענדיק אין אַכט, אַז ביי ייִדן אין די גריכיש־רוימישע לענדער איז דעמאָלט געווען אַ מנהג פון צופּאַסן העברעישע אָדער מזרחדיקע ייִדישע נעמען צו לאַטייַנישע און גריכישע לויטן פּרינציפּ פון קלאַנגען־ענלעכקייט (למשל. א ס ת ר — א ס ט ע ר אויף גריכיש מיטן באַדייט „שטערן“), קאָן מען מיינען, אַז אפשר איז דער איראַנישער נאָמען סאָגוס אָנגענומען געוואָרן צוליב אַ קלאַנגען־ענלעכקייט מיט אַ נאָמען פון אַ העברעישן שורש. בכלל גערעדט איז דאָס מעגלעך, אויב מען נעמט אין אַכט, אַז די ייִדן ביים שוואַרצן ים אין סוף אַלטערטום האָבן זיך געפונען נישט בלויז אונטער דער גריכישער, נאָר אויך אונטער דער איראַנישער קולטורעלער השפּעה. אַזוי אַרום מוז מען זאָגן, אַז די נעמען

פון סאָגוסן, אויב זיי דעקן נישט אויף קלאָר זייער עטנישע צוגעהעריקייט, זענען זיי דאָך נישט קיין מניעה צו זען אין אים אַ ייִדן.

ווייטער, היות סאָגוס איז געווען דער גובערנאַטאָר פון מעאָדאָסיע (איינע פון די וויכטיקסטע אַמטן אין דער באָספּאָראַנישער מלוכה, וועלכער ווערט אַלעמאָל אויסגערעכנט אויפן צווייטן אָרט נאָך דעם גובערנאַטאָר פון דער הויפּטשטאָט פּאַנטיקאַפּאיאָן) און אַז אָנהענגער פון ייִדישן גלויבן, דאַרף מען קודם כל אויפקלערן, צי האָבן ייִדן אָדער ייִדישע פּראָזעליטן אין די רוימישע פּראָווינצן און אין די אָפּהענגיקע פון רוים מלוכות, צו וועלכע עס האָט געהערט אין די צייטן אויך דאָס באָספּאָראַנישע קעניגרייך, געקאָנט פאַרנעמען אַזעלכע הויכע רעגירונגס=שטעלעס.

עס איז באַקאַנט, אַז אין רוים זענען געווען צווישן די העכערע שיכטן (סענאַטאָרן=שטאַנד און ד"גל.) אין פאַרשיידענע צייטן אָנהענגער פון ייִדישן גלויבן, אָבער איז אין דער זעלבער עפּאָכע ייִדן נאָך נישט געווען פאַרבאָטן צו פאַרנעמען הויכע רעגירונגס=שטעלעס אין דער רוימישער אימפּעריע. עטלעכע ביישפּילן.

בעת דער הערשאַפט פון קיסר טיבעריוס (14 — 37) האָט אָנגענומען דעם ייִדישן גלויבן די פרוי פון סענאַטאָר סאַטורנינוס פולוויוס, אַ האַלב=פּראָזעליטין איז געווען דעם קיסר נעראָנס (54 — 68) ווייב, וועלכע יוסף פלאוויוס רופט אָן „טהעאָסעבעס“, וואָס לאָזט זיך פאַרגלייכן מיטן אויסדרוק „טהעאָן סעבאָן“ אין דער אויבן אַנאַליזירטער אויפשריפט פון פּאַנטיקאַפּאיאָן. אַ ייִדישער גר איז געווען דער קאָנסול פלאַוויוס קלעמענס, וועמען דער קיסר דאָמיציאַנוס (81 — 96) האָט אומגעבראַכט. אין מדרש (צום ספר הברים) איז דאָ אַ דערציילונג וועגן אַ רוימישן סענאַטאָר אַ געהיימען אָנהענגער פון ייִדישן גלויבן. אינטערעסאַנט, אַז דער סענאַטאָר ווערט באַצייכנט מיטן אויסדרוק י ר א ש מ י ם, וואָס אַנטשפּרעכט פולשטענדיק די אַנטיקע טערמינען, מיטן באַדייט „גאָטס=פאַרכטיקער“ און דעם ביבלישן י ר א י ה ו ה.

די קיסרים סעפּטימיוס סעווערוס (193 — 211) און קאַראַקאַללאַ (212 — 217) האָבן אין אָנהייב פון III י"ה געגעבן ייִדן נישט בלויז גלייכבאַרעכטיקונג, נאָר אויך אַ צוטריט צו מלוכה=שטעלעס („האָנאָרעס“). ערשט אין סוף פון IV י"ה הייבט זיך אָן די פּאָליטיק פון באַגרענעצן די ציווילע און שפּעטער די פּאָליטישע רעכט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין דער רוימישער אימפּעריע. אין 438 יאָר פאַרווערט דער קיסר טעאָדאָסיוס ייִדן צו פאַרנעמען וועלכע נישט איז עפנטלעכע, מלו=

כהשע און מוניציפאַלע (שטאָטישע) אַמטן. אין אָנהייב פון IV י״ה אָבער
האָט די לאַגע אויסגעזען גאָר אַנדערש. ווען ייִדן, וואָס האָבן געהערט
צום רוימישן סענאַטאָרן=שטאַנד, זענען דאָ ידיעות ביי די קירך=פאָטערס
היעראָנימוס און סעווערוס און אין אויפשריפטן. פון  י פ ו  און
צ פ ו ר י  זענען דערגאַנגען צו אונדז אויפשריפטן פון הויכע ייִדישע
באַאַמטע אין רוימישן דינסט מיטן טיטל „קאָמעס“ (שפּעטער אין מיטל=
אַלטער קריגט דער דאָזיקער טיטל די באַדייטונג „גראַף“) און דעם גע=
וויינלעכן אין גריכיש עפּיטעט פון רוימישע סענאַטאָרן „לאַמפּראָטאַטאָס“
(אויף לאַטיין „קלאַריסימוס“ מיטן באַדייט „אַלערליכסטער“). אומקערנ=
דיק זיך צו סאָגוסן דאַרף מען זאָגן, אַז די אויסערגעוויינלעכע קאַריערע
זיינע גיט אַ יסוד צו טראַכטן וועגן זיין נאָענטקייט צום רוימישן סענאַ=
טאָרן=שטאַנד. סאָגוס טראָגט דעם טיטל „סעבאַסטאָגנאָסטאָס“, דאָס
הייסט, „פּערזענלעכער פריינד“ אָדער „באַקאַנטער פון די אויגוסטן“ מאַק=
סימיאַנוס און דיאָקלעציאַנוס (קיסר זינט דעם יאָר 284), פון וועלכע ער
האָט געקראָגן אויסצייכענונגען. עס איז כדאַי צוצוגעבן, אַז דעם טיטל
„סעבאַסטאָגנאָסטאָס“ האָבן זוכה געווען צו באַקומען מצד די רוימער נאָר
געציילטע יחידים אין די גריכישע שטעט ביים שוואַרצן ים.

וואָס שייך זיין באַציונג צו יהדות שיינט, אַז ער איז געווען טאַקע
נישט קיין גר, נאָר אַ ייִד. אַזוי ווי דעם פּאַרטיציפּ  „אַ פ אָ ס ט א ט ע=
ס אַ ס“  אין דער אויפשריפט קאָן מען פאַרשטיין אויך אין זין פון
זיין „אָפּטרינניק“, דרינגט אַ סברה אַרויס, אַז סאָגוס איז געווען אַ ייִד,
וועלכער האָט זיך אָפּגעזונדערט פון ייִדישן גלויבן בשעת זיין אויפהאַלט
אין אַ רוימישער פּראָווינץ (וואָס פאַר אַ פּראָווינץ, ווערט נישט געזאָגט;
אין דער אויפשריפט רעדט זיך נאָר וועגן זיינע וואָגלעניש אין משך פון
16 יאָר).

אַזוי אַרום מיינען מיר, אַז סאָגוס איז געווען גיכער פון אַלץ אַ שטאַרק
אַסימילירטער באָספּאָראַנישער ייִד אין רוימישן דינסט, וועלכער האָט —
נאָך פיל יאָרן אָפּוועזנקייט אין די היימישע קאַנטן און אינדיפערענטקייט
אָדער אפשר אָפּטרינניקייט לגבי דעם ייִדישן גלויבן — זיך אומגעקערט
אהיים, תשובה געטאָן און לויט אַ נדר אויסגעבויט אַ בית=תפילה פאַרן
ייִדישן גאָט אין פּאַנטיקאַפּאַיאָן.

אַחוץ דעם באַווייזט מסתמא סאָגוסעס אויפשריפט, אַז ייִדן אין דער
באָספּאָראַנישער מלוכה האָבן געשפּילט דעמלט אַ באַדייטנדיקע ראָלע, אויב
אַ באָספּאָראַנישער ייִד האָט געקאָנט זיין דער גובערנאַטאָר פון טעאָדאָסיע

(צי מצד דעם באַספּאָראַנישן מלך, צי מצד די רוימער, איז נישט קלאָר) און שטיין אין נאָענטע באַציונגען צו דער רוימישער רעגירונג.

וואָס ווייסן מיר וועגן איינצלנע לעבן פון די יידישע קהילות אין דער זעלבער תקופה?

צו דער צייט געהערן אַ גאַנצע ריי אויפשריפטן אין מצבות פון יידישן בית־עולם אין פּאַנטיקאַפּאַיאָן, וועלכע זענען געפונען געוואָרן אין 1867 נעבן פּאַולאָווער פּאַרק („פּאַוולאָווסקאַיאַ באַטאַרעיאַ") צו מזרח פון א. ג. פעלזיקן היגל. מען האָט דאָ אָפּגעגראָבן 21 קברים, זייער אָרעמע און איינ־פאַכע. די קברים האָבן געהאַט פון 2,13 ביז 1,06×2,30 מ. די גרויס און 0,54 — 0,71 מ. די טיף. די מתים זענען געלעגן אַלע מיטן קאָפּ אויף מזרח, וואָס איז אַ וויכטיקער פּרט, ווייל די מתים אין די קריסטלעכע קב־רים פון IV י"ה, וואָס מען האָט דאָ געפונען זענען אָריענט־טירט אויף מערב. דאָ האָט מען אויך געפונען דריי אויפשריפטן אויף קאַלך־שטיינער מיט מנורות, וועלכע מען האָט דערנאָך איבערגעגעבן אין קיניגלעכן קורהאַן.

20 — 22. די שטיינער 0,49×0,55, 0,32×0,51 און 0,35×0,49 (אַלע 0,09 די דיק) זענען אין אויבערשטן טייל אָפּגעבראָכן, אָבער גיבן אַ גאַנץ גענויע פאָרשטעלונג וועגן דער גרויס פון טעכניק פון אויספאַרטיקן מצבות ביי די באַספּאָראַנישע יידן. די אויפשריפטן זענען געשריבן אין גריכיש. אין דער ערשטער אויפשריפט ווערט דערמאָנט אַ פרוי פון אַ גע־ווסן כ ר ע ס ט י אָ ן (דער נאָמען פון דער פרוי איז נישט פאַר־בליבן), אין דער צווייטער פלוני דער זון פון ש מ ו א ל (סאַמאָעל).

23. אין 1897 איז געפונען געוואָרן אן אויפשריפט די גרויס 0,39×0,89 און 0,12 די דיק (אותיות — 0,07 די הויך) פון אַ געוויסן ש מ ע ו ן מיט אַ מנורה. די אויפשריפט האָט זיך געפונען אין מעלעק־טשעסמענשין קורהאַן צווישן אַ גאַנצער ריי עלטסטע יידישע מצבות פון IV — V י"ה. דאָקטאָר ווייסענבערג, וועלכער האָט באַזוכט דעם קורהאַן אין 1913 יאָר, האָט דאָ אָנגעציילט 12 אַזעלכע דענקמעלער (אין 1941, הארט פאַר דער מלחמה, זענען זיי נאָך געווען אַלע גאַנץ). זיי זענען גע־פונען געוואָרן אין פאַרשיידענע ערטער, טיילווייז אין קערטש אין דער א. ג. צעמענטענער סלאָבאָדקע, פון זייט פון דער פעסטונג.

מיר ברענגען דאָ די באַשרייבונג פֿון אייניקע מצבות פֿון מעלעק־משעסמעניש קורהאַן.

24 — 26. פֿון IV י״ה דאַטירט זיך אַ ייִדישע אויפֿשריפֿט פֿון שמואל, דעם זון פֿון סעווערוס (אויף גריכיש: „סאַמאָעל היאָס סעווערו"). דער קבר, וווּ די מצבה איז געפֿונען געוואָרן, איז געווען באַדעקט מיט נאָך צוויי שטיינער. איינער פֿון זיי האָט געהאַט אַ גריכישע אויפֿשריפֿט: „דאָליגט" און אַ מנורה מיט 7 לייכטערס, דער צווייטער — בלויז אַן אויסגעקריצטע מנורה באַמאָלט מיט רויטע פֿאַרב. אַ טייל מצבות האָבן ניט קיין שום אויפֿשריפֿט. אויף זיי געפֿינען זיך נאָר ייִדישע עמבלעמאַטן, אַ מנורה מיט 7 אָדער 9 לייכטער, מיט פּאַלמען־צווייג פֿון איין זייט און שופֿר פֿון דער צווייטער.

27 — 28, אויף צוויי מצבות געפֿינט זיך פֿון איין זייט פֿון דער מנורה אַ סימן אין דער פֿאָרם פֿון אַ שאַרפֿן ווינקל. אויף איין שטיין, אמת פֿון דער אַנדערער זייט, געפֿינט זיך אַ סימן, וואָס דערמאָנט די טאַמגעס (אייגנטום־צייכנס) פֿון דער כוזרישער תקופֿה.

29. זייער אינטערעסאַנט זענען צווישן זיי אַזעלכע מצבות, וועלכע שטעלן מיט זיך פֿאָר פּאַקטיש „זאַגאַטאָווקעס" (צוגרייט־אַרבעטן) נאָך ניט קיין פֿאַרענדיקטע אינגאַנצן. אַזוי, למשל, איז אויף איין שטיין אויסגעקריצט אַ מנורה מיט 9 לייכטער, אַ פּאַלמען־צווייג, אַ שליסל (?) און עס איז איבערגעלאָזן אַן אָרט פֿאַר אַן אויפֿשריפֿט. עס איז זייער מעגלעך, אַז דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט דער פּראָדוקציע פֿון אַ שטיינ־קריצערײַ, אַ וואַרשטאַט, וועלכער האָט אויסגעפֿאַרטיקט ייִדישע מצבות.

30. מען דאַרף אויך דערמאָנען אַן אויפֿשריפֿט אין גריכיש פֿון מאַריאַ די אַרכנטין. די האָזיקע אויפֿשריפֿט גיט אונדז אַ געוויסן מאַטעריאַל וועגן דער אָרגאַניזאַציע פֿון דער ייִדישער קהילה אין פּאַנטיקאַפּאַיאָן. עס איז באַקאַנט, אַז די העכערע באַאַמטע פֿון דער ייִדישער געמיינדע האָבן זיך גערופֿן אויף גריכיש אַרכאָנטעס. דאָס איז דאָקומענטירט דורך אַ ריי אויפֿשריפֿטן פֿון רוים, קאַפּוא, איטיקאַ (צפֿון־אַפֿריקע), אַקמאָנעא (פֿריגיע) און דורך די גביות־עדות פֿון פֿילאָן און יוסף פֿלאַוויוס פֿאַר אַלעקסאַנדריע און מצרים און אַנטיאָכיע אין סיריע.

31. זייער וויכטיק איז אַן אויפשריפט געפונען אין 1899 נישט ווייט
פון קערטש ביים שאָסיי, וואָס פירט צו דער פעסטונג, צוזאַמען מיט די
אויבן דערמאָנטע יידישע מצבות אָן אויפשריפטן. די אויפשריפט איז
שטאַרק צעשטערט און עס זענען איבערגעבליבן צוויי פראַגמענטן. די
גרויס פון דער אויפשריפט איז געווען 0,35×0,40 מ. (0,03 די דיק). דער
טעקסט איז געשריבן אין גריכיש און העברעיש. דער העברעישער (אויי=
בערשטער טייל) פון דער אויפשריפט איז פאַרלוירן געגאַנגען אַחוץ די
לעצטע ווערטער. ב ר כ ה, נ ע ר, ו ש ל ו ם. אין דער רע=
קאָנסטריקציע פון פראָפ. כוואָלסאָן זעט די אויפשריפט אויס אַזוי: (זה
הקבר למנוחת יצחק זכרונו ל) ברכה.

(. . . . . . . . . . . ה)נער

(תנוח נפשו במנוחה) ושלום

דער גריכישער טעקסט קאָן איבערגעזעצט ווערן אַזוי: „פאַר דער נש=
מה פון יצחק דעם זעליקסטן. שלום און רו". אַזוי ווי די שורות אין גרי=
כישן טעקסט זענען גלייך מיט די שורות אין העברעישן און די אותיות
(0,015 — 0,03 מ. די הויך) זענען אַפילו נאָך קלענער, מוז מען זיך פון
פראָפ. כוואָלסאָנס דערגענצונגען אָפזאָגן, ווייל זיי זענען צו לאַנגע און
אויפן שטיין וואָלט מען פאַר זיי בשום אופן נישט געקאָנט געפונען גענוג
אָרט. אמת, כוואָלסאָן האָט זיין רעקאָנסטרוקציע געהאַלטן פאַר מעגלעך,
ווייל ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דער הנחה, אַז אין העברעישן טייל פון
דער אויפשריפט זענען געווען נישט דריי, נאָר פיר שורות. נאָר א פ י ל ו
פ אַ ר פ י ר ש ו ר ו ת ז ע נ ע ן כ וואָ ל ס אָ נ ס ד ע ר=
ג ע נ צ ו נ ג ע ן צו לאַנג. ווי דאָס זאָל נישט זיין, גיט אָבער כוואָל=
סאָנס רעקאָנסטרוקציע איבער דעם זין פון דער עפּיטאַפיע אין העברעיש
גאַנץ נעננוי.

32. אַ העברעישע אויפשריפט י ש ר א ל לייענט זיך אויך
אויף אַ נישט קיין גרויסער מצבה, וואָס האָט זיך געפונען אין מעלעק=
טשעסמענישן קורהאַן, אויף וועלכער עס זענען געווען אַחוץ דעם אויסגע=
קריצט אַ מנורה, אַ פאַלמען=צווייג פון לינקס און אַ שופר פון רעכטס.

33. אַ שפּעטע יידישע מצבה=אויפשריפט אין גריכיש פון פאַנא=
גאָריע (IV — V י"ה) איז אין 1892 יאָר אַוועקגעשאָנקען געוואָרן דעם

קערטשער מוזיי. די אויפשריפט אָפּגעבראָכן פון אויבן איז אויסגעקריצט אויף אַ קאַלך=שטיין 0,32×0,25 מ. די גרויס און 0,77 מ. די דיק (די הויך פון די אותיות איז 0,044 מ.) און לייענט זיך אַזוי:

„דאָ ליגט מ ע מ ג אָ ן....“

ווען מיר פאַרגלייכן די יידישע אויפשריפטן פון דער באַהאַנדלטער תקופה מיט די פריערדיקע פון I — II י"ה. מוזן מיר קאָנסטאַטירן די פאָלגנדיקע וויכטיקע דערשיינונגען: 1) די גריכישע נעמען ווערן פאַרביטן דורך העברעישע (שמואל, שמעון, מרים), 2) העברעיש טרעט אַרויס אַלס ליטעראַטור= און ליטורגיע=שפּראַך צוגלייך מיט גריכיש. דאָס קאָן נאָר באַדייטן, אַז אין קולטורעלער, עטנישער און אויך סאָציאַלער הינזיכט זענען מיר דאָ דעם אָנהייב פון ג ר ו י ס ע ע נ ד ע ר ו נ ג ע ן אין דער סטרוקטור פון יידישן קיבוץ אין מזרח=אייראָפּע.

מען קאָן מיינען, אַז דער רענעסאַנס פון דער העברעישער שפּראַך און קולטור אין לעבן פון די יידישע קיבוצים אין מזרח=אייראָפּע אין IV — V י"ה איז געווען פאַרבונדן מיט אַ צופלוס (עמיגראַציע) פון יידן פון די מזרח=לענדער. מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז די יידן אין טראַנסקאַווקאַז האָבן שטענדיק געהאַט לעבעדיקע באַציונגען מיט די יידן אין איראַן (בבל) און זענען, ווייזט אויס, נישט געווען העלעניזירט. מען קאָן מיינען, אַז זיי זענען אין אַ געווויסער מאָס געווען די פאַרשפּרייטער פון דער העברעישער שפּראַך און קולטור אין די דרום=רוסלענדישע קיבוצים. אפשר דערקלערן זיך געוויסע ביבלישע נעמען צווישן די העלעניזירטע יידן אין דרום=רוסלאַנד (שפטיהו, חגיו, עזריון) נאָך אין די ערשטע יאָרהונדערטער פון אונדזער צייטרעכענונג מיט דעם, וואָס די יידישע קאָלאָניעס אויף דער קערטשער און טאַמאַנער האַלבאינדזלען האָבן זיך שטענדיק קאָנטאַקטירט מיט דער יידישער באַפעלקערונג אין טראַנסקאַווקאַז און איראַן.

## קורצע אויספירן

אַזוי אַרום איז די געשיכטע פון די יידישע קיבוצים אין דרום=רוסלאַנד אין אַלטערטום דאָקומענטירט מיט אַ גאַנצער ריי פאַרשידנאַרטיקע עפּיגראַפישע דאָקומענטן, ווי שקלאַפן=באַפרייונגען (פון 13 אויפשריפטן פון דעם מין, געפונענע ביז איצט, לגבי וועלכע מען קאָן פעסטשטעלן די נאַציאָנאַלע אָדער רעליגיעזע אָנגעהעריקייט פון די מחברים, געהערן צו

ייִדן אָדער ייִדישע גרים עלף און נאָר 2 צו גריכן), בוינונג־אויפֿשריפֿטן (צוויי), מצבֿות, (ביי אַ צוואַנציק), פּראָטאָקאָלן פֿון רעליגיעזע געמיינשאַפֿטן (אַ פּאָר צענדליק). וואָס פֿאַר אַ היסטאָרישע אויספֿירן קאָן מען מאַכן פֿון דעם דאָזיקן מאַטעריאַל, האָבן מיר אויפֿגעוויזן אין די פֿאָריקע קאַפּיטלען.

דאָ ווילן מיר נאָר אונטערשטרייכן, אַז פֿון איין זייט איז די ייִדישע געשיכטע אין דרום־רוסלאַנד אין די עלטסטע צייטן ענג פֿאַרבונדן מיט דער געשיכטע פֿון דער העלעניסטישער דיאַספּאָרע (גלות) און אַז, פֿון דער אַנדערער זייט, דאָקומענטירן די אויבן אַנאַליזירטע פֿאַקטן עטלעכע הונדערט יאָר ייִדישע געשיכטע אין דרום־רוסלאַנד ביז דעם אָנפֿאַל פֿון די הונען אין סוף פֿון IV י״ה. ווייטער האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז די אויפֿשריפֿטן פֿון טאַנאַיס האָבן אַ דירעקטן שייכות צו ייִדן און אויך צו נישט־ייִדישע אָנהענגער פֿון ייִדישן גלויבן. במילא באַווייזן זיי בפירוש, אַז די ייִדישע קהילות אין דרום־רוסלאַנד אין אַלטערטום האָבן געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָלע און געהאַט אַ גענוג גרויסע קולטורעלע השפּעה אויף זייערע גריכישע און סקיטישע שכנים. עס איז קלאָר, אַז אין די פֿאַקטן קאָנען מיר געפֿינען אַ שליסל צום גרויסן דערפֿאָלג פֿון דער ייִדישער רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע אין דער שפּעטערדיקער כוזרישער מדינה. די כוזרים האָבן אָנגענומען דעם ייִדישן גלויבן, פֿאַרשטייט זיך, נישט בלויז צוליב רעליגיעזע, נאָר אויך צוליב פּאָליטישע טעמים, כדי צו זיין אומאָפּהענגיק פֿון קריסטלעכן ביזאַנץ און פֿון אַראַבישן כאַליפֿאַט. אַלנפֿאַלס אונטערליגט נישט קיין ספֿק, אַז די ייִדישע קהילות אין דער כוזרישער מלוכה אין הויפּטזעכלעך אין קרים זענען געווען די צענטערן, פֿון וואַנען מען האָט געפֿירט אַ גרויסע מיסיאָנערישע טעטיקייט לטובֿת דעם ייִדישן גלויבן. עס איז קלאָר, אַז נאָר שטאַרקע געמיינדעס, וואָס האָבן עקזיסטירט פֿריער אין משך פֿון יאָרהונדערטער, האָבן זיך געקאָנט דערלויבן אויף אַזאַ מין טעטיקייט. אמת, עס איז באַקאַנט, אַז דער אָנפֿאַל פֿון די הונען אין סוף פֿון IV י״ה האָט געגעבן אַ טויט־קלאַפּ דער אַנטוויקלונג פֿון דער אַנטיקער קולטור אין דרום־רוסלאַנד. די שטעט און צווישן זיי קערטש זענען פּאָגראָמירט געוואָרן און נאָכן אָפּטרעטן פֿון די הונען דערהויבן זיי זיך שוין קיינמאָל נישט צו דער פֿריערדיקער מדרגה. אָבער דאָס ייִדישע לעבן אין די קאַנטן איז נישט אָפּגעשטאָרבן פֿולשטענדיק.

עס איז דאָ אַ גרונט צו מיינען, אַז דער ייִדישער צענטער אין פֿאַ־

גאַגאַריע, וועגן וועלכן מיר האָבן אַ ידיעה ביי טעאָפאַנעס, אַ ביזאַנטיִשן היסטאָריקער פון VII י״ה, האָט עקזיסטירט דאָ אומאויפהערלעך זינט דער אַנטיקער תקופה.

דעריבער קאָנען מיר אַוועקשטעלן די פראַגע, צי האָט באמת דער אָנפאַל פון די הונען דערפירט צו אַ פולשטענדיקער פאַרניכטונג פון די ייִדישע ישובים אין דרום=רוסלאַנד, צי האָבן זיי זיך נישט אויפגעהאַלטן דירעקט ביזן אָנקום פון די כוזרים, צי עקזיסטירט נישט אַ געוויסע קאָנטינואיטעט צווישן דער געשיכטע פון די ייִדן אין מזרח=אייראָפּע אין דער אַנטיקער און אין דער כוזרים=תקופה? אַ גענויער ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע גייט שוין, אָבער, אַרויס פון די ראַמען פון אונדזער טעמע.

דער שלוס=אויספיר פון אונדזערע מאַטעריאַלן איז פאָלגנדיקער:

צוזאַמען מיט די גריכן און סקיטן זענען ייִדן געווען די בוייער פון דער געשיכטע און קולטור פון די אַנטיקע פעלקער ביים שוואַרצן ים און די ערשטע יאָרהונדערטער פון דער נייער ערע און, נישט מגזם זייענדיק, קאָן מען זאָגן, אַז ייִדן אין אַלטערטום זענען געווען אַ וויכטיקער פאַקטאָר פון קולטור=אַנטוויקלונג אין מזרח=אייראָפּע, אַ פאַקטאָר, וועלכער האָט געהאָלפן איבערפלאַנצן עלעמענטן פון דער אַנטיקער קולטור און אַנטיקע מאָנאָטעיסטישע גלויבנס צווישן זייערע שכנים, די אַלטע און גייע פעלקער פון אייראָפּעיִשן מזרח.

## קאַפּיטל VIII

# ביילאַגעס

### 1. די בוי-אויפשריפט פון דעם בית-תפילה אין אָלביע

אין דער האָזיקער אויפשריפט איז דער טעמפּל אָנגערופן מיטן גריכישן וואָרט „פּראָסעוכע“. אין דער פילאָלאָגישער טראַדיציע, וואָס גרייכט ביז די אַנטיקע צייטן, איז באַקאַנט, אַז דאָס גריכיש וואָרט „פּראָסעוכע“ האָט געהאַט אַ ספּעציפישע באַדייטונג „יידישע קלויז“ (בית-תפילה). עס איז ביז איצט נישט באַקאַנט קיין פאַל, ווען דאָס וואָרט זאָל אָנגעווענדעט ווערן לגבי נישט-יידישע בתי-תפילה (פגל' דיקאַנזש. גלאָסאַריום אַד סקריפּטאָרעס מעדיע עט אינפימע גרעציטאַטיס, ניי-דרוק פּאַריזש 1943, ע' 1250. לידל-סקאָט-זשאָונז. גריק-אינגליש לעקסיקאָן. אָקספאָרד 1934. ז' 1511). אַן אַנאַלאָגיע לאָזט זיך דורכפירן מיט אַזעלכע ווערטער ווי „בוזשניצאַ“ אין פויליש און „סינאַגאָגאַ“ אין רוסיש און מערב-אייראָפּעישע שפּראַכן. דעם יידישן תוך פון וואָרט „פּראָסעוכע“ האָט קיינער נישט באַצווייפלט ביז א. הרכבי, וועלכער איז אין 1886 אַרויסגעטראָטן מיט דער באַהויפטונג, אַז אויך די גריכישע איינוווינער פון מאַסיליע (היינט מאַרסעל אין פראַנקרייך) פלעגן אַזוי אָנרופן זייערע טעמפּלען (זאַפּיסקי רוסקאָווא אַרכעאָלאָגיטשעסקאָווא אָבשטשעסטוואַ, ב. 2, ז' 149). אויף דעם סמך איז לאַטישעוו, דער באַקאַנטער אַרויסגעבער פון די דרום-רוסלענדישע גריכישע אויפשריפטן, געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די „פּראָסעוכע“ אין אָלביע איז טאַקע נישט קיין יידישע, ווייל אין דער אויפשריפט פעלן וועלכע נישט איז אָנווייזונגען אויף יידן. לאַטישעווס באַהויפטונג האָבן אָנגענומען אַ גאַנצע ריי אָנגעזעענע געשיכטלער, צווישן זיי שירער, זשיסטער א"א. קיינער פון זיי און בתוכם לאַטישעוו איז נישט איינגעפאַלן אין געדאַנק, אַז הרכבי האָט געמאַכט אַזאַ מין אויספיר אויפן סמך פון אַ גריכישן טעקסט,

וועלכן ער האָט פּשוט שלעכט פאַרשטאַנען. עס האַנדלט זיך וועגן דער פּאַלעמישער שריפט פון ציפּרישן בישאָף פון IV י״ה עפּיפאַנאָם „קעגן העריסיעס“ (I. 80), אין וועלכער ער וואַרפט פאָר די מאַסאַליאַנער, אַנהענגער פון אַ כופרישער סעקטע (און נישט אייננוויינער פון מאַסיליע!), אַז זיי מאַסקירן זייער געצנדינערישקייט אונטער אַ יידיש־קריסטלעכער מאַסקע און דערפאַר מאַקע רופן זיי זייערע טעמפּלען „פּראָסעוכאי“. עס איז קלאָר, אַז די מאַסאַליאַנער, מיט וועלכע עס פּאָלעמיזירט עפּיפאַנאָם, זיינען געווען אָנהענגער פון אַ יוהאַיזירנדיקן קולט, ענלעך, ווי די האַלב־פּראָזעליטן אין טאַנאַים, און דאָס וואָרט „פּראָסעוכע“ איז געקומען צו זיי פון יידן. פון יידן האָט זיך דאָס וואָרט אויך אַריינבאַקומען אין דער אַלט־קריסטלעכער ליטעראַטור. אַ יונג פאַרשטאָרבענע לענינגראַדער פילאָלאָגין ראָגנעדא ל. ערליך האָט אויפגעדעקט דעם טעות אין 1928 (דאָקלאַדי אַקאַדעמיי נאַוק, סעריאַ ב, ז׳ 124—127) און באַקרעפטיקט איר אַזאַ מין אופן די אויספירן פון איר לערער, דעמלט קאָרעספּאָנדענט־מיטגליד פון דער אַלפאַרבאַנדישער וויסנשאַפטס־אַקאַדעמיע פּראָפ. איוואַן אי. טאָלסטאָי (געשט. 1954), וועלכער האָט נאָך אין 1918 יאָר פאָרגעלייגט צו דערגענצן אין דער ערשטער שורה פון דער אויפשריפט די ווערטער „דעם העכסטן גאָט“. זיין מיינונג האָבן אָנגענומען אַ ריי פאָרשער, ווי ראָסטאָווצעוו, קאצעוואַלאָוו א״א, בעת פּראָפ. שלמה י. לוריא און פּאַטער פרעי מיינען, אַז די מחברים פון דער אויפשריפט האָבן געהאַט אין זין אַ יידישן בית־תפילה (לוריא, סופּלעמענטום עפּיגראַפיקום גרעקום, ב. III, 590. פרעי, קאָרפּוס אינסקריפּציאָנום יודאיקאַרום, ב. I, 682). מיט דעם וואָלט מען געקאָנט האַלטן די פראַגע פאַר אויסגעשעפּט, ווען נישט די פּרוּוון פון געוויסע רוסישע פאָרשער ארום 1953 אויפצולעבן לאַטישעווס אינטערפּרעטאַציע. אין זייער אַ דראַסטישער פאָרם איז אַזאַ פּרוּוו פאָרמולירט ביי פּראָפ. בלאַוואַטסקי. אַרויסטרעטנדיק מיט דער באַהויפּטונג, אַז די „פּראָסעוכע“, וואָס ווערט דערמאָנט אין דער אויפשריפט פון גאָרגיפּיע (זע אויבן נומ. 3), איז נישט קיין יידישע און פאַררופנדיק זיך דערביי אויף לאַטישעוון, האָט דער דאָזיקער מחבר געפונען אפילו פאַר נויטיק צוצוגעבן: „דער אומבאַהאָלפענער פּרוּוו פון ר. ל. ערליך אָפּצופרעגן די טעזע פון בכבודיקן רוסישן עפּיגראַפיסט רופט אַרויס פאַרוווּנדערונג מיט זיין נאַיוּוקייט און פאַרדינט אפילו נישט מען זאָל אים שענקען אויפמערקזאַמקייט“ (!). לשם אמת דאַרף מען צוגעבן, אַז דער

דאָזיקער „גאַיווער פּרווו“ איז געדרוקט געוואָרן אין אַקאַדעמישן זשורנאַל לויט דער רעקאָמענדאַציע פון אַקאַדעמיע־מיטגליד פּראָפ. ז ש ע ב י ע ל י ע וו, אויף וועמענס אַרבעטן פאַררופט זיך בלאַוואַטסקי ביי אַ צענדליק מאָל אין זיין ביכל וועגן ערד־אַרבעט אין די אַנטיקע מלוכות ביים צפון ברעג פון שוואַרצן ים (זיעמליעדיעליע וו אַנטיטשניך גאָסודאַרסטוואַך סיעווערנאָוואָ פּריטשערנאָמאָריאַ, מאָסקוואַ 1953), פון וואַנען עס שטאַמט דער אויבן ציטירטער פראַגמענט (ז׳ 190, הערה 5). ענלעכע פּרוון פון קאַנאָניזירן לאַטישעווס מיינונג אין דער פראַגע וועגן „פּראָסעוכע“ געפינען מיר איר די אַרטיקלען פון מ. באָלטענקאָ און א. באָלטונאָוואַ (וויעסטניק דריעווניעי איסטאָרי“ 1953, נומ. 4, ז׳ 134* און 1954, נומ. 1, ז׳ 168 — 169, הערה 5). אין דער וויסנשאַפטלעכער סאָוויעטישער ליטעראַטור האָבן זיך די דאָזיקע פּרוון צום גליק נישט אָנגענומען. אַזוי למשל באַהאַנדלט פּראָפ. וו. פּ. ג אַ י ד ו ק ע ו י ט ש אין זיין קורצער געשיכטע פון אָלביע די אויפשריפט וועגן דער „פּראָסעוכע“ אין אָלביע אויפן סמך פון טאָלסטאָיס און ערליכס אַרבעטן, איגנאָרירנדיק פולשטענדיק בלאַוואַטסקיס באַמערקונגען (אַנטיטשניע גאָראָדאַ סיעווערנאָוואָ פּריטשערנאָמאָריאַ, ז׳ 63, הערה 1).

## 2. דער פּראָסקאַרטערעס־תּנאַי אין די יידישע שקלאַפן־באַפרייונגען פון קרים

אין די דאָקומענטן וועגן שקלאַפן־באַפרייונגען (א. ג. מאַנומיסיעס) פון קרים וואָס האָבן אַ שייכות צו יידן, איז דער אינטערעסאַנטסטער אין רעליגיעז־היסטאָרישן זין און גלייכצייטיק דער שווערסטער אין זין פון פילאָלאָגישער אינטערפּרעטאַציע דער תּנאַי וועגן די פליכטן פון פרייגעלאָזענעם שקלאַף לגבי דעם בית־תּפילה (פּראָסעוכע). אין די אַנטשפּרעכנדע אויפשריפטן, געפונענע נאָך אין דער ערשטער העלפט פון XIX י״ה (זע אויבן נומ. 10 און 11), איז דער דאָזיקער תּנאַי פאָרמולירט אין גריכיש אַזוי: כ אָ ר י ס ע י ס ט ע ן פּ ר אָ ס ע ו כ ע ן ט ה אָ פּ י א ס ט ע ק א י פּ ר אָ ס ק א ר ט ע ר ע ס אָ ס. שוין די ערשטע אַרויסגעבער פון די אַקטן, ווי ב ע ק, ה ר כ ב י, און שפּעטער ל אַ ט י ש ע וו, האָבן אונטערגעשטראָכן דעם נישט סטאַנדאַרטלעכן כאַראַקטער פון דעם זאַץ, וואָס הייבט זיך אָן מיטן וואָרט „כאָרים“, ווייל דאָ טרעפט מען גריכישע ווערטער (טהאָפּעיא, פּראָסקאַר־

טערעסים) נישט אין זייער נאָרמאַלן באַדייט. צוליב דעם האָט מען קודם כל געמוזט פעסטשטעלן זייער אינהאַלט. ב ע ק האָט גענומען אין אַכט, אַז דאָס וואָרט „טהאָפּעיאַ“ אין די דאָזיקע אַקטן קאָן נישט באַדייטן חניפה (דער געוויינטלעכער זין איף גריכיש), נאָר גיכער „פאַרערונג“. שפּעטער האָט ד ע ר ע נ ב ו ר ג געבראַכט אַן אינטערעסאַנטע פאַראַלעל פון די סעמיטישע שפּראַכן, וואָס באַווייזט, אַז אַזאַ מין שפּראַכלעכער איבערגאַנג איז, בכלל גערעדט, מעגלעך. חניפה אין אַראַביש האָט באַקומען די באַדייטונג „פרומקייט“, דאָס הייסט אַ נייעם זין, וואָס איז דער פולער היפוך צום אַלט-סעמיטישן באַדייט. דעריבער האָט ד ע ר ע נ ב ו ר ג געהאַלטן, אַז אויך ביי די העלעניזירטע קרימער ייִדן האָט דאָס וואָרט „טהאָפּעיאַ“ געענדערט דעם באַדייט אויף „פאַרערונג“. דאָס צווייטע וואָרט „פּראָסקאַרטערעסיס“ איז פון אָנהייב געווען בכלל נישט פאַרשטענדלעך. ב ע ק האָט געפּרוווט פאַרבייטן דאָס נישט פאַרשטענדלעכע „פּראָסקאַרטערעסיס“*). מיט „פּראָסקאַטאַגטעסים“, אַ וואָרט, וואָס ער האָט אַליין געשאַפן פון צייט-וואָרט פון זעלבן שורש מיטן באַדייט „קומען, באַזוכן“. ערשט דער אַרויסגעבער פון דער אויפשריפט נומער 3 ס ט ע פ אַ נ י האָט אָנגעוויזן, אַז בעקס דערגענצונג איז נישט קיין ריכטיקע, ווייל אין דער אַלט-קריסטלעכער ליטעראַטור, ווו עס רעדט זיך וועגן ייִדישע בתי-תפילה (פּראָסעוכאַי), ווערט באַנוצט דאָס צייטוואָרט „פּראָסקאַרטערעין“ אין באַדייט „באַזוכן“, „פאַרערן“, „אויסדויערן“. אַזוי ווי מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט רעליגיעזע טעקסטן איז מען געווען איבערצייגט, אַז אויך אין די אַקטן וועגן שקלאַפן-באַפרייונג פון קרים איז די רייד וועגן „אויסדויער“ אָדער „טריישאַפט“ צום יהדות און דעריבער האָט מען איבערזעצט דעם תנאי אַלס רעליגיעז-עטישע התחייבות: „מיטן תנאי אָבער, אַז ער זאָל באַזוכן דעם בית-תפילה און שטענדיק זיין האַרט אָנגעוועזונגר“ (ה ר כ ב י), „מחוץ (דעם פליכט) צו באַזוכן די סינאַגאָגע לשם פרומקייט און צו זיין שטענדיק אָנגעוועזונגר“ (ל אַ ט י ש ע ו), „אחוץ די גאָטספאַרבטיקייט בנוגע דער סינאַגאָגע און איר רעגולערן באַזוך“ (ש י ר ע ר), „מיטן אויסנאַם פון דעם בית-תפילה, אין וועלכן זיי דאַרף זיך ווידמען דער עבודה און אויסדויער“ (דאַרעסט א“א), „מיטן אויסנאַם בנוגע דעם בית-תפילה,

* גענויע ליטעראַטור = אָנווייזונגען קאָן מען געפינען אין מיינע אַרבעטן ציטירטע אויף ז' 109.

לגבי וועלכן זיי זענען פאַרפליכטעט צו טריישאַפט און התמהה" (פרעי). די נייערע פאָרשונגען אויפן געביט פון דער אַלט=קריסטלעכער ליטעראַטור אין זין פון שפּראַכלעך=סטיליסטישע טראַדיציעס (*דעיסמאַן*) האָבן אויפגעדעקט אין די עוואַנגעליעס אַ ריי פאַלן, ווען דאָרט ווערן באַנוצט טערמינען, וועלכע מען פלעגט באַנוצן אין האַנדלס=דאָקומענטן און רעכטלעכע אַקטן באַקאַנט פון די גריכישע אויפשריפטן און פּאַפּירוסן, ווי אויך אויסדרוקן און ווערטלעך, וואָס שטאַמען אָפּ פון דער גריכישער פאָלקס=שפּראַך וכדומה. דעריבער מיין איך טאַקע, אַז דעם פּראָטאָטיפּ פון אויסדרוק „פּראָסקאַרטערען טע פּראָסעוכע" דאַרף מען זוכן אין דער גריכישער אומגאַנגס=שפּראַך און ספּעציעל אויפן געביט פון לעקסיקאַלן אוצר און פּראַזעאָלאָגיע, וואָס האָט געדינט צו באַצייכענען סאָציאַלע באַציאונגען צווישן שקלאַפן און זייערע באַלעבאַטים. עס איז באַקאַנט, אַז דער צייטוואָרט „פּראָסקאַרטערען" אַחוץ די מער אַלגעמיינערע באַדייטונגען „שטאַנדהאַפטיק פאָרזעצן", „זיין שטאַרק איבערגעגעבן, טריי" האָט אויך דעם זין „איפריק דינען", „זיין אין דינסט", ספּעציעל אין באַציאונג צו שקלאַפן, ווי מיר זעען דאָס פון דעמאָסטענעס רעדעס (59, 120). ווייטער קאָן מען מיינען, אַז גראָד אין די אַקטן וועגן שקלאַפן=באַפרייונג וואָלט מען געדאַרפט טרעפן דעם צייטוואָרט „פּראָסקאַרטערען" אין אָנגעוויזענעם זין. אין XIX י"ה זענען אָבער אַזעלכע אויפשריפטן נישט געווען באַקאַנט. ערשט אין 1928 האָט מען אין קערטש געפונען אַ מאַנומיסיע=אויפשריפט (זע אויבן נומ. 13), אין וועלכער אָנשטאָט דעם זאַץ=וואָרט „פּראָסקאַרטערעסים" פיגורירט דער צייטוואָרט „פּראָסקאַרטערען" אין אינפיניטיוו: *כאָריס טו פּראָסקאַרטערען טע פּראָסעוכע... קאַי טהעאָן סעבאָן*. זייער וויכטיק איז דער פאָלגנדער פּרט. אין דער אויפשריפט שטייט דער פּראָסקאַרטערעסים=תנאי, ווי אין די אויפשריפטן פון קערטש געפונען אין XIX י"ה, האַרט פאַר דעם זאַץ, אין וועלכן עס איז די רייד וועגן דעם פּאַטראָנאַט פון דער ייִדישער קהילה און ערשט נאָך דעם אין סאַמע סוף פון דער אויפשריפט זענען צוגעשריבן די ווערטער „קאַי טהעאָן סעבאָן" (און פאַרערנדיק גאָט). ביים פאַרגלייכן די אויפשריפט מיט די געפונענע נאָך אין פאָריקן י"ה וואַרפט זיך גלייך אין די אויגן, אַז דער פּראָסקאַרטערעסים=תנאי און דער נייער אויפשריפט שליסט נישט איין די פאַרשריפט וועגן „טהאָפּעיאַ". פון דעם דרינגט אַרויס, אַז די ווערטער „קאַי טהעאָן סעבאָן", וועלכע גיבן איבער גענוי דעם אינהאַלט פון „טהאָפּעיאַ", האָ=

מען געהאַלטן אויף אַזוי פיל וויכטיק, אַז מען האָט זיי צוגעשריבן נאָך דער
פאָרמולע וועגן אַפּוטרופּסות פון דער עדה, ווען די אויפשריפט איז שוין
געווען פאַרטיק. דאָס איז דער בעסטער באַווייז, אַז די באַגריפן „טהאָ=
פּעיא" און „פּראָסקאַרטערעסיס" זענען נישט קיין איבערחזרונג און מען
טאָר נישט, ווי ד ע י ס מ אַ ן, באַטראַכטן זיי פאַר אַ מין הענדיאַ=
דיס=קאָנסטרוקציע, וווּ איין באַגריף איז אויסגעדריקט דורך צוויי פאַר=
שיידענע זאַכווערטער, וועלכע זענען צווישן זיך אַטריבוטיוו פאַרבונדן (פגל'
זיין איבערזעצונג פון דעם פּראָסקאַרטערעסיס=תנאי: „מיטן באַדינג פון
אַ ערפולער אָנגעשלאָסנקייט אָן דעם בית=תפילה"). אַחוץ דעם באַשטע=
טיקט די נייע אויפשריפט פולשטענדיק דעם באַדייט פון „טהאָפּעיא" אַלס
„פאַרערונג", ווייל אַנשטאָט דעם דאָזיקן וואָרט גיט זי דעם אויסדרוק
„פאַרערנדיק גאָט". אַזוי אַרום באַדייט „טהאָפּעיא עים טען פּראָסעוכען"
— פאַרערונג בנוגע דעם בית=תפילה. אין דעם תנאי, מיט אַנדערע ווער=
טער, איז אויסגעדריקט די התחייבות פאַרן געוועזענעם שקלאַף אָפּצוהיטן
דאָס יהדות, דאָס הייסט זיך צו מגייר זיין. דערביי קאָן מען פאַרשטיין
דעם טעכנישן אויסדרוק „טהעאָן סעבאָן" אין דעם זין, אַז דער פרייגע=
לאָזענער ווערט אַ האַלבער גר (אַ „גאָטספאַרכטיקער" — ס ע ב אָ מ אָ=
ג אָ ס אויף גריכיש), אָבער דאָס איז נישט זיכער. די אַנאָנימע באַציי=
כענונג פון גאָט איז ווי באַקאַנט, אַ יידישער שטריך. ווי איז צו פאַר=
שטיין „פּראָסקאַרטערעסיס"? צי איז דאָס בלויז אַ פּרט, וואָס דעטאַלי=
זירט די הויפּט=פאָדערונג וועגן איבערגאַנג צום יידישן גלויבן (פלייסיקע
באַזוכונג פון בית=תפילה)? צי טאַקע אַ צוגאָב=תנאי וועגן ספּעציעלער
דינסט לטובת דער יידישער פּראָסעוכע, איך מיין, אַז „פּראָסקאַרטערע=
סיס" באַדייט דאָ דינסט=התחייבותן לטובת דעם בית=תפילה. עס איז באַ=
קאַנט, אַז אין אַלטערטום האָבן יידישע בתי=תפילה פאַרמאָגט אייגענע
סעדער, גאָרטנס, פעלצער און מסתמא פעלדער. אַזעלכע ידיעות פאַרמאָגן
מיר, למשל, פון טעבטוניס אין מצרים, פון רוים א"א. אויב גריכן האָבן
געקאָנט מתחייב זיין באַפרייטע שקלאַפן צו באַדינען זייערע טעמפּלען
(עפּעס אַזוינס איז באַקאַנט פון מאַנומיסיע=אויפשריפטן פון אינדזל קאָס,
פון לעבאַדעא, פון שושן הבירה און דער סעלעוציידן=תקופה), טאָ פאַר=
וואָס קאָן מען נישט פּאָסטולירן די השערה, אַז די יידישע בתי=תפילה אין
קרים האָבן אויך אָנגעווענדט אַזעלכע מין פאָרמען פון שאַפן זיך אַר=
בעטס=הענט? צו די אויספירן בין איך געקומען אין אַן אַרטיקל אָפּגע=
דרוקט אין „וויעסטניק דרעווניעי איסטאָריי", נומ. 1 פאַר 1948 יאָר.

מיט אַ פּאָלעמיק קעגן מיין אינטערפּרעטאַציע איז אַרויסגעטראָטן פּראָפ. וויקטאָר פּ. גאַידוקעוויטש אין זיין בוך „באָספּאָרסקאָע צאַרסטוואָ“ (אַקאַדעמיע-פאַרלאַג, מאָסקווע-לענינגראַד 1949, ז׳ 545 — 546), ער זעט אין „פּראָסקאַרטערעסים“ בלויז אַ פאָדערונג צו באַזוכן רעגולער דעם בית-תפילה, כדי באַטייליקן זיך אין יידישן קולט. ער גייט דערביי אַרוים פון דער מסכנא, אַז „פּראָסקאַרטערעסים“ קאָן נישט באַדייטן „דינען“ אָדער „שטענדיק בייזיין“ (און דינען), ווייל אין די אויפשריפטן נומ. 10 און 11 ווערט דייטלעך אונטערגעשטראָכן, אַז דער שקלאַף קאָן גיין, ווו ער וויל. אין דעם אויבן דערמאָנטן אַרטיקל האָב איך אויך געשריבן, אַז אין די אויפשריפטן קאָן נישט זיין קיין רייד וועגן דעם, אַז דער שקלאַף זאָל זיך שטענדיק געפינען ביים בית-תפילה. אָבער דאָס איז אַ טעות, וואָס באַזירט זיך אויף דער בוכשטעבלעכער אינטערפּרעטאַציע פון די טעקסטן און נעמט נישט אין אַכט די רעדאַקציאָנעלע און סטיליסטישע אייגנאַרטיקייט פון געוויסע גריכישע מאַנומיסיע-דאָקומענטן. ווי ס׳האָבן דערוויזן מיטעים און קאַשאַקער, קאָן מען צווישן די גריכישע מאַנומיסיע-דאָקומענטן, וועלכע אַנטהאַלטן באַוואָרענישן (תנאים) אויסטיילן צוויי מינים. אין ערשטן מין איז פון אָנהייב די רייד וועגן דעם, אַז דער שקלאַף באַקומט פולע פרייהייט, און דערנאָך ווערט דערמאָנט דער תנאי וועגן פּאַראַמאָנע (חוב צו לעבן און דינען ביים געוועזענעם באַלעבאָס נאָך דער באַפרייאונג), וואָס רוקט פאַקטיש אָפּ די פולע פרייהייט אויף אַ באַשטימטע צייט, געוויינטלעך ביזן טויט פון געוועזענעם באַלעבאָס. דערפאַר טאַקע ווערט אין מאַנומיסיע-אַקט ווייטער אונטערגעשטראָכן, אַז ערשט דאַן וועט דער שקלאַף זיין פולשטענדיק פריי. אין די אַקטן פון צווייטן מין ווערט דערקלערט, אַז דער שקלאַף באַקומט תיקף די פרייהייט, אָבער נאָכדעם ווערן אויסגערעכנט די באַגרענעצונגען און התחייבותן, וואָס דער געוועזענער באַלעבאָס האָט רעכט אָנצווואַרפן דעם פריינגעלאָזענעם שקלאַף. לויט מיין מיינונג דערמאָנט די רעדאַקציע פון די יידישע מאַנומיסיע-דאָקומענטן פון קרים טאַקע אָט די אָנגעוויזענע מינים גריכישע דאָקומענטן. אין נומ. 10 און 11 ווערט אין אָנהייב דערקלערט, אַז דער שקלאַף באַקומט פרייהייט תיקף ומיד, דערנאָך ווערט גענוי כאַראַקטעריזירט די פרייהייט פון באַוועגונג און ערשט שפּעטער ווערן אויסגערעכנט די התחייבותן לגבי דעם בית-תפילה. אמת, דער פאָרמולאַר פון דער אויפשריפט נומ. 11 איז מער קאָמפּליצירטער צוליבן תנאי וועגן פּאַראַמאָנע: פון אָנהויב שטייט די פרייהייטס-דערקלע-

רונג, דערנאָך דער פּאַראַמאָנע-תנאי, ערשט דאַן ווערט דערמאָנט די פרייהייט פון באַוועגונג און נאָך דעם די התחייבותן לגבי דעם בית-תפילה. אין זין פון דער פאָרמעל-יורידישער באַאַרבעטונג אונטערליגט נישט קיין צווייפל, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ סתירותדיקער רעדאַקציע, וואָס איז פאַרבונדן מיטן אַלגעמיין נידעריקן ניוואָ פון די גריכישע פּריוואַט-רעכטלעכע דאָקומענטן. דאָס וואָס איז אייניקע אַקטן (נומ. 13) זענען די פאָרמעלע סתירות אויסגעמיטן אַ דאַנק דעם, וואָס עס פיגורירט נישט דער זאַץ וועגן פולער פרייהייט, ענדערט נישט דעם אַלגעמיינעם בילד. גאָר פאַרקערט דאָס איז גיכער אַ וואָגיקע באַשטעטיקונג, אַז דעם פראָבקאַרמערעסים-תנאי האָט מען אויפגעפאַסט אַלס אַווירקלעכע און פולבאַרע באַגרענעצונג פון דער פרייהייט וואָס דער געוועזענער שקלאַף האָט באַקומען. פון דעם דרינגט אָן שום ספק, אַז ג אַ י ד ו ק ע ו י ט ש איז נישט גערעכט, ווען ער שרייבט, אַז „פראָסקאַרטערעסים" קאָן נישט באַדייטן „זיין ביים בית-תפילה", ווייל דאָס איז אין פולער סתירה מיט דער דערקלערונג וועגן פרייהייט פון באַוועגונג, וואָס ווערט געגעבן דעם שקלאַף. במילא פאַלן אָפּ אויך די איבעריקע קריטישע באַמערקונגען פון פראָפ. גאַידוקעוויטש. געניער האָב איך וועגן דעם געשריבן אין „וויעסטניק דריעווניעי איסטאָרי" נומ. 1 פאַר 1958 יאָר. אַזוי אַרום קומען מיר צום אויספיר, אַז דער פראָסקאַרטערעסים-תנאי אַנטהאַלט צוויי פאָדערונגען: איבערגאַנג צום יהדות און דינסט לטובת דעם בית-תפילה.

## 3. די נייַ פאַרעפנטלעכטע שקלאַפן-באַפרייונג פון אנאַפע

די מאָסקווער אַרכעאָלאָגין ט. ו. ב ל אַ ו אַ ט ס ק אַ י אַ האָט פאַרעפנטלעכט אין דער צייטשריפט „סאָוויעטסקאַיאַ אַרכעאָלאָגיאַ" (ב. 28 פון 1958 יאָר) אַ מאַנומיסיע-אויפשריפט פון אנאַפער מוזיי, וואָס איך מאַן פראָפ. בלאַוואַטסקי האָט אָפּגעקאָפּירט איז הערבסט 1940 אין אַנאַפע. די קאָפּיע איז געמאַכט געוואָרן גאָר פּשוט מיט דער הילף פון אַ בלייפעדער און אַ בלעטל פּאַפּיר. בלאַוואַטסקי האָט אייגנטלעך פאַרשריבן נאָר דעם אינהאַלט פון דער אויפשריפט אין געדרוקטע אותיות, נישט אָנגעווייזדיק גענוי די גרויס פון שטיין (אַן ערך 0,5 מ.), נישט דעם מין (מאַרמאָר אָדער ענלעכער צום מאַרמאָר קאַלך-שטיין), נישט די גרויס פון די אותיות, שוין נישט רעדנדיק וועגן אַראָפּנעמען אַ גענויע קאָפּיע מיט דער הילף פון אַן עסטאַמפּאַזש-אָפּדרוק אָדער פאָטאָגראַפיע, ווי עס איז אָנגע-

נומען אין דער עפּיגראַפֿישער טעכניק. אַזוי ווי בעת דער לעצטער מלחמה איז דער שטיין צוזאַמען מיט אַנדערע עקספּאָנאַטן פֿון מוזיי פֿאַרלוירן געגאַנגען, איז נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה, ווי אַרויסצוגעבן די אויפֿשריפֿט אויפֿן סמך פֿון דער דערמאָנטער קאָפּיע פֿון פּראָפֿ. בלאַוואַטסקי.

דער גריכישער טעקסט פֿון דער אויפֿשריפֿט ציילט 15 שורות, וועלכע זענען אין מיטן, הויפּטזעכלעך אין די שורות 7 — 9 שטאַרק אָפּגעמעקט. דער טעקסט לייענט זיך אַזוי:

„דעם העכסטן, אַלמעכטיקסטן געבענטשטן גאָט (אַ נדר). בעת דער הערשאַפֿט פֿון מלך רהעסקופּאָריס דעם פֿריינד פֿון קיסר און דעם פֿריינד פֿון די רוימער, דעם פֿרומען אין 364 יאָר, אין חודש דאיסיאָס... איך נעאָקלעס דער זון פֿון אַטהענאָדאָראָס (באַפֿריי?)... אויף זעוסן, גאיען און העליאָסן.... מיין קינדרס? . . . . . . . מיט דער הסכמה פֿון מיין פֿאָטער אַטהענאָדאָראָס דעם זון פֿון אַטהכאַס, כדי זיי זאָלן זיין אומבאַרירלעך און נישט באַליידיקט מצד יעטוועדן יורש מיינעם. זאָלן זיי זיך געפֿינען, ווו זיי ווילן, אויפֿן סמך פֿון געזעץ און זייענדיק באַפֿרייט דורך מיר“.

דער מיטן און סוף פֿון דער אויפֿשריפֿט זענען נישט אינגאַנצן קלאָר. די אַרויסגעבערין פֿון דער אויפֿשריפֿט דערגענצט וואַרשיינלעך נאָך די שורה: א פ י ע מ י   ע ל ע ו ט ה ע ר ו ס (איך לאָז פֿריי). פֿאַר די שורות 7 — 9 לייגט זי פֿאָר דריי דערקלערונגען, אונטערשטרייכנדיק גלייכצייטיק זייער היפּאָטעטישן כאַראַקטער. עס איז כדאי אָפּצושטעלן זיך אויף זיי, כדי צו פֿאַרשטיין בעסער די קאָמענטאַרן פֿון דער אַרויסגעבערין. בלאַוואַטסקאַיאַ זוכט אַ שטיץ־פּונקט אין פֿילאָלאָגישן אַנאַליז פֿון וואָרט „טראָפֿע“. אויב פֿאַרשטיין אונטער „טראָפֿע“ די באַדייטונג „מיטדערצויגלינג“, „קינד“, לייגט זי פֿאָר אַזאַ מין דערגענצונג: „די ברידער פֿון מיין מילך־שוועסטער (נאָמען) אַזאַ מין און אַזאַ מין (נעמען)“. די דורכשניטלעכע לענג פֿון די שורות אין דער אויפֿשריפֿט באַטרעפֿט אין מיטלן טייל 27 — 30 אותיות, דאָס הייסט אַז אין די שורות 9 — 10 וואָלטן די דריי אומבאַוווסטע נעמען געדאַרפֿט פֿאַרנעמען ביי אַ פֿופֿציק אותיות, אַראָפּרעכענענדיק דריי בוכשטאַבן, וועלכע לייענען זיך אין אָנהייב פֿון דער 9־טער שורה, און צום סוף פֿון דער צענטער, וואָס זענען דערגענצט אָבער מיט דער פֿולער זיכערקייט, ווי אויך די הילפֿס־ווערטער (צוויי מאָל דעם אַרטיקל „מאָן“ און דעם בינד־וואָרט

„קאי“). אָבער דאָס איז אוממעגלעך, ווייל אַזעלכע לאַנגע נעמען זענען אין גריכיש אומבאַקאַנט און אויך צווישן די אָרטיקע „באַרבאַרישע“ נע־מען פון די איינוווינער פון די גריכישע קאָלאָניעס אין קרים אין אַלטער־טום זענען נעמען געשריבן מער ווי מיט 13 אותיות זייער זעלטן. נישט אַ סך איבערצייגנדיקער איז דער פאָרשלאַג פון דער אַרויסגעבערין צו אינטערפּרעטירן „טראַפּע“ ווי „דערציונג“ און דערגענצן: „נאָך דער פאַר־ענדיקונג פון מיין דערציונג (מיינע מילך־ברידער אַזאַ מין און אַזאַ מין)“. דאָס וואָלט באַדייט, אַז דער מחבר פון דעם אויפשריפט איז מינדעריעריק און דעריבער נויטיקט ער זיך אין דער צושטימונג פון פאָטער. עס איז אָבער וואַרשיינלעכער, אַז דער שקלאַפן־איינגטימער איז שוין אַ פולבאַ־רעכטיקטע יורידישע פּערזאָן, וואָס נויטיקט זיך נישט אין קיין רעכטלעכן אפּוטרופּוס און די צושטימונג פון פאָטער איז דער רעזולטאַט, וואָס די שקלאַפן זענען זייער געמיינזאַמער אייגנטום. אַלנפאַלס איז קלאָר, אַז אין די שורות 7 — 9 זענען געווען אָנגעשריבן די ווערטער „מיינע שקלאַפן“ און זייער נעמען און מעגלעך אויך די באַצייכענונג פון אָרט, ווו עס קומט פאָר דער מאַנומיסיע־אַקט, למשל, „ביי דעם בית־תפילה (עפּי טעם פראָ־סעיכעם). די שורות 8 — 9 האָבן געקאָנט האָבן אַזאַ מין אויסזען: ט ו כ צ מ ו ס ט ה ר ע פ ט ו ס.................ע פ י ט ע ס פ ר אָ־ס ע ו כ ע ס, ס י נ ע פ י, ווו — פעס איז דער שלוסזילב פון וואָרט „טראָפּע“ אין גענעטיוו און סינעפּי — דער אָנהויב פון אַאָריסט־פּאַרטיציפּ „סינעפּינעוסאַנטאָס“ (אויך אין גענעטיוו). אַזוי אַרום האָבן מיר דאָ ביי פּערציק אותיות אין די ביידע שורות, די איבעריקע 16 ביז 20 (אַרויסגייענדיק פון דער צאָל 27—30 אין איין שורה) זיינען פול־שטענדיק גענוג פאַר די נעמען פון די שקלאַפן, וועלכע וואָלטן באַדאַרפט שטיין אין טעקסט נאָכן וואָרט „טהרעפּטוס“. די וואַרשיינלעכקייט פון דער פאָרגעלייגטער דאָ רעקאָנסטרוקציע ווערט אין אַ געוויסער מאָס פאַר־מינערט פון דעם פרט, וואָס געוויינטלעך געפינט זיך די באַצייכענונג פון אָרט, ווו ס'קומט פאָר דער באַפרייאונגס־אַקט (פּראָסעוכע), אין די באָס־פּאָראַנישע אויפשריפטן גלייך נאָכן צייטוואָרט „איך באַפריי“ אָדער בשכנות. עס קאָן אָבער גרייכער זיין, אַז די באַצייכענונג פון דער פּראָסעו־כע איז געשטאַנען אין דער אויפשריפט פריער, גלייך נאָך דער שבועה אויף הימל, ערד און זון (זעוס, גאַיע, העליאָס) און אַז די ווערטער „מי־טראָפּעס“ האָט דער קאָפּיסט פאַרשריבן נישט אויפן ריכטיקן אָרט, אָנ־הויבנדיק פון סוף פון דער 7־טער שורה אָנשטאָט דעם מיטן פון דער אַכ־

מער. אויב אָבער מיר דערלאָזן, אַז דער מחבר פון דער קאָפּיע האָט זיך
דאָ בכלל טועה געווען (ענלעך ווי אין שורה 2, וווּ ער האָט אַנגענומען
דעם אות „לאַמבדאַ“ פאַר אַ „דעלטאַ“, ווי אין שורה 3, וווּ ער האָט
איבערגעלייענט אַן „עפּסילאָן“ אָנשטאָט „קסי“, ווי אין שורה 15, וווּ ער
האָט מסתמא דורכגעלאָזט אַ „ראָ“) קאָן מען באַהויפּטן, אַז אפשר
אין דער שרייבאַרט „טראָפּעס“ פשוט אַ גרייז אָנשטאָט „פּראָ(סע)כעס“
און — מו איז דער ענדזילב פון אַן איינגעשאַפּטסוואָרט מיט צוויי ענדונ⸗
גען? דעם נאָמען אטהכאס אין דער 10⸗טער שורה איז דער נאָמען פון
זיידן פון שקלאַפן⸗באַפרייער. די אַרויסגעבערין רעקאָנסטרואירט דעם נאָ⸗
מען אַלס אַמה(ענ)אַ(יאָס). עס קאָן אָבער זיין, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן
מיט אַ נישט⸗גריכישן נאָמען אטהכאס. צווייזילביקע „באַרבאַרישע“ נעמען
טרעפן זיך גאַנץ אָפט אין די איפּשריפטן פון גאָרגיפּיע, ווי למשל: קאָ⸗
נאָס, טהעקאס, פּאַבאַס, סאָגאָס. אין דער שורה 15 גיט די קאָפּיע באַנוצט
דורך דער אַרויסגעבערין אַ וואָרט קעלעוטהעאָטהענאי, וועלכן מען גע⸗
פינט נישט אין גריכיש. דעריבער לייגט פאָר די אַרויסגעבערין צו לייענען
קעלעוסטהענאי — פּאַסיווער אינפיניטיוו פון אַאָריסט I פון צייטוואָרט
״קעלעואָ“ מיטן באַדייט „באַפוילן“. זי ווייזט גלייכצייטיק אָן, אַז אַזוי ווי
די אינפיניטיוו⸗פאָרם פּאַסט זיך נישט אַריין אין דער גראַמאַטישער קאָנ⸗
סטרוקציע פון טעקסט, דאַרף מען איר פאַרבייטן דורך דער פּאַרטיציפּ⸗
פאָרם קעלעוסטהען, וועלכע באַציט זיך צום וואָרט „טאָ קיריאָן“ (גע⸗
זעץ). אויף דעם סמך איבערזעצט זי: „אין הסכם מיט דער געזעצלעכער
דעצייזיע, וואָס איך האָב איינגעשטעלט“ (טאָ קיריאָן קעלעוסטהען הי⸗
פּ׳עמו). די רעקאָנסטרוקציע פון שורה 15 פאָרגעלייגט דורך ט. בלאָ⸗
וואַטסקאַיאַ איז אָבער נישט מעגלעך סיי פון פּאַלעאָגראַפישן, סיי פון
שפּראַכלעכן שטאַנדפּונקט. דער שטיינקריצער האָט זיך געקאָנט טועה זיין
און דורכלאָזן אַן אות אָדער אַ זילב, אָבער מיינען, אַז ער האָט געקאָנט
דורכלאָזן דעם אות ם און גלייכצייטיק איסקריצן איבעריקע פ י נ ף
אותיות (עאָט, אי), איז שווער זיך פאָרצושטעלן. עס לייגט זיך אויך
ווייניק אויפן שכל, אַז דער קריצער זאָל האָבן אָנגעשריבן אָנשטאָט אַ
פּאַרטיציפּ⸗פאָרם אַן אינפיניטיוו, וועלכער פּאַסט נישט אַריין אין קאָנ⸗
טעקסט און מאַכט זינלאָז אַ וויכטיקן יורידישן דאָקומענט. אין פאַל, אויב
מיר נעמען אָן די אַרויסגעבעריקס רעקאָנסטרוקציע „קעלעוסטהענאי“, באַ⸗
קומען מיר אַזאַ מין זאַץ: „זאָלן זיי זיך געפינען, וווּ זיי ווילן, אויפן סמך
פון געזעץ (רעכט) צו באַקומען פון מיר אַ באַפוילונג“?! אין שייכות

מיט דעם מיין איך, אַז גערעכט איז פּראָפּ. לוריא, וועלכער לייגט פֿאָר צו לייענען אין שורה 15 ק'עלעוטהע(ר)אָטהענאַי, ד. ה. קיקאַי („און") + אינפֿיניטיוו אין פּאַסיוון אַאָריסט פֿון צייטוואָרט „עלעוטהעראָאָ" (איך באַפֿריי). די דאָזיקע רעקאָנסטרוקציע איז זייער וואַרשיינלעך, ווייל זי באַזירט זיך אינגאַנצן אויף איין דורכגעלאָזענעם אות „רהאָ" און גיט אַ גוטן זין ביים אינטערפּרעטירן דעם לעצטן זאַץ פֿון דער אויפֿשריפֿט: „זאָלן זיי זיך ווענדן, וווּ זיי ווילן, אויסער פֿון געזעץ, און זיין באַפֿרייט דורך מיר". מיר גייען איבער צום פֿאָרמעל־יורידישן אַנאַליז פֿון דער אויפֿשריפֿט.

די אויפֿשריפֿט באַשטייט פֿון פֿאָלגנדע פֿאָרמעל־רעדאַקציאָנעלע טיילן: ווענדונג צום העכסטן גאָט, גענויע דאַטע, פֿרייהייטס־דערקלערונג, שבועה אויף זעוס, גאַיע און העליאָס, הסכמה פֿון פֿאָטער, גאַראַנטיע מצד די יורשים, די פֿרייהייט פֿון באַוועגונג. אין הינזיכט פֿון פֿאָרמוליאַר איז די גייע אויפֿשריפֿט זייער נאָענט צו דעם מאַנומיסיע־דאָקומענט נומ. 3, וועלכן מיר האָבן באַהאַנדלט אויבן (זע ז' 35) די עפּיטעטן ווייזן אָן שום ספק אַז אויפֿן יידישן גאָט. אמת, די אַרויסגעבערין קומט צו גאָר אַ הויפּטזיכן אויספֿיר, ההיינו, אַז דער „העכסטער" גאָט אין דער אויפֿשריפֿט געהערט צום גריכישן פּאַנטעאָן און „זיין קולט דאַרף מען אַוועקשטעלן אין איין ריי מיט די מיסטישע קולטן פֿון די באַקאַנטע און נאָמענלאָזע געטער, וועלכע זיינען געווען זייער פֿאַרשפּרייט אין דער העלעניסטישער וועלט". לאָמיר זען אויף וואָס שטיצט זיך די אַרויסגעבערין, ווען זי קומט צו אַזאַ מין אויספֿיר. זי ווייזט אָן אויף פֿאָלגנדיקע מאָמענטן: 1) די ווענדונג צום „העכסטן" גאָט און די שבועה אויף גריכישע געטער באַשטעטיקן דעם סינקרעטישן (גריכיש־אָריענטאַלישן) כאַראַקטער פֿון דעם קולט. 2) די נעמען פֿון גריכישע געטער, די גריכישע נעמען פֿון די שקלאַפֿן־אייגנטימער און דאָס פֿעלן פֿון אָנווייזונגען אויף דער יידישער סינאַגאָגע באַשטעטיקן דעם ריין־גריכישן כאַראַקטער פֿון דעם מאַנומיסיע־אַקט. 3) דער קולט פֿון באָספּאָראַנישן „העכסטן" גאָט איז געווען ענג פֿאַרבונדן מיטן קולט פֿון זעוסן און פֿון אַנדערע גריכישע געטער, ווי עס איז צו דרינגען פֿון פּריי פּראָפּ. ט. נ. ק נ י פּ אָ וו י ט ש' ס באַאָבאַכטונגען וועגן די אויפֿשריפֿטן פֿון די „פֿאַרערער" פֿון העכסטן גאָט אין טאַנאַיס.

די ערשטע באַהויפּטונג פֿון דער אַרויסגעבערין שטיצט זיך אָבער נישט אויף פֿאַקטן נאָר אויף פֿאַלשע פּרעזומפּציעס. די ווענדונג צום „העכסטן" גאָט, אויב מיר ווילן זיך רעכענען מיט פֿילאָלאָגישע אַרגו־

מעגמען, באַדייט נאָר דעם יידישן גאָט. נישט קאַלדעריגי און נאָדעל האָבן דאָס אויסגעטראַכט, ווי עס דוכט זיך דער אַרויסגעבערין, נאָר דאָס דרינגט אַרויס פון די רייכע קוועלן־באַווייזן, וואָס ס'האָט צונויפגעזאַמלט שירער אין זיין אַרבעט וועגן די יידן אין באָספּאָראַנישן קיניגרייך. דעריבער קאָנען מיר נישט מסכים זיין מיט דער מיינונג פון די פאָרשער, וועלכע האַלטן אַז דער עפּיטעט „היפּסיסטאָס" (העכסטער) האָט אַזוי צו זאָגן אַ פּרי־וואַטן אָדער אינטימען כאַראַקטער, ענלעך ווי די עפּיטעטן „גערעכטער" און „הייליקער" (פגל' די אַרבעט פון ראָבערטס־סקיט־נאָק אין „האַרוואַרד טעאָלאָדזשיקל ריוויו", ב. 29, נומ. 1, יאַנואַר 1936) אין געווייסע אויפ־שריפטן פון אַ דורכאויס פּריוואַטן כאַראַקטער. אין די אויפשריפטן פון טאַנאַיס האָבן מיר אָבער צו טאָן מיט אַן אָפיציעלע באַצייכענונג פון גאָט וואָס אונטערשטרייכן אויך ראָבערטס, סקיט און נאָק. ווייטער ביי די יידן אין דער גריכיש־רוימישער וועלט איז „היפּסיסטאָס" געווען די נאָרמאַלע באַצייכענונג פון יהוה און דעריבער איז קניפּאָוויטש'ס באַמערקונג וועגן דעם, אַז אַ נאָמען אָדער אַן עפּיטעט קאָן נישט דינען אַלס אָנשפּאַר פאַר דער אידענטיפיצירונג פון קולטן, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אין פאַרשיי־דענע געביטן, פּשוט אַ תירוץ, כדי זיך אַרויסצוציען פון דער גאַנצער דיס־קוסיע. און אויב די אַרויסגעבערין פון דער אַנאַפּער מאָנומיסיע כאַפּט זיך אָן מיט ביידע הענט אין דער דאָזיקער אַרגומענטאַציע, וועלכע גייט אָפּ מיט אַ ביטול־באַציאונג צום פילאָלאָגישן אַנאַליז, איז דאָס אוודאי אַ כאַ־ראַקטעריסטישער פּרט. איך רייד שוין נישט וועגן דעם, אַז אויב מיר וואַרפן אָפּ דעם לינגוויסטישן אַנאַליז, טאָ וואָס בלייבט דעמלט איבער? בלויז די אָרנאַמענטן און צייכענונגען, וועלכע באַצירן די אויפשריפטן און וועלכע דאַרפן דינען אַלס באַווייז פון זייער נישט־יידישן כאַראַקטער? אַזוי האַלט טאַקע פּראָפ. קניפּאָוויטש און כאָטש זי איז נישט גערעכט (זע אונטן) איז דאָס לכל הפּחות אַ קאָנסעקווענטע שטעלונג. די אַרויסגעבערין פון אונדזער אויפשריפט האַנדלט אָבער אַנדערש. זי וואַרפט אָפּ דעם פי־לאָלאָגישן אַנאַליז נאָר דאַן, ווען זיינע אויספירן זענען איר נישט אויפן האַנט. אָבער ווען עס איז איר נויטיק, אָפּערירט זי אַליין מיט פילאָלאָגישע און פּסעוודאָ־פילאָלאָגישע אַרגומענטן. אַזוי האַלט זי, אַז די שבועה אויף די דריי געטער (גריכישע) איז אַ באַווייז, אַז דער קולט פון „העכסטן" גאָט האָט געטראָגן אַ סינקרעטישן כאַראַקטער. זי מאַכט אָבער נישט קיינע באַמיאונגען צו דערקלערן דעם פאַקט, פאַרוואָס האָבן יידן אין אַלטער־טום געשוואוירן אויף זעוסן (הימל), און צו אָפּלייקענען וויסנשאַפטלעך

קאַלדערינים אַרגומענטאַציע, וועלכע בלייבט דעריבער אין קראַפט. קאַלדעריני האָט געהאַלטן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן אויסדרוק, ריכטיקער מיט אַ מאַנומיסיע־פאָרמולע, וועלכע האָט אין די ערשטע יאָרהונדערטער פון דער נייער צייט־רעכענונג פאַרלוירן איר קאָנקרעטן אינהאַלט און פאַרבליבן בלויז אַלס פראַזעאָלאָגישער אויסדרוק (קאַלדעריני. לאַ מאַנאָמיסיאָנע ע לאַ קאָנדיציאָנע דעי ליבערטי אין גרעטשיא, מילאַן 1908, ז' 418).

די צווייטע באַהויפּטונג פון דער אַרויסגעבערין פאַלט טיילווייז אָפּ שוין צוליב דער ערשטער. דער גריכישער כאַראַקטער פון די געטער איז נישט דערוויזן אין אונדזער פאַל. „היפּסיסטאָס" איז נישט קיין סינקרעטישער אָדער גריכישער גאָט און די שבועה אויף זעוס, גאַיע און העליאָס (הימל, ערד און זון) איז נישט קיין מניעה צו האַלטן די מחברים פון דער אויפשריפט פאַר אָנהענגער פון יידישן גלויבן, נישט אַריינגייענדיק דערווייל אין אַ חקירה, צי זענען דאָס געווען יידן צי יידישע פּראָזעליטן. דאָס זעלבע דאַרף מען צוגעבן וועגן די גריכישע נעמען פון די שקלאַפן־אייגנטימער. אין דער אַנטיקער תקופה אין אייראָפּע און נישט נאָר דאָ האָבן יידן געטראָגן הויפּטזעכלעך גריכישע נעמען. וואָס איז שייך דאָס פעלן פון וועלכע נישט איז אָנווייזונגען אויף דעם בית־תפילה, קאָן מען עס דערקלערן אויף אַ צווייפאַכן אופן, אָדער אָננעמענדיק, אַז אין אָפּגעמעקטן טייל פון דער אויפשריפט אין גראָד יאָ געווען די רייד וועגן אַ בית־תפילה (פגל' אויבן אונדזערע דערגענצונגען), אָדער אַז די אויפשריפט איז געווען רעדאַגירט אין דער זעלבער פאָרם ווי די אויפשריפט נום. 4 פון ־ רגיפּיע. בכלל גערעדט, דערמאָנט די רעדאַקציע פון אונדזער אויפשריפט גיכער די גאָרגיפּיער שקלאַפן־באַפרייאונגען (די ווענדונג צום „העכסטן" גאָט, די שבועה אויף הימל, ערד און זון) פון די יידישע פּראָזעליטן, איידער די יידישע אָדער גריכישע פון פאַנטיקאַפּאַיאָן און טעמריוק.

די דריטע באַהויפּטונג פון דער אַרויסגעבערין האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן פאַר נישט איבערצייגעוודיק אין ליכט פון נייע אַרכעאָלאָגישע מאַטעריאַלן (זע ז' 104). אגב אויף דעם אָדלער־אָרנאַמענט האָט נאָך אַ סך פריער איידער קניפאָוויטש אָנגעוויזן ע. שירער.

אַזוי אַרום איז די נייע אויפשריפט פון אנאַפּע נישט קיין אָפּלייקענונג פון יידישן כאַראַקטער פון קולט פון „העכסטן" גאָט אין דער באָספּאָראַ־

בישער מדינה, ווי עס באַהויפּטעט די אַרויסגעבערין, נאָר אַ ווײַטערדיקע
באַשטעטיקונג פון דעם קולט און פון זיינע איינפלוסן אין די קאַנטן.

## 4. אַ נייע ארבעט וועגן די יודאַיזאַנטן אין טאַנאַים

אין זשורנאַל פון דראָפּסי־קאָלעדזש פאַר 1957 האָט פּראָפ. ג ־
ד ע נ א ף פון אוניווערסיטעט יעיל — אַ באַדייטנדיקער פאָרשער
אויפן געביט פון רעליגיע פון דער יידיש־העלעניסטישער תקופה — פאַר־
עפנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן די טאַנאַיסער אויפשריפטן געווידמעט דעם
קולט פון „העכסטן" גאָט, אין וועלכן ער קאָרעגירט שירערס מיינונג, אַז
מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ סינקרעטיישן יידיש־גריכישן קולט. גודענאף
ווייזט מיט רעכט אָן, אַז די בילדער פון אָדלערס, וועלכע געפינען זיך אויף
די אויפשריפטן, קאָן מען נישט באַטראַכטן אַלס רודימענטן פון זעוסעס
קולט, ווי שירער האָט געמיינט (דאָס הזרן איבער נאָך היינט אַ רײ פאָר־
שער, פגל' אויבן אונדזער פּאָלעמיק מיט קיפּאָוויטש און בלאַוואַטסקאַ־
יאַ). אַ גאַנצע רײ אַרכעאָלאָגישע מאַטעריאַלן געפונענע אין ארץ־ישראל
אין די בתי־תפילה פון כפר נחום און יפו א"אַ ערטער באַווייזן, אַז אין
דער סאַקראַלער פּלאַסטישער קונסט ביי יידן אין דער העלעניסטישער
תקופה טרעפט מען גאַנץ אָפט אָדלער־בילדער און דאָס קאָן נישט זיין קיין
מניע צו זען אין דעם באָספּאָראַנישן „העכסטן" גאָט יהוהן. צו ענלעכע
אויספירן קומט גודענאף בנוגע די שבועה אויף הימל, ערד און זון, בנוגע
די ווענדונג צו דער געטין טיכע און דעם אַמט פון פּריסטער (כהן), וועל־
כע פיגורירן אין די אויפשריפטן פון טאַנאַיס און גאָרגיפּיע. דער אַלגע־
מיינער אויספיר פון פּראָפ. גודענאף איז אַזאַ: דער קולט פון „העכסטן"
גאָט אין דער באָספּאָראַנישער מדינה איז געווען אַ  י י ד י ש ע ר  און
נישט קיין סינקרעטישער אָדער האַלב־יידישער. דעם לייענער פון דעם דאָ־
זיקן ספר וועט נישט זיין שווער זיך צו איבערצייגן, אַז צו דעם זעלבן
אויספיר זענען מיר געקומען אומאָפּהענגיק פון חשובן אַמעריקאַנער פאָר־
שער, און אפשר וועט מען עס באַטראַכטן פאַר אַ צוגאָב־אַרגומענט לטובת
אונדזער באַהאַנדלונג פון דער דאָזיקער פראַגע.

אין באַצוג צו גודענאַפס אַרטיקל מוז מען באַמערקן, אַז די נייע לי־
טעראַטור אין רוסיש וועגן די רעליגיעזע חברות אין טאַנאַיס (נאָוואָסאַר־
סקי, זשעבעליעוו, קניפּאָוויטש) איז אים געבליבן אומבאַקאַנט און דערי־
בער פּאָלעמיזירט ער נישט מיט די מיינונגען, וואָס זענען דאָרט פאָרמי־

לירט וועגן איינפלוסן פון די אַלט־קריסטלעכע סעקטעס א״א, וועלכע פאָ־
דערן אַ קריטישע באַהאַנדלונג. לײַדער איז גודענאָף אויך נישט באַהאַוונט
וועגן די נייע פאָרשונגען אויפן געביט פון די באָספאָראַנישע שקלאַפן־באַ־
פרייאונגען. דאָס פאַרמינערט אין אַ געוויסער מאָס די וויסנשאַפטלעכע
באַדייטונג פון גודענאָפ'ס אַרבעט, כאָטש אירע הויפט־אויספירן אַנט־
שפרעכן פולשטענדיק דער היסטאָרישער ווירקלעכקייט.

# 5. ביבליאָגראַפיע

צום קאַפּיטל I — II:

א. הרכבי. היהודים ושפת הסלוואים. ווילנא, 1867.

**A. Boeckh.** Corpus Inscriptionum Graecarum. II. Berolini, 1843.

**B. Latyschev.** Inscriptiones antiquae orae septentrionalis Ponti Euxini. I$^2$, II, IV. Petropoli, 1916 (2 ed.), 1890, 1901.

Epigraficzeskije nowosti iz Južnoj Rossii. „Izwiestija Imperatorskoj Archeołogiczeskoj Komissii", t. 27. St. Petersburg, 1908.

Nieizdannyje gorgippijskije nadpisi „Izwiestija Imperat. archeolog. Komissii", t. 37 St. Petersburg, 1910.

**J. Derenburg.** Les inscriptions grecques juives au Nord de la Mer Noire. „Journal Asiatique". VI serie, t. 11. Paris, 1868.

**S. Krauss.** Sklavenbefreiung in den jüdisch-griechischen Inschriften aus Südrussland. Festschrift zu Ehren des Dr. Harkavy. St. Petersburg, 1908.

Synagogale Altertümer. Berlin-Wien, 1922.

**E. Schürer.** Die Juden im Bosporanischen Reiche und die Genossenschaften der sebomenoi theon hypsiston ebendaselbst. „Sitzungsberichte der königlichen Preussischen Akademie der Wissenschaften". Berlin, 1897. Phil. — hist. Klasse.

צום קאַפּיטל III:

**D. A. Chwolson.** Sbornik jewrejskich nadpisiej. St. Petersburg, 1884.

**Hieronymi** opera. Patrologiae cursus completus ed. J. P. Migne. XXV. Paris, 1845.

**Josephi Flavii** Opera ed. Niese. Berolini, 1887—95.

**J. B. Frey.** Corpus Inscriptionum Judaicarum. Recueil des inscriptions juives, qui vont du III-e siècle avant Jésus-Christ au VII-e siècle de notre ère. I (Europe). Roma, 1936.

**Regesty i nadpisi.** Swod materiałow dla istorii jewrejew w Rossii. I. St. Petersburg, 1899.

**Th. Reinach.** Textes d'auteurs grecs et romains relatifs au judaisme. Paris, 1895.

**L. Fuchs.** Die Juden Aegyptens in ptolomäischer und römischer Zeit. Wien, 1924.

**W. F. Gajdukiewicz.** Bosporskoje carstwo. Moskwa-Leningrad, 1949. Istorija anticznych gorodow Siewiernogo Priczernomorja. Anticznyje goroda Siewiernogo Priczernomorja. I. Moskwa-Leningrad, 1955.

**J. A. Manandian.** Tigran II i Rim w nowom oswieszczenii po pierwoistocznikam. Erewan, 1943.

O torgowle i gorodach Armenii w swiazi s mirowoj torgowlej drewnich wremien. Erewan, 1954.

**E. H. Minns.** Scythians and Greeks. Cambridge, 1913. 1913.

**Oczerki istorii SSSR.** Pierwobytno-obszczynnyj stroj i drewniejszyje gosudarstwa. Pod red. N. P. Tretjakowa i A. L. Mongajta. Moskwa, 1956.

**M.Radin.** The Jews among the Greeks and Romans. Philadelphia, 1915.

**M. Rostovzeff.** Iranians and Greeks in South Russia. Oxford, 1922.

**E. Schürer.** Geschichte des judischen Volkes zur Zeitalter Jesu Christi. I—IV. 4 Aufl., Leipzig, 1907—1909.

צום קאַפּיטל IV:

זע אויבן די פּובליקאַציעס פון לאַטישעוו און פּרעי.

**J. J. Marti.** Nowyje epigraficzeskije pamiatniki Bospora. „Izwiestija Gosud. Akademii Istorii Materialnoj Kultury", 104. Leningrad. 1935.

**B. Nadel.** Żydowskie dokumenty prawne ze starożytnego Nadczarnomorza (studium epigraficzne). „Biuletyn Żydowskiego Instytutu Historycznego", 27, Warszawa 1958.

**W. W. Szkorpił.** Bosporskije nadpisi, najdennyje w 1907 godu. „Izwiestija Imperat. Archeołog. Komissii", 27. St. Petersburg, 1908.

Bosporskije nadpisi, najdennyje w 1912 godu. „Izwiestija Imperat. Archeolog. Komisii", 49. St. Petersburg.

**R. L. Ehrlich.** Oliwijskaja nadpiś IosPE I², 176. „Dokłady Akademii Nauk SSSR". Seria-B. Leningrad, 1928 (= ASPASMOS. Iwanu Iwanowiczu Tołstomu uczeniki i druzja. Leningrad, 1928).

צום קאפּיטל V:

זע אויבן די ארבעטן פון דערענבורג, הרכבי, קראוס און שירער.

**A. Calderini.** La manomissione e la condizione dei liberti in Grecia. Milano, 1908.

**D. Farbstein.** Das Recht der unfreien und der freien Arbeiter nach Jüdischtalmudischen Recht. Freiburg, 1897 (Dissert.).

**M. Ginzburg.** Uczenije o rabstwie w biblejsko-talmudiczeskom i rimskom prawie. „Jewrejskaja Myśl". I. Petrograd, 1922.

**Z. Kahn.** L'esclavage selon la Bible et le Talmud. Paris, 1867 (Thèse).

**J. Mendelsohn.** Legal aspects of slavery in Babylonia, Assyria and Palestine. Williamsport, P. A., 1932.

**B. I. Nadel.** Bosporskije manumissii. Leningrad, 1947 (dissert.).

Ob ekonomiczeskom smysle ogoworki khoris eis ten proseukhen thopeias te kai proskartereseos bosporkich manumissij „Wietsnik Drewniej Istorii", nr. 1,1948.

Fiłołogiczeskije i dipłomaticzeskije zamietki k bosporskim manimissijam .„Wiestnik Drewniej Istorii", nr 1/1958.

**S. Rubin.** Das Talmudisches Recht. I. Die Sklaverei. Wien, 1920.

**E. Weiss.** Griechisches Privatrecht. I. Leipzig, 1923.

צום קאפּיטל VI — VII:

זע אויבן דעם ארטיקל פון שירער.

**A. B. Cook.** Zeus. A Study in ancient Religion. II—III. Cambridge, 1925—40.

**W. Dittenberger.** Orientis Graeci Inscriptiones Selectae. I—II. Lipsiae, 1903—1905.

**W. Łatyszew.** Epigraficzeskije nowosti iz Jużnoj Rossii. „Izwiestija Imperat. Archeołog. Komissii", 14. St. Petersburg, 1905.

**O. Weireich.** Theoi epekooi. „Mitteilungen des Deutschen Archaeologischen Institus. Athenische Abt.", 1912.

**E. R. Goodenough.** The Bosporus incriptions to the Most High God. „Jewish Quarterly Rewiew", 47, nr 3. Philadelphia, 1957.

**H. Gressmann.** Die orientalischen Religionen im hellenistisch-römanischen Zeitalter. Berlin—Leipzig, 1930.

**T. Knipowicz.** Tanais. Istoriko-archeołogiczeskoje issliedowanije. Moskwa—Leningrad, 1949.

**A. Salač.** Thiasy v Tanaide. „Listy Filologicke", 74, Praha, 1950.


צום קאַפּיטל V:

**W. Łatyszew.** Epigraficzeskije nowosti iz Jużnoj Rossii. „Izwiestija Imperat. Archeołog. Komissii", 10. St. Petersburg, 1904.

**J. J. Marti.** Opisanije Melek-Czesmenskogo kurgana i jego pamiatnikow. Odessa, 1913.

Putiewoditiel po Kerczenskomu muzeju. Simferopol, 1937.

**J. Bernays.** Die Gottesfürchtigen bei Juvenal (Gesammelte Abhandlungen, II. Berlin, 1885).

**H. Graetz.** Die jüdischen Proselyten im Römerreiche unter den Kaisern Domitian, Nerva, Trajan und Hadrian. Breslau, 1884.

**J. Juster.** Les Juifs dans l'empire romain, I—II. Paris, 1914.

**C. Wajsenberg.** Istoriczeskije gniezda Kawkaza i Krima. „Jewrejskaja Starina". St. Petersburg, 1913, nr 1.

ב. נאַדעל. א וויכטיקער מקור צו דער געשיכטע פון די יידן אין מזרח-אייראָפּע אין אָנהויב פון IV י'ה. „בלעטער פאַר געשיכטע“, ב. XI, ווארשע 1958.

ב. נאַדעל. יידן אין מזרח-אייראָפּע פון די עלטסטע צייטן ביז דער מאָנגאָלישער אינוואַזיע (1240). פאַרלאַג „יידיש בוך“, ווארשע 1960. סעריע „קליינע ביבליאָטעק“ נומ. 8.

**B. Nadel.** O trzech artykułach E. R. Goodenough'a do historii kultury i sztuki żydowskiej w starożytności. „Biuletyn Żydowskiego Instytutu Historycznego", 32. Warszawa 1959.

**B. Nadel.** O starogreckich napisach dotyczących Żydów z rejonu Morza Czarnego. „Biuletyn Żydowskiego Instytutu Historycznego", 33, Warszawa 1960.

**B. Nadel.** Bosporskije manumissii i juridiczeskije pamiatniki Palestiny i Iraka pierwych wiekow naszej ery. „Archiv Orientalni", 1/28, Praha 1960.

# רשימה פון באַנוצטע אויפשריפטן

1 — באַדע ל. ביולעטין (ב. 27, 1958), נומ. 10.
2 — לאַטישעו ו. איזוועסטיאַ (ב. 272, 1908), נומ. 6 (ז' 48).
3 — באַדע ל. ביולעטין (ב. 27, 1958) נומ. 7.
4 — באַדע ל. ביולעטין (ב. 27, 1958), נומ. 6.
5 — לאַטישעו ו. אויפשריפטן. ב. IV נומ. 430.
6 — באַדע ל. ביולעטין (ב. 27, 1958), נומ. 8.
7 — באַדע ל. ביולעטין (ב. 27, 1958), נומ. 9.
8 — לאַטישעו ו. איזוועסטיאַ (ב. 37, 1910), נומ. 9 (ז' 75).
9 — באַדע ל. ביולעטין (ב. 27, 1958), נומ. 3.
10 — באַדע ל. ביולעטין (ב. 27, 1958), נומ. 2.
11 — באַדע ל. ביולעטין (ב. 27, 1958), נומ. 1.
12 — שקאָרפּיל. איזוועסטיאַ „ 4.
13 — שקאָרפּיל. איזוועסטיאַ „ 5.
14 — לאַטישעו ו. אויפשריפטן. ב. I (1916), נומ. 176.
14 ב. — „ „ ב. IV, נומ. 436.
15 — „ „ ב. II, נומ. 57.
16 — „ איזוועסטיאַ (ב. 10, 1905), נומ. (ז' 134).
17 — „ אויפשריפטן. ב. II, נומ. 438.
18 — „ אויפשריפטן. ב. II, נומ. 452.
19 — באַדע ל. בלעטער (ב. XI, 1958), ז' 99.
20 — לאַטישעו ו. אויפשריפטן ב. II, נומ. 304 — 306.
23 — לאַטישעוו. אויפשריפטן. ב. IV, נומ. 405.
24—26 — מאַרטי. אַפּיסאַניע, נומ. 167 (1—3).
27—28 — מאַרטי. אַפּיסאַניע, נומ. 98—1, 167—3.
29 — מאַרטי. אַפּיסאַניע, נומ. 98—2, 3, 4, 5, 6.
30 — מאַרטי. זאַפּיסקי אָדעסקאַוואַ אָבשטשעסטוואַ איסטאָרי (ב. 28, 1910), פּראָט. 134.
31 — לאַטישעו ו. אויפשריפטן. ב. IV, נומ. 404.
32 — מאַרטי. אַפּיסאַניע, נומ. 98 א.
33 — לאַטישעו ו. אויפשריפטן. ב. IV, נומ. 426.

# אילוסטראַציע=מאַטעריאַלן




מאַפּע פון די יידישע ישובים אויפן צפון=ברעג פון שוואַרצן ים.




די קערטשער שקלאַפֿן־מאַנומיסיע געפֿונען אַרום 1825 יאָר.
(לויט ל א ט י ש ע װ, אויפֿשריפֿטן, ב. II).




מאַפּע פון די יידישע ישובים אין טראַנסקאַווקאַז און בשכנות.



די פאַרטיידיקונגס־מויערן פון פּאַנטיקאַפּאַיאָן אין I י"ה.
(לויט ב לאַ וואַ ט ס ק י, פּאַנטיקאַפּעי, מאָסקווע 1958).

. ΑΣΙΛΕΥΟΝΤΟΣ ο .

‒ΙΛΕΩΣΛΣΠΟΥΡΓΟ .

. ΙΛΟΡΩΙΜΑΙΟΥΕΤΟΥΣ

‾ΙΤΜΗΝΟΣΔΑΙΣΙΟΥΖ̄

. ΟΔΑΚΟΣΠΟΘΩΝΟΣΑ

. ΑΤΙΘΗΣΙΤΟΝΕΑΥΤΟΥ

. . ΕΠΙ . . ΝΔΙΟΝΥΣΙΟΝ

. ΤΟΝΙ'ΟΙΛΟΝ' ΙΩΝΑΕ

. . Τ . . . . . . . . ΛΠΟΛ

. . . ΟΛΙ .

. . . Σ

. . . ΚΤΗ

. . .

. . .

. . . ΑΝ

. . . Σ .

. . . ΛΘΕ

. . . ΗΣΘΩ

ΙΕΙ . . . ΠΡΟΣ

. ΛΡ . . . ΣΕΩΣ *vac.*

*vac. 0,13 m.*

די פאנאגאריער שקלאפן־מאנומיסיע פון I י"ה.

(לויט לאַטישעוו, אויפשריפטן, ב. II).

די אויפשריפט פון דער בית=תפילה אין אנאפע.
(לויט ל אַ ט י ש ע ו, אויפשריפטן, ב. IV).




די אויפשריפט פון דער בית־תפילה אין אָלביע.
(לויט ל אַ ט י ש ע וו, אויפשריפטן, ב. I, צווייטע אויסגאַבע)




די שקלאַפֿן=מאַנומיסיע פֿון דוזו=קאלע.

(לויט לאַטישעוו, ידיעות פון דער אַרכעאָלאָגישער קאָמיסיע, ב. 27).




די אַנאַפּער שקלאַפן־מאַנומיסיע פון יאָר 40.

(לויט ל אַ ט י ש ע וו, אויפשריפטן, ב. II).



פּאַנאָראַמע פון אַרכעאָלאָגישן רעזערוואַט אָלביע.
(לויט ג א י ד ו ק ע װ י ט ש, אנטיקע שטעט ביים שוואַרצן ים).

פאַנאָראַמע פון דער שטאָט קערטש=פאַנטיקאפּאיאָן אין 1856 יאָר.
(לויט ג א י ד ו ק ע ו י ט ש, אַנטיקע שטעט ביים שוואַרצן ים).

פאַנאַגריער יידישע מצבה פון IV — V י״ה. (לויט ל אַ ט י ש ע ו, אויפשריפטן, ב. IV).

# קורצער זוך־צעטל*)

(עם ווערן אָנגעוויזן די זייטן)

## א.


אזאָווער ים 15, 16, 21
אזיע זע קליין=אזיע
איראַן — איראַניער 16, 17, 20, 21,
24, 28, 30, 70, 87, 108
איראַק זע בבל
אַלעקסאַנדריע 8, 25, 26, 62, 71, 85
אַלביע 9, 15, 16, 28, 43, 44, 77,
78, 90, 114, ? ?
אַנאַפּע זע גאָרגיפּיע
אַנטיאָכיע 63, 75, 85
אַנטיוכוס 27, 30
אספּורגאָס 33, 34.
אפּאָללאָן 31, 51, 78
אפּוטרופּסות 41, 42, 43, 46, 52, 58,
59, 60, 94, 95, 99
אפריקע (צפון=) 15, 26, 62, 85
אַראַבער 13, 25, 28, 93
ארכאָנט 44, 51, 52, 75, 76, 77,
78, 85
ארכעאָלאָגיע 8, 10, 11, 13, 38, 41,
97, אויסגראָבונגען 8, 10, 44, 56
מאַטעריאַלן 72 — 73, 76, 103, 104
אראַמיש 26, 65
ארמעניע — אַרמעניער 17, 19, 24,
25, 108
אשור — אשורים 18, 20, 21, 23, 29
אשכנז זע סקיטע


## ב.


באַגראַטוני 19, 24
באַלקאַנען 15, 16, 31, 79
באָספּאָר — באָספּאָראַנישע מלוכה 16,
20, 25, 28, 32, 35, 45, 50, 52,
53, 54, 60, 63, 65, 67, 71, 76,
77, 82, 83, 89, 102, 103, 104,
107, 108 זע אויך די נעמען פון
די באַזונדערע באָספּאָראַנישע מלכים
און שטעט.
בבל — בבלים 18, 19, 20, 21, 22,
23, 25, 26, 27, 29, 72, 87, 111
בוג — (באָה) 9, 15, 43
ביבל זע תנ"ך
ביזאַנץ 11, 88, 89
בילדער 72, 73, 104
בית המקדש 18, 22, 23, 48, 49, 56
בית חניו 58, 72
בית עלמין 7, 11, 63, 73, 80, 84


---

*) אונטער די שלאָג=ווערטער אין דער פאָרם פון זאַך=ווערטער (למשל, איראַן — איראַניער) ווערן אויך אָנגעוויזן די אייגנשאַפטס=ווערטער פון זעלבן שורש (למשל, איראַניש).

בית תפילה 7, 11, 12, 27, 30, 33, 35, 36, 37, 38, 39, 40 41, 42, 43, 44, 45, 46, 47, 50, 52, 53, 55, 56, 57, 58, 59, 60, 61, 63, 65, 66, 68, 72, 77, 80, 81, 82, 83, 90, 91, 92. 93, 95, 96, 97, 99, 103, 114

בלאוואטסקאיא ט. 97, 100, 104

בלאוואטסקי וו. 91, 92, 97, 98, 114

בעק א. 13, 92, 93, 107

בר כוכבא 18, 23, 29

## ג.

גאידוקעוויטש (וו.) 92, 96, 97, 108, 114.

גארגיפיע 16, 35, 36, 37, 38, 39, 58, 63, 65, 66, 76, 97, 100, 102, 103, 107, 109, 114

גודעטאף ע. 104, 105, 110, 111

גלות 18, 19, 20, 21, 22, 23, 26, 27, 29, 54, 71, 72, 74, 88

גליל 44, 72

גלייכבארעכטיקונג 22, 45, 59, 60, 76

גמר זע קימעריער

גרוזיע — גרוזינער 17, 19, 20, 25, 79

גריכן זע די באזונדערע שלאג־ווער־טער „אלעקסאנדריע", „אלביע", „אפאללאן" אא"וו.

גריכנלאנד 15, 18, 27, 30, 31, 44, 50, 52, 60, 61, 63, 64, 109 זע אויך די נעמען פון די באזונדערע גריכי־שע שטעט

גר — האלבער גר (סעבאמענאס) 7, 18, 47, 52, 53, 55, 62, 63, 65, 66, 70, 71, 72, 73, 74, 75, 76, 81, 82, 83, 88, 95, 103, 107, 110

## ד.

דאן 16, 21, 67, 68

דאקיע 64, 68

דוזו־קאלע 38, 114

דיאספארע זע גלות

דיאקלעציאנוס 80, 83

דעיסמאן א. 94, 95

דעלאס 30, 31 54, 63

דעלף 31, 51, 54, 57, 58

דערענבורג י. 13, 49, 54, 93, 107, 109

## ה.

ההרינוס 23, 29

הונען 38, 89

הורדוס 56, 81

היעראנימוס 20, 22, 29, 83, 107

היפסיסטאס (עליון) 27, 35, 36, 44, 63, 64, 66, 67, 68, 69, 70, 73, 74, 80, 91, 98, 101, 102, 103, 104, 107, 110

העברעיש 12, 23, 26, 37, 81, 81, 86, 87, 107

העליאס 35, 51, 64, 65, 68, 98, 99, 101, 103, 104

העלעניזם 7, 11, 16, 17, 25, 26, 27, 28, 30, 31, 32, 44, 45, 50, 61, 81, 87, 88, 93, 101, 103, 104, 110

הערקלעס 41, 45

הערמאס 42, 45

הרכבי א. 13, 23, 36, 49, 50, 61, 90, 93, 107, 109

## וו.

וויסענבערג (ש.) 84, 110

ז.

זעוס 35, 51, 63, 64, 65, 98, 99, 101, 102, 103, 104, 109
זשיסטער זש. 90, 110
זשעביעליעוו ס. 92, 104

ח.

השמונאים 26, 28

ט.

טאָלסטאָי (אי.) 91, 92
טאַמאַן 11, 15, 16, 30, 33, 34, 45, 50, 87
טאַנאיס 16, 66, 67, 68, 70, 72, 73, 74, 75, 76, 88, 101, 102, 104, 110
טהאַפּעיא (פּאַרערונג) 12, 13, 27, 55, 92, 94, 95
טיגראַנעס 19, 24, 108
טיכע (גליק, מזל) 37, 67, 69, 73, 74*
טעאָדאָסיע 15, 80, 82, 83
טעמפּל 11, 31, 36, 40, 48, 50, 58, 60, 64, 77, 90, 91, 95
טראַנסקאַווקאַז 7, 19, 24, 87, 114
טראַקן 16, 26
טשופוט-קאַלע 22, 23

י.

יהדות 18, 24, 26, 36, 37, 38, 44, 45, 46, 52, 53, 54, 57, 58, 61, 62, 64, 67, 68, 72, 73, 74, 76, 77, 79, 81, 82, 83, 88, 93, 95, 96, 97, 103, 108
יהודה 18, 19, 21, 22, 23
יפו 33, 104
ירושלים 19, 29, 64, 71, 72
ישראל (ארץ-) 18, 19, 20, 21, 23, 24, 25, 26, 47, 50, 61, 72, 111
יידן זע די באַזונדערע שלאַג-ווערטער „בבל“, „בילדער“, „בית הכיו“ אא"וו.

כ.

כאַרענאַצי (משה) 19, 22, 24
כאַפּראַסמאַס 75, 76
כהן 25, 72, 104
כוזרים 24, 85, 88, 89
כוואָלסאָן ד. 23, 86, 107
כערסאָנעס 15, 16, 79, 80
כראָנאָלאָגיע זע ערע, קאַלענדאַר
כריסע 35, 45
כרעסטע 41, 45, 59

ל.

לאַטישעוו (וו.) 13, 39, 41, 66, 77, 90, 91, 92, 93, 107, 108, 109, 110, 112, 113, 114
לוריא ש. 41, 43, 91, 101
לידיע 27, 29, 64, 74
ליטעראַטור יידיש-גריכישע זע סעפּ-טואַגינטאַ, קריסטלעכע 57, 63, 65, 72, 79, 83, 91, 93, 94, 107

מ.

מאַנומיסיע (שקלאַפן - באַפרייונג) 7, 12, 31, 33—43, 46—61, 66, 92—101, 105, 109, 111
מאַסאַליאַנער 36, 91
מאַסיליע 36, 90, 91
מאַקעדאָניע 34, 58, 63
מאַרטי י. 108, 110, 112, 113
מדי זע איראַן
מיטראַדאַטעס 28, 30, 31, 35, 40 (מלך) — 40, 41, 42, 44 (באַרג)

מוזיי 8, אנאפער 37, 38, 97, 98
— ערמיטאַזש (לענינגראד) 35, 36, 41, 66, 67 — קערטשער 33, 34, 40, 41, 80, 87, 110
מיליטער־פאך 30, 34, 72
מלך 19, 24 — באַספּאָראַנישער 33, 35, 37, 39, 41, 42, 46, 70, 74, 75, 84, זע אויך די נעמען פון פון באַזונדערע מלכים
מנורה 73, 84, 85, 86
מעזאָפּאָטאמיע זע בבל
מצבה 11, 31, 34, 40, 63, 84, 85, 86, 88
מצרים 17, 25, 26, 30, 44, 55, 58, 60, 63, 64, 65, 72, 85, 95, 108
מנשה 26, 47, 48, 50, 72

## נ.

נאדעל (ב.) 102, 108, 109, 110, 111, 112
נדר 35, 37, 41, 42, 44, 47, 53, 55, 63, 68, 70, 74, 80, 83, 98
ניבלאָבאָראָס 75, 76

## ס.

סאוראָמאטן זע סארמאטן
סאוראָמאטעס 37, 62, 67
סאבאזיאָס 63, 68, 76
סאָגוס 80, 81, 82, 83, 100
סאָציאַלע באַציונגען 17, 25, 26, 45, 54, 55, 71, 75, 76, 78, 79, 82, 83, 94 זע אויך מאַנומיסיע
סארמאטן — סאַרמאטיע 16, 17, 20
סעפּטואגינטא 26, 29, 63, 64, 65,
ספרד 22, 28, 29
סקיטן — סקיטיע 12, 16, 17, 20, 21, 22, 29, 31, 64, 88, 89, 108

## ע.

עדה זע קהילה
עלעפאַנטינע 30, 65, 72, 75
עלפיאס 43, 45
עפּיגראַפיק 9, 11, 12, 13, 87, 91, 97, 98 זע אויך די באַזונדערע אויפשריפטן אין טעקסט
עפּיפאַניאָס 36, 91
ערליך ר. (פּרוי) 36, 78, 91, 92, 109
ערע 23, 34
עקאָנאָמיק 7, 16, 17, 28, 31, 54, 58, 59, 60, 61, 79, 109
עשרת השבטים 19, 20, 27

## פ.

פּאָליטישע לאַגע 7, 15, 16, 21, 25, 31, 35, 76
פּאנטיקאַפּאַיאָן 12, 15, 16, 33, 34, 40, 41, 42, 43, 44, 50, 51, 54, 55, 66, 67, 68, 73, 76, 79, 80, 82, 83, 84, 85, 86, 88, 94, 103, 114
פּאַפּירוס 44, 55, 60, 65, 94
פּאראמאָנע (תנאי) 33, 34, 42, 46, 51, 56, 58, 59, 96, 97
פּארטיע זע איראַן
פּסיכאריאָן 75, 76
פּרס זע איראַן
פּראָזעליטיזם זע גר
פּראָסעוכע זע בית־תפילה
פּראָסקארטערעסיס (תנאי) 33, 34, 41, 42, 43, 46, 53, 56 — 58, 92 — 97, 109
פּראָפּאַגאַנדע (רעליגיעזע) 57, 62, 76, 88,
פרת (עופראט) 29, 72, 79

## פ.

פאַנאַגאָריע 15, 30, 33, 44, 56, 86, 87, 88, 89, 114
פאַרבאַנד (רעליגיעזער) 65 — 76, 104
פילון יהודי 26, 63, 85, פון ביב־לאָס 64
פילאָזאָפיע 26, 27, 63, 64
פילאָלאָגיע 7, 8, 13, 56, 76, 90, 91, 98, 101, 102
פירקאָוויטש א. 22, 23
פלאַוויוס יוסף 29, 45, 62, 63, 65, 74, 81, 82, 85, 108
פעניקיע — פעניקיער 20, 24, 64
פרעי דזש.־ב. 81, 91, 93, 108
פריגיע 27, 64, 73, 85

## צ.

ציפערן 64, 91

## ק.

קאַווקאַז (צפון־) 7, 9, 15, 17, 18, 70, 110
קאַטאַקאָמבע זע בית־עלמין
קאָטים 39, 40 (I י"ה), 74 (III י"ה)
קאָלאָניזאַציע 18, 27, 28, 29, 30, 31
א. קאַלדעריני 56, 102, 103, 109
קאַלענדאַר 33, 34, 35, 37, 38, 39, 40, 41, 67, 70, 71, 74, 75, 98
קאָם 31, 95
קאַראַימער 22, 23, 24
קהילה 7, 27, 29, 31, 39, 41, 42, 43, 44, 45, 46, 47, 52, 53, 54, 55, 57, 59, 60, 62, 63, 65, 71, 72, 76, 78, 79, 84, 88, 94, 101
קימעריער 16, 20, 21
קיסר (רוימישער) 29, 35, 37, 39, 40, 41, 64, 67, 70, 73, 74, 80, 82, 98, זע אויך די נעמען פון באַזונדערע קיסרים
קליין־אַזיע 15, 18, 21, 24, 26, 27, 28, 29, 30, 31, 32, 44, 52, 58, 61, 63, 64, 68, 70, 73, 74
ט. קניפּאָוויטש (פּרוי) 101, 102, 103, 104, 110
קערטש זע פּאַנטיקאַפּאַיאָן
קערטשער האַלב־אינדזל 45, 87
קערטשער ים־פּאַס זע באָספּאָר
קערטשער קורהאַנען 40, 84, 85, 86, 110
ש. קראַוס 13, 49, 50, 107, 109
קרים 7, 9, 15, 17, 18, 20, 22, 24, 27, 28, 29, 30, 31, 32, 34, 92, 93, 95, 96, 98, 99, 110 זע אויך די נעמען פון די באַזונדערע שטעט
קריסטנטום 61, 64, 65, 76, 77, 79, 80, 84, 88, 105, 108 זע אויך קריסטלעכע ליטעראַטור
קרעטע 30, 64

## ר.

ראָסטאָווצעוו (מ.) 91, 108
רהעסקופּאָריס 41, 42, 98
רוים — רוימער 8, 9, 11, 15, 16, 18, 21, 27, 28, 29, 30, 31, 32, 33, 37, 39, 40, 41, 56, 62, 63, 64, 67, 70, 71, 72, 73, 74, 76, 79, 81, 82, 83, 84, 85, 95, 98, 108, 110
רוסלאַנד (דרום־) 7, 13, 17, 18, 21, 22, 25, 27, 30, 31, 33, 49, 61, 79, 87, 88, 89, 90, 107, 108, 109, 110
רעכט 48, 49, 50, 53, 55, 60, 62, 109
(יידישע) — 49, 50, 51, 52, 53, 55, 58, 59, 60, 61, 109 (גריכי־

שע) — 48, 50, 109 (רוימישע) זע אויך פאראמאָנע, פראָסקארטערעסים

## ש.

שבועה 35, 51, 65, 98, 99, 101, 102, 103, 104
שומרון 18, 22, 23
שווארצער ים 8, 9, 15, 16, 17, 18, 21, 22, 25, 27, 28, 31, 68, 76, 81, 83, 89, 92, 107, 108, 111, 114, 115
שירער ע. 13, 52, 90, 93, 102, 103, 104, 107, 108, 109
שקאָרפיל ו. 80, 109, 112
שקלאפעריי זע מאַנומיסיע

## ת.

תורה 26, 44
תלמוד 9, 13, 24, 27, 48, 49, 50, 55, 61, 81
תנ"ך 9, 13, 20, 21, 26, 29, 39, 48, 49, 61, 63, 72, 87 זע אויך סעפטואַ=גינטע

# אינהאַלט


| | | |
|---|---|---|
| | הקדמה | 7 |
| I | מקורים און היסטאָריאָגראַפיע | 9 |
| II | מזרח=אייראָפּע אין אַלטערטום | 15 |
| III | דער אָפּשטאַם פון דער יידישער באַפעלקערונג אין מזרח=אייראָפּע | 18 |
| IV | די עלטסטע יידישע ישובים אין דרום=רוסלאַנד | 33 |
| V | די רעכטלעכע און סאָציאַלע פאַרהעלטענישן | 46 |
| VI | די יידן און די אַרומיקע פעלקער | 62 |
| VII | די יידישע ישובים אין די דרום=רוסלענדישע געביטן אין III — IV י"ה. קורצע אויספירן | 79 |
| VIII | ביילאַגעס | 90 |
| | 1. די בוי=אויפשריפט פון דעם בית=תפילה אין אַלביע | 90 |
| | 2. דער פּראָסקאַר טערעסים=תנאי אין די יידישע שקלאַפן=באַפרייאונגען פון קרים | 92 |
| | 3. די נייע פאַרעפנטלעכטע שקלאַפן=באַפרייונג פון אַנאַפּע | 97 |
| | 4. אַ נייע אַרבעט וועגן די יודאַייזאַנטן אין טאַנאַיס | 104 |
| | 5. ביבליאָגראַפיע | 107 |
| | 6. רשימה פון באַנוצטע אויפשריפטן | 111 |
| | 7. אילוסטראַציע = מאַטעריאַלן | 113 |
| | 8. קורצער זוך = צעטל | 127 |